YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv05i34

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 5 Issue 34
August 1923

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 5, Iss. 34)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/224

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)

אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט לאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. V. No. 34. New York, Friday, August 24, 1923 .1923 פרייטאג, 24טען אויגוסט, PRICE 3 CENTS

צו אלע אונזערע לאקאלס און דזשאינט באארדס

לויט דעם באשלוס פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטער־נעשאנאל, אויף זיין לעצטען פערטעל־יעהרליכען מיטינג, האבען פרעזידענט זיג־מאן און סעקרעטער באראף ארויסגעשיקט לעצטע וואך פאלגענדען בריף צו אלע אונזערע לאקאלס און דזשאינט באארדס.

„דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז געמאכט געוואָרען אויפמערקזאם אויף די טעטיגקייט פון געוויסע ארגאניזירטע גרופען, וועלכע זיינען, לויט דער מיי־נונג פון דעם ג. ע. ב. אן ערנסטע געפאהר פאר דער יוניאן און פאר דעם וואויל־זיין פון אונזערע מעמבערס. די דאזיגע גרופען געהען אונטער די נעמען „שאפ־דעלעגאטען ליג", „עדיוקיישאנאל ליג" און אונטער אנדערע מאסקעס. אפט זיינען זיי פארבונדען מיט פארשוינען, וואס זיינען גאר ניט קיין יוניאן מעמבערס, וועלכע האבען נאר איין צוועק, ארויפצוצווינגען זייער אונפאראנטווארטליכען און געהיימען קאנטראל אויף אונזערע יוניאנס אין די אינטערעסען פון א באוועגונג, וועלכע איז גאנץ פרעמד צו אונזערע צילען, און וועלכע, אויב זי קען ניט קאנטראלירען די יוניאן, איז איהר ציל צו צוברעכען איהר.

„אזעלכע שעדליכע גרופען און ארגאניזאציעס אין דער יוניאן קענען ניט גע־דולדעט ווערען פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, און דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וועלכער איז מחויב, לויט אונזער קאנסטיטוציע אויפצופאסען אויף אלע אנגעלעגענהייטען, וואס באריהרען דעם וואוילזיין פון אונזער אינטערנעשאנאל, האט באשלאסען איין מאל פאר אלע מאל, צו מאכען א סוף צו אזעלכע מינים טע־טיגקייטען.

„אונזער דזשאינט עקזעקוטיוו באארד אנערקענט דאס רעכט פון יעדען מעמבער צו קריטיקירען די פיהרונגען פון דער אדמיניסטראציע, סיי לאקאל און סיי נא־ציאנאל; יעדער מעמבער האט דאס פולסטע רעכט צו פארטיידיגען אירגענד וועל־כע פאליסים אין דער יוניאן. אבער די צוויי גרונדשטיינער פון אונזער יוניאן, דעמאקראטיע און דיסציפלין, מוזען בלייבען אונבאריהרט.

„אונזער קאנסטיטוציע איז א העכסט־דעמאקראטישער אינסטרומענט. די רעגירונג איבער אונזער יוניאן איז אין די הענד פון דער גרויסער מעמבערשיפ. די מעמבערס זיינען פריי צו מאכען די געזעצען און די רולס, ווי זיי אליין ווילען, און צו פארטרויען די דורכפיהרונג פון זייערע געזעצע צו מענשען פון זייערע אייגענע רייהען, און לויט זייער אייגענעם אויסוואהל. אונזער דיסציפלין איז א פרייוויליגע, וואס מיר אליין לייגען ארויף אויף זיך, און איז נויטווענדיג פאר איר־גענד וועלכע טעטיגקייט, וואס זאל האבען א ווירקונג.

„די פערזאנען אדער גרופען, וועלכע מאכען א פארזוך צו באשטימען די פא־ליסים פון אונזער ארגאניזאציע אין קאקוס־מיטינגען, אויסער דעם רעגעלען מיטינג פון דער יוניאן; און וועלכע זוכען ארויפצוצווינגען זייערע באשליסע אויף די מעמבערשיפ אין אלגעמיין; וועלכע אטאקירען און שמוצען די פארשטעהער פון דער ארגאניזאציע, און שטערען סיסטעמאטיש אלע טעטיגקייטען פון דער ארגא־ניזאציע, גראבען אונטער דעם סאמע פונדאמענט פון אונזער יוניאן, און זיי זיינען איהרע שונאים.

„די לאקאלע יוניאנס ווערען דארום אינסטרואירט צו באפעהלען אלע זייערע מעמבערס פון אזעלכע „ליגס", גלייך אויפצוגעבען אלע זייערע טעטיגקייטען אין זיי אין אירגענד וועלכער פארם. אלע מעמבערס פון לאקאל יוניאנס, וועלכע ווי־לען נאך בלייבען מעמבערס פון די ליגס און ביי אלע זייערע טעטיגקייטען, מוזען געבראכט ווערען צו א טרייעל אויף דער אנקלאגע פון אן אויפפיהרונג, וואס איז שעדליך פאר דער יוניאן, אויף דעם אופן, ווי עס איז פארגעשריבען פון אונזער קאנסטיטוציע.

„לאקאלס און דזשאינט באארדס וועלען געהאלטען ווערען שטרענג פאראנט־ווארטליך פאר די אויספיהרונג פון דיזען באשלוס, און זיי ווערען אויפגעפאדערט צו מעלדען וועגען זייער טעטיגקייט אין דער אנגעלעגענהייט צום דזשאינט עקזעקו־טיוו באארד אזוי שנעל, ווי מעגליך.

„ברידערליך אייער,

„מ. זיגמאן, פרעזידענט.
„אברהם באראף, סעקרעטער."

יוניטי הויז אפען ביז איבער ראש השנה

אויף דעם פארלאנג פון אונזער עולם האבען מיר באשלאסען צו האלטען אפען די יוניטי הויז ביז זונטאג, דעם 16טען סעפטעמבער. די יעניגע, וועלכע ווילען זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט און פארברייננגען אין דער קאנטרי די שעהנסטער צייט פון יאהר, מוזען זיך גלייך רעדזשיסטרירען אין אונזער אפיס אין ניו יארק.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 34.

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש. פון די לאקאלס אין באסטאן. א בעאבאכטער.
זייט 3. אין דער ריפערמאכער יוניאן לאקאל 17 — דזש. העלער.
זייט 4. עדיוקיישאנאל נאטיצען. זאכען, וואס איז גוט צו וויסען.
זייט 5. מיטינג פון דזשאינט באארד קלאוק־ אונדרעסמאכער יוניאן — ה. לאנגער.
זייט 6. צוויי מיטינגען פון לאקאל 22.
זייט 7. דער דורכפאל פון זיג — דאן בוירן (אידיש פון נ. בלינדער.)
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. די קלאוק און דרעס אינדוסטריע — איהרע פראבלעמען און צוקונפט — בער־נארד אקערמאן.
זייט 10. פארווערטס אדער ריקווערטס — א. זעלדין. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. שטורם אין דייטשלאנד — י. חאזא־נאוויטש. לידער — י. אדלער.
זייט 12. וואס די דזש. ב. און סאניטארי קאנ־טראל טוט און דארף ניט טאן — מ. י. אשפיז. עליס איילאנד (פעליעטאן) — דער לעבעדיגער.
זייט 13. קורצע שמועסען. שלוסען פון ערש־טער זייט.
זייט 14. וואס אמאל קען פאסירען אין א יוני־יאן — ל. היימאן.
זייט 15. אדווערטייזמענטס.
זייט 16. לעצטער באריכט צום וויסט און דרעסמייקערס דזשאינט באארד — יוליוס האכמאן.

פילאדעלפיע, אויפגעפאסט!

האט אין זינען, אז די יוניטי הויז פון לאקאל 15, פילאדעלפיא, איז אפען בלויז ביז איבער לייבאר דעי. באנוצט זיך דערום מיט די איבערגעבליבענע עט־ליכע טעג פאר אייער אייגענעם אמת'ען פארגעניגען. נאך לייבאר דעי וועט איי־ער חרטה גאנץ וועניג העלפען.

די אינדזשאנקשאן מגפה אין שיקאגא שלאגט זיך אן אן אפהאלט

אויף דעם פארלאנג פון צעהן דרעס־מאנופעקטשורערס צו קריגען אינדזשאנק־שאנס געגען דער יוניאן, ענטפערט דער סטייט־קאורט לא מיט אן אלף.— שיקאגא קאכט מיט גאמפערס'עם רעדע געגען אינדזשאנקשאן.—גאווער־נאר סמאלל נעמט אויף א קאמיטע פון דער יוניאן. — זיבען יוניאן־מעמבערס ווערען אויסגעשלאסען פון דער יוניאן, ווייל זיי ווילען דוקא בלייבען אין ט. י. ע. ל. — דער ארגאניזיישאן קאמפיין פון די דרעס־מאכער געהט אן מיט זיין גאנצען אימפעט.

אויף דעם סמך, דאס עס האט זיך איינגעגעבען דעם שיקאגא'ער דרעס־מא־נופעקטשורער, מר. מיטשעל, צו קריגען א פעדעראל אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן, האבען 10 אנדערע דרעס־מאנו־פעקטשורערס אין שיקאגא זיך מתקנא גע־ווען און זיך געווענדעט צום סטייט־קאורט פאר אן אינדזשאנקשאן אויף דעם זעלבען גרונד. אזוי ווי זיי האבען אג־רימענטס מיט זייערע ארבייטער, און אזוי ווי מ. פערעלשטיין, דער געפעהרליכער רשע פון דער אינטערנעשאנאל, וויל זיי איבעררעדען צום שמד, דאס הייסט, זיך אנשליסען אן דער יוניאן, על כן פארלאנ־גען זיי פונקט אזא אינדזשאנקשאן, ווי מר. מיטשעל האט עס געקראגען.

אבער אך, ניט אלע ווערען געבארען מיט דעם זעלבען מזל. די 10 מאנו־פעקטשורערס האבען ניט אויסגעפיהרט צו קריגען אן אינדזשאנקשאן. דער דזשאדזש פון סטייט קאורט איז אפנים ניט איינפארשטאנען מיט מר. קארפענ־טער, דעם פעדעראל דזשאדזש, וואס האט געטאן אזא געפעלינקייט מר. מיטשעל.

לויט דעם פסק־דין פון סטייט קאורט דזשאדזש קומט אויס, אז דער אינדיווי־דועלער אגרימענט, וואס דער באס האט געמאכט מיט די ארבייטער, קען ניט אוועקנעהמען דאס רעכט פון דער יוניאן צו ארגאניזירען און פארבעסערען די לא־גע פון די ארבייטער.

דאס איז א שטארקער אפהאלט, אויב ניט א טויט־קלאפ פאר די אינדזשאנקשאן מגפה. דא זעהט יעדער באשיינפערליך, אז די גאנצע אינדזשאנקשאן־ביזנעס איז

(שלוס אויף זייט 13.)

פרעזידענט זיגמאן אין שיקאגא

לעצטען מאנטאג האט פרעזידענט זיגמאן פארלאזען ניו יארק, אום אנווע־זענד צו זיין ביי דעם געריכט־פארהער ווע־גען דער מיטשעל־אינדזשאנקשאן אין שי־קאגא. און געוויס וועט ער שוין אויך מיטפאהרען מיט דער קאמיטע צום גא־ווערנאר סמאל אין ספרינגפילד, עטוואס, וואס ער האט ניט געהאט אויף זיין פרא־גראם, ווען ער האט פארלאזען ניו יארק.

זיכער וועט ער זיך שוין באנוצען מיט דער געלעגענהייט און וועט אפהאלטען אייניגע מיטינגען מיט די פארשידענע לאקאלס און אויך מיט דעם דזש. באארד, וואס מאכט איצט דורך א זעהר שווערען, אבער א זעהר נויטיגען און זעהר ניצלי־כען קאמף. דער הויפט־צוועק אבער פון זיגמאנ'ס איצטיגען פאהרען נאך שיקא־גא איז צו זאגען אונזער מעמבערשיפ, אז ער איז אין דער פולסטער איינפאר־שטענדניס מיט וויס־פרעזידענט פערעל־שטיין אין אלץ, וואס ער טוט, אז פערעל־שטיין ערפילט נאר דעם וואונש פון דער

(שלוס אויף זייט 4)

קלאוקמאכער ארגאניזיישאן קאמפיין אין לאס אנדזשעלעס אין פולען גאנג

מיט דעם אנקומען פון וויס־פרעזי־דענט ס. לעפקאוויטש אין לאס אנדזשע־לעס, האט אלעס אזוי ווי אויפגעלעבט צווישען די דארטיגע קלאוקמאכער. פאר־שוואונדען איז דער פעסימיזם, וואס האט פאראליזירט די ענערגיע פון גאר פילע קלאוקמאכער אין לאס אנדזשעלעס אום צו שטעהן מיט זייער יוניאן און קעמפען פאר א בעסערען לעבען. פארגעסען זיי־נען אלע אמאליגע טענות און קריוודעס, און אלע זיינען באגייסטערט פון איין געדאנק, אז די קלאוקמאכער יוניאן מוז ווידער ווערען א מעכטיגע יוניאן; אז יע־דער קלאוקמאכער מוז זיין א יוניאן־מאן, און יעדער קלאוק־שאפ מוז זיין א יוניאן־שאפ.

גלייך, ווי ער איז געקומען קיין לאס אנ־דזשעלעס, האט וויס־פרעז. לעפקאוויטש צוערשט אפגעהאלטען אייניגע מיטינגען מיט דעם עקזעקוטיוו באארד פון דער יו־ניאן, אום אנצוטאפען, ווי מען זאגט, דעם דופק ביי די סאמע פיהרער פון דער יוניאן. באלד נאכדעם האט ער איינבא־רופען א מיטינג פון דעם לאקאל; און

(שלוס אויף זייט 15.)

באטהראב מייקערס אין א דזשענעראל סטרייק

דער באשלוס פון דער באט־ראב מיי־קערס יוניאן לאקאל 91, מיט דער הסכמה פון דער אינטערנעשאנאל, איז דעם מיט־וואך, דעם 21טען אויגוסט, דורכגעפיהרט געווארען. די באטהראב־מייקערס זיינען ארויס אין סטרייק.

זיי סטרייקען פאר א גרעסערע שטי־קעל ברויט. זיי סטרייקען פאר א געזונ־טען שאפ, וואו זיי זאלען ניט קענען אזוי גיך פאלען קראנקע ביי זייערע מא־שינען; זיי סטרייקען פאר אן ארבייטס־וואך פון 44 שטונדען, וואס זאל זיי גע־בען א שאנס כאטש עטוואס צו געניסען פון לעבען. זיי סטרייקען פאר זייער יוניאן און זייער מענשליכקייט.

דער שלאג־ווארט פון דער יוניאן אין דעם איצטיגען קאמף איז: יעדער שאפ

(שלוס אויף זייט 6.)

באלטימארער קלאוקמאכער יוניאן פייערט איהר זיג דורך א באנקעט

א געוואונענער סטרייק, וואס זאל זיך ענדיגען אהן א שטיקעלע שמחה איז אן אונמעגליכקייט. טאמער פאסירט עס דאך אמאל, איז עס ניט קיין גוטער סמן: אדער דער זיג טויג ניט, אדער עפעס איז דער מעהר מיט די ווינער. דערפאר איז עס גאנץ נאטירליך, אז דער באלטימארער זיגרייכער סטרייק זאל געפייערט ווערען פון דער יוניאן מיט א שעהנעם באנקעט. א חוץ אלעם האט דאך די סטרייק קאמיטע באשלאסען צו געבען פרעזענטען, אלס אנערקענונג, צו ברודער האלפערן, דעם אנפיהרער פון דעם סטרייק, און צו זיין געטרייען און פעהיגען לייטענאנט, ברודער גאלדבערג, דעם מענעדזשער פון דער באלטימארער קלאוק מאכער יוניאן. טו ווי קען מען זיי געבען די דאזיגע פרעזענטען אהן א באנקעט, אהן א ביסעלע רעדען? דערפאר האט מאקע לעצטע וואך שטאטגעפונען דער באנקעט, צו וועלכען עס איז אויך איינגעלאדען געווארען וויס-פרעזידענט האלפערן, און, לויט זיין באריכט, האט ער און אלע איבעריגע זיך זעהר גוט געפיהלט אויף דעם באנקעט. א חוץ א גוטען סאפער און א חוץ די רעדען, אין וועלכע מען האט איהם געלויבט ביז'ן הימעל אריין, אלס דעם פעהיגען גענעראל, האט ער נאך דערצו געקראגען א זעהר ווערטפולע האווארד וואטש. ברודער גאלדבערג האט געקראגען א פיינעם סילווער סעט. און איצט פיהלען אלע, אז אין באלטימאר איז אויפגעטאן געווארען גאר א וועלטען-גוטע שטיקעל ארבייט. די יוניאן, וואס האט געהאלטען ביי דער גסיסה, איז איצט איינע פון אונזערע מעכטיגע יוניאנס. זי איז מאקע הונדערט פראצענט ארגאניזירט. די קלאוק שעפער אין באלטימאר, וועלכע זיינען געווען מעהרסטענטיילס נאן-יוניאן-שעפער, זיינען איצט אלע יוניאן-שעפער. יע, די קלאוקמאכער אין באלטימאר האבען מיט דעם פולסטען רעכט געקענט זיך לאזען וואוילגעהן אויף זייער זיגעס-באנקעט.

וואס א באס קען אמאל איינפאלען

אונזערע לעזער ווייסען שוין פון דעם סטרייק, וואס אונזער אינטערנעשאנאל פיהרט אן אין קעמדען, ניו דזשוירזי. דער סטרייק האלט שוין אן איינגע וואכען. דער באס פון דעם געסטרייקטען שאפ, א געוויסער מר. לעה, האט געגלויבט, אז ער קען אויסמאטערען די אינטערנעשאנאל, און די סטרייקער וועלכע שטעהען אונטער איהר פולער שוץ. ער האט אבער א טעות געהאט אין חשבון. די סטרייקער זיינען נאך אלץ אין קאמף. און קיין ארבייט ווערט ניט געמאכט אין דער פעקטארי. אמת, דער באס האט געקראגען אביסעל סקעבס, אבער אומשטיינס געזאגט, וואס און וויפיל ארבייט סקעבס קענען אויסטאן! אין דעם קלוגען באס פון קעמדען, מר. לעה, געקומען א געדאנק זיך צו ווענדען צום קאורט נאך אן אינדזשאנקשאן. אנדערע באסעס מאכען די דאזיגע קונצשטיק, ווארום זאל ער עס ניט?

האט ער טאקע דאס פראבירט. אבער גאר באלד האט ער זיך דערוואוסט, אז דער עולם אין קעמדען האלט דווקא שטארק מיט די סטרייקער. דער עולם אין קעמדען איז באקאנט מיט אלע פאקטען פון דעם סטרייק. ער ווייס, ווי דער בעל דבר האט באהאנדעלט זיינע ארבייטער; ער ווייסט אויך, וואס פאר א ווידזשעס ער האט זיי געצאהלט, און ער איז נאטירליך, ניט אויף דער זייט פון דעם מאנופעקטשורער, נאר דווקא פון די סטרייקער. די צייטונגען אין קעמדען האבען אויך ניט צו זאגען קיין גוט ווארט פאר איהם, און, נאטירליך, האט זיך ניט געפונען אין קעמדען קיין דזשאדזש, וואס זאל איהם טאן דעם חסד און איהם געבען אן אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן.

עס איז אלזא, ביטער, וואס-זשע טוט מר. לעה? פאהרט ער אוועק אין אטלאנטיק סיטי, און דארט געפינט ער א ריכטער, וואס שטימט איין איהם צו געבען אן אינדזשאנקשאן, ווען ער וועט אויסהערען דעם צווייטען צד. דארף עס די טעג פארקומען דער פארהער פאר דעם דזשאדזש אין אטלאנטיק סיטי, וועלכער וועט פסק'ענען, צי ער זאל יע אדער ניט ארויסגעבען דעם אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן.

אין דער צייט, ווען מיר שרייבען די צייל'ען, איז נאך דער רעזולטאט פון דעם פארהער אונז ניט באקאנט. על פי יושר איז עס שווער צו גלויבען, אז דער דזשאדזש פון אטלאנטיק סיטי זאל באוויליגען אזא אינדזשאנקשאן. דער פאקט דאס דער באס האט ניט געקענט פועל'ען צו קריגען אן אינדזשאנקשאן פון א ריכטער אין קעמדען, דארף זיין דער שטארקסטער ארגומענט פאר א ריכטער אין אטלאנטיק סיטי ניט צו באוויליגען דעם אינדזשאנקשאן. טאמער זאל דעם ריכטער ניט איינפאלען אזא פשוט'ער געדאנק, זיינען דא די לאיערס פון דער יוניאן, הילקוויט און קוזן, וועלכע וועלען זיכער ניט פארפעהלען איהם צו דערמאנען אן דעם. נאר, אויב אפילו דער באס פון קעמדען זאל שוין פועל'ען צו קריגען דעם אינדזשאנקשאן, וועט ער אבער זיכער באלד אויסגעפינען, אז דאס וועט איהם גאר ניט העלפען, ביז ער וועט איינזעהן, אז די איינציגע זאך, וואס בלייבט איהם צו טאן, איז אויפצוגעבען זיין עקשנות און סעטלען מיט דער יוניאן.

די קאנפערענצען צווישען דער יוניאן, דזשאבערס און סאב-מאנופעקטשורערס געהען נאך אן

(שלוס פון זייט 1.)

דזשאבערס און די יוניאן זאלען קענען פארהאנדלען אלע קלענערע סכסוכים.

נומער זעקס לויטעט, אז עס זאל איינגעפיהרט און באשטימט ווערען א סטענדארד פרייז פאר די ארבייט, אזוי אז עס זאל נעהמען א סוף צו דער האלז-שניידענדער קאנקורענץ צווישען די סאב מאנופעקטשורערס, און מיט וועלכער די דזשאבערס האבען זיך אזוי אפט באנוצט.

דאס זיינען די ארויסגעשטעלטע פאדערונגען פון דער אינטערנעשאנאל און פון די סאב-מאנופעקטשורערס. ביז איצט האבען די דזשאבערס איינגעשטימט אויף די צווייטע און דריטע פאדערונגען. וואס אנבאטרעפט די אנדערע פאדערונגען, זיינען זיי ניט אין גאנצען איינשטימיג מיט זיי. זיי ווילען צו זיי צוגעבען געוויסע „אמענדמענטס". איז אט וועגען דעם האנדעלט זיך עס איצט. וועגען דעם ווערט נאך קאנפערירט. פרעזידענט זיגמאן איז אבער גאנץ אפטימיסטיש. ער גלויבט אז עס וועט זיך „אויספרעסען" אין דעם משך פון די ווייטערע קאנפערענצען, און עס איז דארום ניטא די מינדסטע געפאהר, אז דער סטאפּעדזש-פלאן זאל איצט אויסגעפיהרט ווערען.

צו דעם מוז נאך ערקלערט ווערען, אז די דאזיגע פאדערונגען ווערען נאר דערוויל געשטעלט. די פאדערונגען, וואס די יוניאן האט צו שטעלען צו די דזשאבערס כדי צו ברענגען ארדנונג אין דער קלאוק אינדוסטריע, געהען פיל ווייטער. אבער די וועלען ערשט קומען, ווען דער אלטער אגרימענט צווישען די דזשאבערס און דער אינטערנעשאנאל וועט אויסגעהן, און ווען מען וועט צוטרעטען צו דער אויפגאבע צו שליסען א נייעם אגרימענט. אט דאן ערשט וועט די אינטערנעשאנאל שטעלען א י ה ר ע פאדערונגען.

די באטראב מייקערס פערטיג פאר דעם גענעראל סטרייק

(שלוס פון זייט 1.)

קיין דאפעלטע ארבייטס-סיסטעם. אדער בלויז וואך-ארבייט, אדער בלויז שטיק ארבייט.

6. אלע ארבייטער, מיט דער אויסנאהמע פון די קאטערס, מוזען האבען 3 לעגאל האלידעיס, פאר וועלכע זיי מוזען קריגען באצאהלט.

7. קאטערס מוזען קריגען באצאהלט פאר זעקס און א האלב האלידעיס.

8. אווערטיים מוז באצאהלט ווערען דאפעלט, ווי די געוועהנליכע ראטע.

9. די מאנופעקטשורערס דארפען האלטען זייערע שעפער אין א סאניטארען צושטאנד.

דער מיטינג האט זיך אויסגעצייכנעט דורך דער באגייסטערונג פון די פארזאמעלטע, וועלכע זיינען אדרעסירט געווארען פון ברודער גרינבערג, מענעדזשער פון לאקאל 91, פון ברודער דזשיאוואניטי און אנטאניני.

עס איז כדאי צו באמערקען אז די מערסטע באטראב ארבייטער זיינען איטאליענער.

וויסטמאכער יוניאן אין פילאדעלפיא פארפליכטעט זיך צו העלפען אין דעם קאמף געגען פאשיזם אין אמעריקא

אויף דעם מיטינג פון לאקאל 15 איז ניט לאנג צוריק אויפגענומען געווארען די פראגע פון פאשיזם אין אמעריקא. די איטאליענישע מעמבערס פון דעם לאקאל האבען ערקלערט, אז די פארטגעשריטענע ארבייטער אין אמעריקא טארען ניט בלייבען גלייכגילטיג צו דער פארשפרייטונג פון דער דאזיגער פעסט. מיט דעמזעלבען פערלאנג האט זיך אויך געווענדעט צו לאקאל 15 דער איטאליענישער טשעמבער אוו לייבאר פון ניו יארק, און נאך א גרינדליכער דיסקוסיע איז אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציע:

„אזוי ווי די פאשיסטישע באוועגונג אין איטאליען אונטער דער פיהרערשאפט פון דיקטאטאר מוסאליני, טוט אלעס אויסצושפרייטען איהר איינפלוס אויך אין אמעריקא, אום צו פארניכטען אלעס, וואס אונזערע איטאליענישע ברידער ארבייטער האבען אויפגעבויט אין דעם משך פון פילע יאהרען פון קאמף און זעלבסטאפפערונג, און

„אזוי ווי די דאזיגע פאשיסטישע באוועגונג ווערט גוטגעהייסען פון אלע טשעמבערס אוו קאמערס, פון די ראטארי קלאבס און פון די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאנס, וועלכע האלטען אין איין קעמפען געגען די ארבייטער באוועגונג, זיי עס

„באשלאסען, דאס די וויסט און דרעס מייקערס יוניאן אין פילאדעלפיא פארפליכטעט זיך צו געבען איהר מאראלישע און פינאנציעלע הילף צו דעם איטאליענישען טשעמבער אוו לייבאר אין ניו יארק אין זיין קאמף געגען די פאשיסטישע באוועגונג אין אמעריקא, און אזוי ארום העלפען אויפצוהאלטען די איינהייט פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, פון וועלכער אונזערע איטאליענישע טרייד-יוניאניסטען זיינען א געטרייער און אונצוטיילבארער טייל."

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

דער דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער יוניאן באשליסט צו צולאזען צו צוויי איטאליענישע דעלעגאטען פון די לאקאלס 9 און 35 און צוויי דעלעגאטען פון דעם רוסיש-פוילישען ברענטש.

• • •

די ליידיס ווייסט און דרעס פירמע לאק ענד קאמפאני פון 344 בלעיק עוועניו, ביי וועמען די יוניאן האט אנגעפיהרט א ביטערען און לאנגען קאמף ווערט ענדליך געצוואונגען צו פארלאזען בראנזוויל און מיט דער גאנצער הילף וואס דיזע פירמע האט געהאט פון איהרע פריוואטע גאנגסטערס און שטאדטישע פאליס זיינען זיי דאך רואינירט געווארען און אין גאנצען ארויס פון ביזנעס.

• • •

זיבען און א האלב מיליאן דאלאר קאסט שוין דער קליוולאנדער סטרייק. די מאנופעקטשורערס קאסט דער סטרייק א האלבען מיליאן דאלאר א וואך. די סקעבס צולויפען זיך און קיין נייע קומען ניט צו. ניו יארקער שאפ טשערליים פאסען א רעזאלוציע ארייננצונעמען דעם סטרייק אין זייערע אייגענע הענט און שאפען מאראלע און פינאנציעלע שטיצע. פילאדעלפיער קלאוקמאכער טעקסען זיך מיט 5 פראצענט פון זייערע שכירות לטובת דעם סטרייק אין קליוולאנד. עהנליכע שטיצע קומט אויך פון טאראנטא, קאנעדע.

• • •

נאכדעם ווי די יוניאן האט אויפגעמאכט פון דער קלאוק פירמע ב. שווינער, 26 דאלאר פאר „ברודער" וואולף גראדנער פון 1880 וואשינגטאן עוועניו האט ער זיך געקויפט פאר דעם געלט א טיקעט און איז אוועקגעפאהרען אין קליוולאנד — סקעבען...

אנדערהאלבען מיליאן רעוואלוציאנערען אין אמעריקא

די קאנווענשאן פון דער אמעריקאן באר אסאסיאיישאן, וואס דארף פארקומען דעם 28טען אויגוסט, אין מינעאפאליס, האט היינט פארעפענטליכט א באריכט פון איהרער א קאמיטע, אין וועלכער עס ווערט געזאגט, אז אין אמעריקע זיינען פאראן אנדערהאלבען מיליאן „רויטע", וואס ווילען דא דורכפיהרען א רעוואלוציע. פאראן אויך 400 רעוואלוציאנערע צייטונגען, וואס ווערען געלייענט פון פינף מיליאן מענשען. אויב אמעריקא וועט ניט אויפפאסען, סטראשעט דער באריכט, וועלען מיר דא באלד האבען א רעוואלוציע.

דער באריכט רעקאמענדירט, אז דער קאנגרעס זאל דורכפיהרען געזעצען, וואס זאלען אפשטעלען די רויטע געפאהר.

פרעגט אייער שכן אין שאפ

צי ער ערהאלט די „גערעכטיגקייט" יעדע וואך, אויב ניט, זאגט אים, וואס ער דארף טאן אום ער זאל דאס יא קריגען.

טהוט דאס צוליב זיך

ווייל ווען איינער לייענט נים די „גערעכטיגקייט" ווייס ער נאטירליך ניט וואס עס טוט זיך אין זיין יוניאן און אין אלע אנדערע יוניאנס, און מיט אזא איינעם איז אויף אזוי פיל שווערער זיך צו פארשטעהן און מאנכעס מאל אונמעגליך אויסצוקומען.

אויב איינער קריגט נים די „גערעכטיגקייט", איז אלעס וואס עס דארף געטאן ווערען איז זיך ווענדען צו דעם סעקרעטער פון לאקאל, אדער שרייבט דירעקט צו

Publication Dep't, I. L. G. W. U.

3 WEST 16th STREET, NEW YORK, N. Y.

אין דער ריפער מאכערס יוניאן לאקאל 17

מיר האבען אין די לעצטע פאר וואָכען געהאט איינציגע שעפער אין סטרייק. די אורזאכען פון די סטרייקס זיינען, וואס מען קען אנרופען, מאָדערנע. ווי איהר ווייסט איז היינטיגע צייטען זעהר זעלטען דאָ א סטרייק פאר העכערע ווייזדזשעס, פאר א ריסטשארדזש אדער וועלכע ניט איז אנדערע רוטינע אורזאכען. היינטיגע צייטען אז מען סטרייקט, סטרייקט מען שוין פאר עקזיסטענץ, און וועלכעס אלעס איז אפהענגיג פאר דעם עקזיסטענץ פון דעם שאפ אליין. די באסעס ווילען איינפאך ווערען דזשאבערס און טוט זיי עפעס.

איהר פארשטעהט, אז אזא לאגע איז ניט קיין זעהר אנגענעמע. אמאל ווען מען האט זיך אנגעשטויסען אן א שאפ האט איהר געפיהלט, אז איהר האט עפעס צו באקומען. דער שאפ איז געשטאנען אויף א מעהר אדער ווייניגער זיכערען באדען. ביידע צדדים, סיי דער באס און סיי די ארבייטער, האבען געפיהלט, אז זיי האבען עטוואס אין קאן, וואס איז ווערט צו פארטיידיגען. איהר האט געפיהלט און באגריפען די באדייטונג פון דעם ווארט „קלאסען קאמף".

היינט איז די געשיכטע א גאנץ אנדערע. די באסעס באגריסען אייך גאנץ גוט, ערקלערען זיך אין ליבע דעם ארבייטער קלאס, פארזיכערען אייך מיט אלעס וואס איהר ווילט נאר, אז מיט דער יוניאן וועלען זיי זיך ניט „פייטען" און כתה'עין זענגען זיי זיך מיט אייך און אויס— זיי געהן ווערען „דזשאבערס".

אט האבען מיר די וואך געהאט א פאל מיט דער פירמע „ערעלסאן און רינר". דיזע פירמע איז איינע פון די עלטסטע אין אונזער טרייד.

פאר דעם לעצטען יאהר האבען מיר געטאן אלעס מעגליכעס צו זעהן א י נ ־ ה א ל ט ע ן דעם שאפ, אלס א שאפ און ניט אלס א „שאורום". מיר האבען גע־דיינקט, אז אלעס איז גוט און וואויל. לאזט זיך אויס, אז מיר האבען א טעות געהאט. די פירמע האט פלוצלונג ער־קלערט איהר פארלאנג צו ווערען „דזשא־בערס". זיינען מיר געווען געצוואונגען צו האבען א גאנץ ערנסטען איבעררייד מיט דער פירמע. איהר קענט זיך פארשטעלען ווי ווייט אונזער מיספארשטענדניס איז געגאנגען, אז מיר זיינען געווען געצוואונ־גען צו סטאפען דעם שאפ, און דער שאפ האט טאקע געסטאפט ביז מיר האבען זיך אויסגעגליכען. דער שאפ איז פארבליבען ווי געוועזן, די פירמע האט פארזיכערט צו געבען 14 וואכען ארבייט ביז דער ענדע פון יאהר און די ארבייטער האבען זיך אומגעקערט צוריק צו דער ארבייט.

מיר האבען אויך געהאט א היבש ביי־סעל טראבעל מיט דעם שאפ „אייטש, בי, אר, קלאוק קאמפאני". אין דיזען שאפ האבען די ארבייטער ניט געהאט קיין אר־בייט פאר א לענגערע צייט. דאס אבער איז איצט ניט קיין געפערליכע איבער־ראשונג צו הערען. ס'זיינען דא פילע שע־פער וואס האבען קיין ארבייט ניט, האבען אבער די ארבייטער געהאט אן אויבער־פלעצליך ריכטיגע טענה: זיי האבען ערקלערט, אז דער שאפ וואו זיי ארביי־טען באלאנגט צו דעם דזשאבער ה. ב. רובין און זיי האבען געוואלט, אז די יוניאן זאל ערקלערען א סטרייק געגען דזשאבער און אים צווינגען צו שיקען ארבייט אין זיין שאפ.

די דזשאינט באארד האט אבער אין דיזען מאמענט ניט געקענט פעסטשטעלען דעם צוזאמענהאנג פון דיזע ביידע פיר־מעס. און דאס פעסטשטעלען האט זיך גענויטיגט אין א לענגערע אונטערזוכונג, וואס וואלט גענומען, אז די ארבייטער וואלטען געדארפט סטאפען.

די יוניאן האט דעריבער געמאכט א צייטווייליגען סעטעלמענט מיט דער פיר־מע, נאכדעם ווי 11 אפערייטארס האבען פרייוויליג פארלאזען דעם פלאץ. די אר־בייטער האבען זיך אומגעקערט צוריק צו דער ארבייט. מיר האפען, אז אמווייניג־סטענס ביז דער ענדע יאהר וועט דארטען זיין שלום... אבער וועגען דעם איז דא א גרויסער פראגע־צייכען.

די יוניאן מאכט איצט אן אבלאווע אויף די שעפער. פון איין זייט ארבייט א סקאדראן אקאונטענטס אויף דער אונ־טערזוכונג פון די ביכער פון די באסעס און פון דער צווייטער זייט זוכען די ביז־נעס אגענטען די ביכלאך פון די מעמ־בערס. מיר האפען אז זיי וועלען ביידע מאכען סוקסעס אין זייער ארבייט.

נאר פונדעסטוועגען וואלט פיל בעסער געווען ווען מיר קענען האבען אזא כארט יוניאן וואס וואלט ניט געדארפט שיקען איהרע פארטרעטער אויף אכאטע צו כאפען אין פלען איהרע אייגענע אונטער־טאנען (אחן די נויטיגע פאספארטען). וואלט ניט פיל שעהנער און בעסער געווען ווען יעדער מיטגליד זאל זיך אליין דער־מאנען אז מען דארף באצאהלען אין דער יוניאן? דארף מען עס ווירקליך אלע יאהר האבען אט דיזע צוואנגס מעטאדע? זיינען מיר ניט ערפארען גענוג, אז די דיוס דארף מען באצאהלען? מיר וואל־טען געבעטען אונזערע מעמבערס אפ־צוטאן די ביזנעס אגענטען א שפיצעל — באצאהלען נאך איידער זיי יאגען זיך אין שאפ. דאן וועלען זיי ערשט איינזעהן אז זיי האבען א סך וויכטיגערע ארבייט דורכצופירען. טום עס.

אונזער יוניאן האט איצט לאנגע „צום וואהל אם בעסטענס". דער פאקט איז דער, אז מיר האבען א היבשע צאהל צו די מיטינגען וואס פארערען — וואהל אם בעסטען צום ערשטען. נאטירליך אזא זאך קען ניט נאכגעגעבען ווערען, ווייל דער טאגעס ארדנונג מוז זיין א טאגעס־ארדנונג, אבער „צום וואהל און בעסטען האבען מיר יא. אין יעדען דאנערשטאג אוונט רעדען מיר זיך צוזאמען אויף א גאנץ אינטערעסאנטען אופן.

נאטירליך, קלייבען מיר ניט אויס קיין פראגען. יעדער פראגע האט איהר פראַץ אין דיזע דעבאטען. מיר האבען ניט אזעלכע זאכען ווי „דאס מעג מען רעדען און דאס טאר מען ניט רעדען". אונזערע מיטגלידער זיינען טאלעראנט און הערען יעדען איינעם אויס און אינטעליגענט גע־נוג צו קענען אנדרייטען די גוטע און די שלעכטע זייטען פון אונזער לעבען.

מיר וואלטען נאטירליך געוואלט אי־בערגעבען די דעבאטען פון לעצטען דאָ־נערשטאג אוונט. מיר האבען ווירקליך געהאט א וואונדערבארען מיטינג. אונ־זערע מיטגלידער האבען דערפיהלט די הארץ פון די אויסגעשפראכענע געדאנ־קען. נאר מיר האלטען זיך צוריק, מיר גלויבען, אז דער בעסטער פלאץ צו קרי־גען א באגריף פון דעם לעבען און טעטיג־קייט פון אונזער ארגאניזאציע, איז דער רעגעלער מיטינג. קומט צו די מיטינגען און איבערצייגט זיך אליין.

דזש. העלער, סעק.

אויפמערקזאם!

ווער עס האט אין אפיס פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22, גע־פונען א פאר אויגענגלעזער איז גע־בעטען זיי צו ברענגען אין דער יו־ניאן, 1 וועסט 21טע סט., אויפ'ן סטופ, צום קלוירק.

2121 וואשינגטאן סט., וועלכע באשעפ־טיגט איבער 100 מענשען. דיזע פיר־מע ארבייט אויף א רעגירונגס־ארדער, און סיי דער מאנופעקטשורער און סיי די ארבייטער האבען געוואלט וואס גי־כער אויסצופילען אלערליי שווירינגקיי־טען. א צווייטער מאנופעקטשורער, וואס האט געסעטעלט מיט דער יוניאן, איז די ביקאן רייינקאוט קא., 70 ביטש סט. די דאזיגע פירמע איז די גרעסטע אין רייינקאוט און גאבארדין טרייד, און ווערט באטראכט אלס דער פיהרער אין דעם ליין. מר. דאגלאס, דער אייגענ־טימער פון דער ביקאן רייינקאוט קא., איז א געוויסענהאפטער ארבייטס־געבער, און ער איז געווען אזוי אויפגעבראכט געגען דער אסס'ן, וואס האט דערלאזען צו א סטרייק, אז ער האט פארגעשלא־גען זיין גאנצע הילף, כדי די ארבייטער זאלען קריגען זייערע פאדערונגען, וועל־כע ער האלט פאר גערעכטע. די הילף, וואס ער האט אנגעבאטען, איז פאל־גענדע: ער איז באריט צו העלפען ברודער מאנעסאן, וועלכער איז דער פיהרער פון סטרייק, צו עפענען אן אנ־צאהל שעפער, וואו די סטרייקער זאלען באשעפטיגט ווערען אויף די באדינגונ־גען, וועלכע די יוניאן האט געשטעלט, און דערכיט העלפען דער יוניאן צו א זיג איבער דער אסס'ן.

דער דאזיגער פארשלאג ווערט איצט באטראכט פון דער סטרייק־קאמיטע, און איהר באשלוס וועט באקאנט גע־מאכט ווערען צו אונזערע מעמבערס דורך דער „גערעכטיגקייט".

ביז איצט האבען עלף פירמען, פון א סך הכל פון 40, געסעטעלט. מיר ערווארטען, דאס כמעט אלע אינדעפענ־דענט מאנופעקטשורערס וועלען האבען געסעטעלט ארום נעקסטע וואך.

די וואך

פון מאקס ד. דעניש

די חעדרען פון קניט.

אנפאנגענדיג מיט סטובענוויל, אין אהייא, ביז מייקאן, אין דזשארדזשיא, אין היינטיגע וואך געזען א וואך פון מאב-טעראר. אפילו אין אמעריקא איז אזא וואך פון שווארציגע מאב-מעשים א זעלטענהייט.

טולסא, אקלאהאמא, איז פון גא-וועלנאר וואלטאן געשטעלט געווארען אונטער קריגס-געריכט צוליב דעם, וואס א גרופע אוואנטוריסטישע „נייטסער" אין ווייסע קאפושאנען, די קו קלוקס העלדען, האבען געקידנעפט, געשמיסען און ארויסגעטריבען פון שטאָדט א גע-ווייסע צאהל בירגער, וועלכע געפעלען ניט די צניעות'דיגע קו קלוקסער — אדער צוליב דעם קאליר פון זייער הויט, צוליב זייער רעליגיאן, ראסע אדער זייער אלגעמיינעם לעבענס-ארט. אין מייקאן, דזשארדזשיא, ווערט דער קרייצצוג פון די ווייסע הולינאנעס געריכטעט הויפט-זעכליך געגען די נעגערס, וועלכע ווע-רען געכאפט אין מאסען, ווערען גע-שלאגען, געשמיסען און געמאטערט אויף אזא אופן, וואס איז ניט געהערט גע-ווארען אפילו אין דער „אוינער אומ-גליקליכער היים פון די נעגער אין אמע-ריקא.

אין סטובענוויל פלאקערט א קאמף צווישען די קלוקסערס און זייערע געג-נער, וועלכע ווילען זיך ניט לאזען דיק-טירען פון די ווייס-הויטיגע באנדעס, וועלכע וואגען צו נעהמען דאס געזעץ אין די אייגענע הענד און ארויפצווינגען עס דורך ביקס, קנוטע, אדער זשענאכץ און פעדערען. ביידע זייטען מאבילי-זירען זייערע כחות, און אויב די מאכט פון שטאט וועט זיך ניט אריינמישען אין צייט וועט צווישען זיי אויסברעכען א בלוטיגער צוזאמענשטויס, וואס וועט אויפטרייסלען דאס גאנצע לאנד.

אין אלגעמיין שטייגט אויף דער מאב-גייסט זעהר הויך, און די ברוטאלע אינטאלעראנץ הויבט אויף איהר קאפ איבעראל. ווען די רעגירונג האט אין דער צייט פון דער מלחמה געטראטען מיט די פיס אויף די רעכטע און פריי-הייטען פון די אמעריקאנער בירגער, אונטער דעם אויסרייד פון „מלחמה-נויטווענדיגקייט", האט זי אויסגעטרא-טען א וועג פאר די איצטיגע קו קלוקס-גרויזאמקייטען. דאן איז געקומען פּראָ-היבישאן, וועלכע האט צוגענומען דאס רעכט פון דעם איינצעלנעם צו עסען און טרינקען וואס ער וויל. וואס-זשע איז דער וואונדער, אז איצט שמייסט מען און מען לינטשט מענשען אין דזשארדזשיא און אהייא דערפאר ווייל זיי קומען אהיים צו שפעט ביינאכט, אדער ווייל זייער מאראלע אויפפיהרונג געפעלט ניט די גאט-סטראפטשעס פון דעם קו קלוקס קלען? דאס איז דאך ניט מעהר ווי נאך א לאגישער שריט אויף דעם זעלבען וועג.

סטיינמעץ און דער 4-שטונדיגער ארבייטס-טאג

דר. טשארלז פ. סטיינמעץ, דער בא-ריהמטער עלעקטריציטעט עקספערט, האט לעצטע וואך געמאכט אן „איבער-ראשענדע" ערקלעהרונג. ער האט נעמ-ליך געזאגט, אז לויט דעם איצטיגען טעמפּ פון וועלט-פארשריט, וועט נאך ניך קומען די צייט, ווען מענשען וועלען מעהר ניט דארפען פראצעווען לאנגע שטונדען ביי רוקען-ברעכענדע ארבייטען, און וועלען ארבייטען ניט מעהר ווי 4 שטונדען א טאג. „עלעקטריציטעט וועט ברענגען דערצו", זאגט דר. שטיינמעץ. „די איבעריגע צייט פון טאג וועלען מענשען קענען אפגעבען אויף ארביי-טען, וואס אינטערעסירען זיי מעהר ווי זייער טאג-טעגליכע ארבייט פאר א לע-בען צו מאכען."

דער דאזיגער „מכשף" זעהט מיט זיין גייסטיגען אויג נאך אן אנדער לע-בען אין הונדערט יאהר ארום. אין יאהר 2023, דאס הייסט אין הונדערט יאהר ארום, וועלען זיך מענשען וואונ-דערען ווי הילפלאז מיר זיינען געווען אין אונזער לעבענס-קאמף. עס וועלען דאן מעהר ניט הענגען קיין וואלקענס פון רויך איבער די שטעדט. אין די גאסען וועט זיך מעהר ניט וואלגערען קיין שמוץ. יעדער שטאָט וועט זיין זויבער-ריין. און דאס אלעס וועט אויפ-געטאן ווערען דורך עלעקטריציטעט. עלעקטרישע קראפט וועט שטעהן צום דינסט פון יעדען איינעם, אפילו פון די אָרימסטע. עלעקטרישע קראפט וועט באנוצט ווערען אזוי אלגעמיין, פונקט ווי וואסער ווערט היינט באנוצט.

„אבער ווען איך זאג", באמערקט סטיינמעץ, „אז די ארבייטער וועלען ארבייטען בלויז 4 שטונדען א טאג און 200 טעג אין יאהר, מיין איך ניט צו זאגען, אז זיי וועלען פוסט-און-פאסט-ווען די איבעריגע צייט. זייער לעדיגע צייט וועלען זיי פארשווענדען אויף אזעלכע פּראָדוקטיווע ארבייטען, וואס וועלען צופרידען שטעלען זייערע אינ-סטינקטיווע נייגונגען. פון איין זייט וועלען מיר זיין מעהר קאלעקטיוויסטיש אין דער פּראָדוקציאן פון די נויטווענ-דיגקייטען פון לעבען, פון דער אנדערער זייט אבער וועלען מיר זיין א סך מעהר אינדיווידואליסטיש אין אונזער דראנג נאך גליק און צופרידענהייט".

דר. שטיינמעץ האט ווייטער פאר-אויסגעזאגט, אז עס וועלען זיין אין דער צוקונפט נאך גרעסערע און א סך מעהר שוידערליכע מלחמות, ווי ביז איצט. ער האט אבער נביאות געזאגט, אז „קאאפעראציע צווישען מענשען וועט ענדליך לייזען אלע שווערע פּראָבלעמען פון דער מענשהייט. דער אינסטינקט פון ברידערשאפט וועט ענדליך זיגען, און די זעלבסטזיכטיגע גייציגקייט וועט אפטרעטען דעם ארט פאר ענטוזיאס-טישער קאלעקטיווער צוזאמענארבייט מיט'ן גאנצען הארצען". ביי דיזער געלעגענהייט האט ער באמערקט, אז ער גלויבט, דאס צוליב די קאלעקטיוויסטי-שע נייגונגען פון די סלאווישע פעלקער וועלען זיי ווערען די הערשענדע ראסע פון דער צוקונפט.

סאציאליסטישער אפיקורסות, דאכט זיך! א וואונדער ווי אזוי אזא מא-טעריאל האט געפונען פלאץ אין דער פרעסע פון ניו יארק אויף די ערשטע זייטען, אפילו ווען דאס קומט פון אזא מאן ווי שטיינמעץ. אין אפשר קען מען דאס ערקלעהרען דערמיט, וואס נאך אלעמען רעדט דא שטיינמעץ פון דער צוקונפט, פון דעם וואס עס וועט זיין אין הונדערט יאהר ארום — א שטיקעל מהלך פון דערסטווענען.

די אנערקענונג פון מעקסיקא.

די אנערקענונג פון מעקסיקא איז שוין איצט א זיכערע זאך.

די אמעריקאנער קאמישאנערס, וועל-כע זיינען אוועקגעפאהרען מיט עטליכע חדשים צוריק קיין מעקסיקא סיטי, כדי צו קומען צו א פארשטענדיגונג מיט די מעקסיקאנער פארטרעטער וועגען די פראגען פון אויל און לאנד, וואס בא-לאנגט צו אמעריקאנער אין מעקסיקא, זיינען שוין צוריקגעקומען קיין וואשינג-טאן. זיי האבען אונטערגעשריבען אן אפמאך מיט די מעקסיקאנער פארטרע-טער, וואס וועט פיהרען, ווי מען גלויבט, צו דער אנערקענונג פון דער מעקסי-קאנער רעגירונג.

די מעקסיקאנער האבען משמעות גאנץ טייער באצאהלט פאר דער בע-פארשטעהענדער אנערקענונג. ווי די ציטונגען גיבען איבער, האבען די מעק-סיקאנער צוגעשטימט צו פארבויגען זייער איינענעם קאנסטיטוציאנעלען פונקט אין באצוג צו שטאאט-אייגענטום פון אונטערערדישע רייכטימער, ווי אויל און אנדערע מינעראלען. זיי האבען צוגעשטימט דערצו, אז דער דאזיגער קאנסטיטוציאנעלער פונקט זאל ניט אנריהרען די אייגענטומס-רעכט פון די אמעריקאנער, וואס זיי האבען באקומען פאר דעם יאהר 1917. עס וועלען צו-זאמענגעשטעלט ווערען ספעציעלע קא-מיטעס, וועלכע וועלען פעסטשטעלען די פארלוסטען פון אמעריקאנער בירגער דורך דעם דאזיגען געזעץ, און די דא-זיגע פארלוסטען וועלען גוטגעמאכט ווערען.

פון א בריטישען אינטערנאציאנא-לען שטאנדפונקט זיינען די דאזיגע קאנצעסיעס און קרבנות פון מעקסיקא, ווי גרויס ווי זיי זאלען ניט זיין, דאך ניט צו קיין גרויסער פרייז פאר דער אמע-ריקאנער אנערקענונג. מיט דער אמע-ריקאנער אנערקענונג וועט די נייע מעק-סיקא האבען א גרעסערע געלעגענהייט זיך צו אנטוויקלען אין דער פראגרע-סיווער ריכטונג, וואס זי האט פאר זיך אנגעצייכענט אין די לעצטע עטליכע יאהר. די אנערקענונג פון מעקסיקא וועט חוץ דעם מאכען א סוף צו די מיליטאריסטישע פראפאגאנדע, וואס איז די לעצטע יאהרען אנגעפיהרט גע-ווארען אין אמעריקא, וואס האט געצילט אריינצושלעפען אמעריקא אין א קריג מיט מעקסיקא. אזא קריג וואלט גע-וויס געפיהרט דערצו, אז מעקסיקא זאל אנעקסירט ווערען פון די פאראייניגטע שטאאטען. דיזע פאלשע נביאים פון בלוט-פארגיסונג און רויבערייען וועלען איצט געצוואונגען זיין אויפצוגעבען זייער אר-בייט און וועלען זיך מוזען באנוגענען מיט דער „ציוויליזאציאנס" ארבייט וואס אונזער לאנד טוט אויף א גרויסען מאסשטאב, ווי למשל אין די פיליפי-אינזלען און אין סאן דאמינגא.

דער גערעס-באריכט וועגען עלים-אייילאנד

נאך א גרינדליכער אונטערזוכונג, האט סער אקלאנד גערעס, דער בריטי-שער אמבאסאדאר צו די פאראייניגטע שטאאטען, געמאכט די באמערקונג, אז ער וואלט בעסער פארגעצויגען זיך צו געפינען אין סינג-סינג איידער אין עלים אייילאנד.

דאס איז אפשר ניט עלעגאנט פון זיין זייט, אבער זיין באמערקונג איז זעהר א שארפע און טרעפענדע. קיין וואונדער, וואס זיין רעפארט, וועלכער איז באקאנט געווארען איבער דער גאנ-צער וועלט, האט אנגעמאכט א פאניק צווישען די אימיגראנטען-באאמטע. קיין וואונדער וואס גלייך נאכדעם ווי זיין באריכט איז פארעפענטליכט געווארען, איז די פרעסע אנגעפילט געווארען מיט געגען-ערקלעהרונגען און באהויפטונגען פון די אימיגראציאן-באאמטע, אין וועל-כע, אויב ניט אלעס, א גרויסער טייל פון דעם וואס אמבאסאדאר גערעס וואס ווערט אפּגעליקענט. עס פאר-שטעהט זיך, אז די דאזיגע אפּלייקע-נונגען ענטהאלטען אין זיך מעהר בי-טערקייט ווי פאקטען.

דער גערעס-רעפארט איבער די צו-שטענדע אין עלים אייילאנד, פונקט פאר פונקט, זעהט אויס ווי אן אונטערזו-כונגס-רעפארט פון אן אמעריקאנער פריזאן. צווישען די זאכען, וואס קע-נען לייכט אויסגעבעסערט ווערען, רעכ-נעט ער אויס דאס וואס די הייזער אין עלים אייילאנד ווערען ניט געוואשען און גערייניגט מיט זייף, וואסער אדער הייסע וואסער; דאס וואס די טאילעטס זיינען ניט ריין און ניט אפגעזונדערט, און די גוואלדיגע ענגשאפט דארט. דער אמבאסאדאר מאכט צוועלף רעקאמענ-דאציעס, פון וועלכע די וויכטיגסטע זיי-נען: בויען א נייע אימיגראציאנס-סטאנציע, וואו עס זאל באזארגט ווע-רען כשר'ע שפייז; גרינדליכע אויסבע-סערונגען פון די עקזיסטירענדע געביי-דעס, מיט באקוועמערע וואוינונגען פאר די וואס ווערען פארהאלטען און מיט מעדיצינישע פארזארגונגען; באזארגען א נייע סטאנציע פאר קרימינעלע פאר-האלטענע, און אז אמעריקא זאל וואס שנעלער מאכען פארבארייטונגען צו אונ-טערזוכען אימיגראנטען אין די לענדער פון וואנען זיי קומען.

די לעצטע רעקאמענדאציע, אז אמע-ריקא זאל איבערקלייבען די אימיגראנ-טען איידער זיי פאהרען ארויס פון איי-ראפא, האט באקומען די גרעסטע אויפ-מערקזאמקייט. סעקרעטערי דייוויס, וועלכער איז צוריקגעקומען לעצטע וואך פון איירעפא, פארטיידיגט אויך פאק-טיש דעם זעלבען פלאן. לויט זיין מיי-נונג, איז דאס א סך מענשליכער און שכל'דיגער ווי די יעצטיגע סיסטעם פון „טרעף אדער פעהל". אבער ניט אמ-באסאדאר גערעס אין ניט סעקרעטערי דייוויס ווייזען אן א פראקטישען וועג ווי אזוי בייצוקומען די גוואלדיגע שווי-ריגקייטען ביים דורכפיהרען דעם דאזי-גען פלאן. דער איינציגער ממשות'די-גער און פראקטישער פלאן, וואס איז באקאנט, איז וואס סעקרעטערי דייוויס און וואהרשיינליך די גאנצע איצטיגע אדמיניסטראציע, זיינען דערפאר, אז נאך ווייניגער אימיגראנטען זאלען ארייג-געלאזען ווערען ווי ביז איצט.

טעטיגקייטען ביי די אינטערנעשאנאל לאקאלס אין באסטאן און אומגעגענד

פון א באאבאכטער.

וואטער-פרוף גארמענט וואר-קערס יוניאן לאקאל 7.

נאך א רייהע קאנפערענצען מיט דער באסטאנער רעינקאוט מאנופעקטשו-רערס אסס'ן, איינינע פון וועלכע הא-בען געדויערט ביז דעם גרויען פריה-מארגען, זיינען די פארהאנדלונגען אי-בערגעריסען געווארען אויף דער פראגע פון ווייזשעס. די יוניאן האט געפא-דערט א מינימום-ווייזדזש פון 44 דאלאר א וואך פאר די אפרייטארס, און 25 דאלאר פער וואך פאר די פינישערס. די דאזיגע פאדערונג, ווען מען נעהמט אין אנבאטראכט דעם סיזאן-כאראקטער פון דער אינדוסטריע, איז א גאנץ גע-מעסיגטע. אבער, ווי עס זעהט אויס, זיינען איינינע באסעס אין דער אסס'ן שטארק געניינט צו א פייט מיט דער יוניאן.

לעצטען דינסטאג, אויגוסט דעם 14טען, האט די יוניאן ארגאנזירט א מאס-מיטינג, אויף וועלכען די קאנפע-רענץ-קאמיטע האט אפגעגעבען איהר רעפארט.

פערן מעמאריאל האל, וואו דער מי-טינג האט שטאטגעפונדען, איז געווען געפאקט. דער פאקט איז, דאס קיין איינציגער מעמבער האט ניט געפעהלט. אלע האבען געפיהלט, אז עס דארף פארקומען עפעס וויכטיגעס. און זיי האבען דאס מאל געטראפען.

אזוי שנעל, ווי וויים פרעזידענט מאנעסאן, דער טשערמאן פון דער קאנ-פערענץ-קאמיטע, איז געווען פארטיג מיט זיין רעפארט, איז מיט גרויס בא-גייסטערונג אנגענומען געווארען איינ-שטימיג א רעזאלוציע, וועלכע האט אוי-טאריזירט די דזשענעראל סטרייק קא-מיטע צו רופען א סטרייק געגען די ריינקאוט מאנופעקטשורערס, ווען זיי וועלען נאר געפינען פאר נויטיג.

דער מיטינג איז אדרעסירט געווא-רען פון ברודער פראנק לערמאן, מענע-דזשער פון דעם באסטאנער דזשאינט באארד פון די אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס. ער האט ארויסגערופען גרויס באגייסטערונג מיט זיין רעדע; ער האט צוגעזאגט פאר די ארגאניזא-ציע, וואס ער רעפרעזענטירט, די גאנצע הילף, וואס וועט זיין נויטיג, פינאנציע-לע און מאראל, אין פאל דער גענע-ראל-סטרייק וועט פארקומען.

דער דאזיגער סטייטמענט פון ברו-דער לערמאן איז געווען באזאנדערס וויכטיג, ווייל די מאנופעקטשורערס טרייען זייער בעסט צו מאכען א מחלקת צווישען דער „אמאלגאמייטעד" און אונזער יוניאן.

עס האבען אויך אדרעסירט דעם מיטינג ברודער מייער פראנק, רעפרע-זענטירענדיג דעם דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער אין באסטאן; י. ליר-אין, מענעדזשער פון דרעס מייקערס לאקאל 49, האבען גראטולירט די מעמ-בערס פון לאקאל 7 מיט זייער באגייס-טערונג, און האבען פארשפראכען צו שטעהן מיט זיי אין דעם קומענדען קאמף. עקס וויים-פרעזידענט, ברודער פאזען, איז אויך געווען איינער פון די רעדנער, און זיין פארשפרעכען פאר זיך און פאר זיין לאקאל 24, די סקוירט מייקערס, צו טאן דאס בעסטע פאר די קעמפענדע ריינקאוט מייקערס, איז שטארק אפלאדירט געווארען.

גלייך נאך דעם האט די דזשענעראל סטרייק-קאמיטע געהאט א מיטינג, אויף וועלכען זי האט באשלאסען צו רופען דעם גענעראל סטרייק דאנערשטאג, דעם 18טען אויגוסט, 10 אוהר מארגענס. דער איצט זעהר גוט באקאנטער צירקולאר איז גלייך אפגעדרוקט און צו-טיילט געווארען צווישען די סטרייקער אין דעם פריהמארגען פון סטרייק. און ווען דער זייגער האט געשלאגען 10, האבען אלע אונזערע מעמבערס, ווי א גוט-דיסציפלינירטע ארמיי, ארויסגע-מארשירט פון די שעפער.

איידער דער סטרייק האט אנגע-האלטען צוויי שטונדען, האבען שוין צוויי מאנופעקטשורערס, די גרעסטע אין באסטאן, געסעטעלט מיט דער יו-ניאן, און זייערע ארבייטער זיינען צו-ריקגעגאנגען צו דער ארבייט דעם לעצ-טען נאכמיטאג. פארהאנדלונגען פאר סעטעלמענטס האבען געהאלטען אין איין אנקומען אין אפיס, און איידער דער ערשטער טאג פון סטרייק איז געווען צו-ענד, האבען כמעט די גרעסטע מא-נופעקטשורערס געסעטעלט מיט דער יוניאן.

צווישען די, וועלכע האבען געסע-טעלט, זיינען: די קייבעל מעג. קא.

GERECHTIGKEIT
A Jeewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANGFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. V. No. 34. — New York, Friday, August 24, 1923
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

קאמיטעס.

א קאמיטע פון די ברידער דזש. הור־וויץ און מ. לופט, מעמבערס פון לאקאל 82, אינפארמירען אז זיי זיינען באשעפ־טיגט פאר דער פירמע טשאפ, מייזעל און ברודער הייטאן, פון לאקאל 9, האט זיי אפגעסטאפט פון דער ארבייט, ווייל ער, ארויסקומענדיג אין שאפ, האט גע־זעהן אז די עקזאמינערס טוען געוויסע ארבייט, וועלכע ער באהויפטעט, אז די ארבייט באלאנגט צו פינישער און ניט צו אן עקזאמינער.

זיי פארלאנגען מען זאל זיי ערלוי־בען צוריקגעהן צו דער ארבייט.

א קאמיטע, באשטעהענד פון די ברי־דער קורצמאן, ראשינסקי און נאכלין, ווערט אפאינטעט צו אונטערזוכען די קייס.

מר. מאר, איינער פון די ליגעל אד־ווייזערס פון סאקא און וואנזעטי, וועלכע זיינען פארורטיילט געווארען צום טויט פארלאנגט פון דעם דזשאינט באארד מאראלישע און פינאנציעלע שטיצע. ע־רקלערט, אז עס זיינען דא גענוג בא־ווייזע צו קריגען א נייעם טרייעל פאר די אויבענדערמאנטע צוויי פערזאנען און א הירינג פאר א נייעם טרייעל וועט פארקומען דעם ערשטען אקטאבער. ער ערקלערט, אז עס זיינען דא אלע מעג־ליכקייטען צו ראטעווען סאקא און וואנ־זעטי פון דעם טויט און זיי צוריקבריינ־גען אין די רייען פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט.

דער פארלאנג ווערט איבערגעגעבען צו דער פינאנס קאמיטע.

צושריפטען.

לאקאל 1 פארלאנגט אז די קאטערס וועלכע ארבייטען פאר דזשאבערס, זאלען גלייך אפגעסטאפט ווערען פון דער אר־בייט, און אזוי ארום אפשאפען די קא־מינג דעפארטמענט אין די דזשאבינג הייזער.

דער צושריפט ווערט גוטגעהייסען.

דער זעלבער לאקאל פארלאנגט דאס אזוי ווי דער סיזאן האט זיך איצט אנ־געפאנגען, איז איצט די ריכטיגע צייט פאר אונזערע ביזנעס איידזשענטס אנ־צופאנגען א דרייוו געגען די שעפער וועלכע ארבייטען אומגעזעצליכע שטונ־דען.

דער צושריפט ווערט גוטגעהייסען.

לאקאל 3 אינפארמירט, אז זיי האבען גוטגעהייסען די פראטאקאלען פון די באארד אוו דירעקטארס פון דעם ער־שטען אויגוסט און פון דעם דזשאינט באארד פון דעם 3טען אויגוסט.

לאקאל 9 מאכט אויפמערקזאם דעם דזשאינט באארד דאס זייער צושריפט, וועלכען זיי האבען געשיקט צו דער באארד אוו דירעקטארס דעם 1טען אוי־גוסט, מיט רעקאמענדאציעס, באצוג זייע־רע מעמבערס, איז ניט ריכטיג איבער־געזעצט געווארען און זיי פארלאנגען צו מאכען די פאלגענדע קארעקשאנס:

רעקאמענדאציע נומער 2 אין דעם פראטאקאל פון דעם 3טען אויגוסט, לעזט זיך ווי פאלגט:

„אויב דער פינישער ארבייט אפ עט־לאכע וואכען און ווערט אוועקגעשיקט ווייל דער באס וויל איהם ניט בא־צאהלען דעם סקייל, זאל די יוניאן צווינגען דעם באס, דעם ארבייטער צו האלטען און איהם צו צאלען דעם סקייל".

אנשטאט דעם האט זיך די רעקאמענ־דאציע פון לאקאל 9 געדארפט לעזען ווי פאלגט:

„ווען א פינישער ארבייט אפילו אפ עטליכע טעג אין א פלאץ און דער באס שיקט איהם אוועק דערפאר ווייל ער וויל איהם ניט צאהלען דעם סקייל, זאל די יוניאן צווינגען דעם באס צו האלטען דעם פינישער און איהם באשעפטיגען.

רעקאמענדאציע נומער 3 אין דעם פראטאקאל פון דעם דריטען אויגוסט, לעזט זיך ווי פאלגט:

„העלפערס זאלען זיין די וועלכע נייען אן די באטאנס און דארפען מאכען די אנדערע טיילען פון גארמענטס. די וועל־כע מאכען דעם גאנצען גארמענט, זא־לען גערעכענט ווערען אלס פינישערס און זאלען ניט קריגען ווייניגער פון 41 דאלאר, וועלכער איז דער סקייל".

אנשטאט דעם האט געדארפט זיין גע־שריבען ווי פאלגט:

„וואס אמבאלאנגט די העלפער, זיי־נען זיי בלויז אזעלכע וועלכע נייען אן באטאנס און פעלען ליינינג. די וועלכע מאכען אנדערע טיילען פון גארמענט, זא־לען פארעכענט ווערען אלס פינישערס און זאלען ניט קריגען ווייניגער פון 41 דאלאר, וועלכעס איז דער סקייל.

דער פארלאנג פון לאקאל 9 ווערט גוטגעהייסען און דער סעקרעטער ווערט אינסטרואירט צו מאכען די נויטיגע פארענדערונג.

די דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22 אינפארמירט דאס דעם 7טען אויגוסט האבען זיי אויף דעם באארד פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד ערוויילט די פאלגענדע דעלעגאטען צו אונזער דזש. באארד: מיס סאניא טשייקין, מיס ראזע מירסקי, מר. דייוו מאראזאוו, מיס בעללא ראטפארד, מיס ראזע וואלקאוויץ.

אין דעם צושריפט ווערט געזאגט, אז דער לאקאל האפט, אז די פאראייניגונג פון דער דרעס יוניאן מיט דער קלאוקמא־כער יוניאן, וועט שאפען א נייעם בלאט אין דער היסטאריע פון אינזער „אינטער־נעשאנאל", און די מעמבערס אין דער אינדוסטריע וועלען האבען נוצען פון דער פאראייניגונג.

לאקאל 89, דער איטאליענישער לא־קאל, אינפארמירט דאס לויט די אינ־סטרוקציעס פון דער דזשענעראל עקזע־קוטיוו באארד דארף זיך זייער לאקאל פאראייניגען מיט אונזער דזשאינט באארד און דאדום שיקען זיי אריין די פאלגענדע דעלעגאטען צו דער דזשאינט באארד:

מיס מארגארעט די מאגניא, מיס מאר־גארעט ליאנארדי, מר. ארעסטי גראסי, מר. סאלוואטאר מילאזא, מר. דזשאן אני־טא.

אין דעם צושריפט ווערט געזאגט, אז זיי זיינען זעהר צופרידען מיט דער פא־סירונג און א דאנק דער פאראייניגונג, וועט אפגעשאפען ווערען דער יוריסדיק־שאנאל כאאס וועלכער האט עקזיסטירט אין דער דרעס אינדוסטריע ביז איצט.

די פארטרעטער פון ביידע לאקאלס ווערען צוגעלאזען.

פרעזידענט מאריס זיגמאן אינסטא־לירט די דעלעגאטען און ער האפט, אז די פאראייניגונג וועט ארבייטען הארמאניש און די מעמבערס וועלען האבען נוצען פון דער פאראייניגונג.

ער ערקלערט אויך, אז די פאראייני־גונג האט ארויסגעבריינגט פארשידענע מיינונגען, דאפיר און דאגעגען, אבער די מיינונגען זיינען ניט געווען פון קיין פער־זענליכען כאראקטער. ער איז זעהר צו־פרידען ווען ער זעהט די פאראייניגונג פארווירקליכט.

די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט געמאכט דעם באשלוס נאך פיל בא־ראטונג און איצט ווען די פאראייניגונג איז פארווירקליכט געווארען, דארף מען זיך נעמען צו ארגאניזירען די אינדוס־טריע, ווייל נאר אין אן ארגאניזירטער אינדוסטריע קענען די מעמבערס קריגען בעסערע באדינגונגען.

דזשענעראל מענעדזשער פיינבערג באגריסט אויך די דעלעגאטען און ער ער־קלערט, אז ער איז שטאלץ וואס ער איז איינער פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וועלכער האט געמאכט דעם בא־שלוס צו פאראייניגען די דרעס אינדוס־טריע מיט דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן. ער האפט אז די פאראייניגונג וועט ארבייטען צו דער וואלזיין פון דער גאנצער מעמבערשיפ.

לאקאל 45, דזשיינערס יוניאן, אינ־פארמירט דאס די ברידער מאקס סטעניג־סקע און נ. מענדעלסאן, וועלען פארטרע־טען זייער לאקאל ביים דזשאינט באארד אויף די פלעצער פון די ברידער ריצי און דעמייער, וועלכע זיינען געפאהרען קיין איירארא.

די דעלעגאטען ווערען צוגעלאזען.

„די פעדערריישאן באנק אוו ניו יארק" שיקט צו א רעזאלוציע וועלכע איז אנגע־נומען געווארען פון דער „סענטראל טרייד און לייבאר קאונסיל", פון די בילדינג טרייד קאונסיל, די טרייד פרינטינג קאונ־סיל, קארפענטערס דיסטריקט קאונסיל און אלע אנדערע קערפערשאפטען. און זי האפט, אז אויך אונזער דזשאינט באארד וועט גוטהייסען די רעזאלוציע.

די רעזאלוציע ווערט גוטגעהייסען.

די סענטראל יוניאן לייבעל קאונסיל אינפארמירט דאס א קאנפערענץ פון אפיסערס אום צו מאכען מעהר פאפולער דעם יוניאן לייבעל, וועט אפגעהאלטען ווערען דעם 17טען און 18טען סעפטעמ־בער און דער דזשאינט באארד ווערט אויפגעפאדערט צו שיקען דעלעגאטען.

דער צושריפט ווערט גוטגעהייסען און די ברידער פיטשערסקי און קורצמאן ווע־רען ערוויילט צו פארטרעטען דעם דזשא־אינט באארד.

דער „מעסענדזשער", דער זשורנאל, וועלכער ווערט ארויסגעגעבען פון די שווארצע ארבייטער, אינפארמירט, אז זי נעהם ארויסגעבען א ספעציעלען „לייבאר דיי נאמבער", מיט ארטיקלען פון פארשי־דענע גרויסע שרייבער און דענקער. אין דעם נומער וועט אויך זיין א מעסעדזש געשריבען פון פרעזידענט סעמיועל גאמ־פערס צו די שווארצע אזוי גוט ווי צו די ווייסע ארבייטער. דער עדיטאר פון דער צייטונג פארלאנגט, אז די דזשאינט באארד זאל געבען אן אדווערטייזמענט פאר דעם נומער אום צו העלפען מאכען דעם נומער פאר אן ערפאלג.

דער צושריפט ווערט איבערגעגעבען צו דער פינאנץ קאמיטע.

שוועסטער וואלקאוויץ וועט פארטרע־טען לאקאל 22 ביי די באארד אוו דירעק־טארס.

ברודער ארעסטי גראסי וועט פארטרע־טען לאק. 89 ביי די באארד אוו דירעק־טארס.

לאקאל 22 וועט זיין פארטראטען ביי דער גריוואנס קאמיטע דורך שוועסטער מארגארעט רעספארד.

לאקאל 89 וועט זיין פארטראטען ביי דער גריוואנס קאמיטע דורך שוועסטער מארגארעט לאנארדי.

באארד אוו דירעקטארס באריכט, — קאמיטעס.

(אויגוסט דעם 8טען).

א קאמיטע פון די ארבייטער פון לואיס פריש, 30 וועסט 15טע סטריט, פארלאנ־גען אז די באארד אוו דירעקטארס זאל זיי ערלויבען צו ברעכען דעם צייט קאנ־טראקט, וועלכען זיי האבען געמאכט מיט זייער פירמע עטליכע וואכען צוריק. זיי באהויפטען, אז עס איז אן ערך 4 וואכען ווי זיי ארבייטען אויף דעם צייט קאנט־ראקט מיט א רעדאקשאן אין זייערע ווי־דזשעס — 12 פראצענט פאר די אפערייטארס און 10 פראצענט פאר די פיני־שערס און פרעסערס. די פירמע איז איצט גרייט צו באצאהלען די בעק־פעי און פון איצט אן זיי צו צאהלען די אלטע פרייזען. די קאמיטע ערקלערט, אז זיי האבען בא־שלאסען צו ברעכען דעם קאנטראקט מיט דער פירמע, ווייל זיי זעהען איין, אז די פירמע קען ניט נאכקומען דעם קאנטראקט.

ברודער שוסטער, וועלכער קאנטרא־לירט דעם שאפ, ערקלערט, אז די לייטע וועלכע ארבייטען אין דעם שאפ, זיינען זעהר גוטע יוניאן לייט און זייער גרייט־קייט צו ברעכען דעם צייט קאנטראקט איז גאר פאר דער אויבענדערמאנטער אורזאכע.

דער פארלאנג ווערט גוטגעהייסען.

די ברידער מילער און אייכענהאלץ, מעמבערס פון לאקאל 17, אינפארמירען אז זיי געהען ארום לעדיג פאר א לענ־גערע צייט און איצט, ווען זיי האבען שוין באקומען פלעצער צו דער ארבייט ביי דער פירמע „ראזענטאל, לאבעל און האף", זיינען זיי אפגעסטאפט געווארען פון דעם אפיס און אנדערע צוויי אפ־רייטארס זיינען ארויפגעשיקט געווארען צו פארנעהמען זייערע פלעצער. די ברידער פארלאנגען אז זייערע פלעצער זאלען זיי צוריקגעגעבען ווערען.

ברודער פיינבערג, דזשענעראל מע־נעדזשער, ערקלעהרט, אז די צוויי אפ־רייטארס, וועלכע זיינען ארויפגעשיקט געווארען צו דער ארבייט פון דעם אפיס, האבען געקראגען „ווארקינג קארדס" פאר דעם פלאץ איידער די ברידער מילער און אייכענהאלץ, נאר דער שאפ־טשערמאן האט זיך ענטזאגט צו אנער־קענען די ווארקינג קארדס, ווייל זיי זיינען ניט ארויסגעגעבען געווארען פון לאקאל 17.

ברודער פיינבערג, ווערענדיג אינ־פארמירט וועגען דעם, האט געארדערט דעם אפיס גלייך ארויפצושיקען די לייטע צו דער ארבייט. בנוגע דעם סטייטמענט, וואס איז געמאכט געווא־רען פון די ברידער מילער און אייכענ־האלץ, אז די פירמע האט זיי ניט געוואלט האלטען, ווייל זיי זיינען ארויפגעשיקט געווארען דורכ'ן אפיס, ווערט רעקאמענ־דירט פון ברודער פיינבערג, אז די קייס זאל אונטערזוכט ווערען.

די קייס ווערט איבערגעגעבען צו ברודער סלוצקי.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון דזשארדזש וואוד אינפארמירען, אז די פירמע שיקט ווידער ארבייט צו אוט־סייד־שעפער, און א דאנק דעם געהען די אינסייד־ארבייטער ארום לעדיג. זיי באהויפטען, אז נאכדעם ווי זיי האבען געמאכט א סטאפעדזש האט די פירמע זיי פארשפראכען, אין דער אנוועזענ־הייט פון דער אסאסיאיישאן און דער יוניאן, אז צום אלעם ערשט וועלען די אינסייד־ארבייטער באזארגט ווערען מיט ארבייט. די פירמע אבער האלט ניט דעם פארשפרעכען. די ארבייטער פאר־לאנגען, אז א שטעלונג זאל געגען דער פירמע גענומען ווערען.

ברודער רובין ערקלעהרט, אז ער וועט אויפנעהמען די קייס מיט דער אסאסיאיישאן. ער איז זיכער, אז די אסאסיאיישאן וועט ארדערען די פירמע צוריקצונעהמען די עטליכע גארמענטס וואס די ארבייטער האבען געפונען אין אן אוטסייד שאפ. ער ערקלערהט אויך, אז דער קאנטראקטאר, ביי וועמען די ארבייט איז געפונען געווארען, באהויפ־טעט, אז ער האט געמאכט דעם ארי־גינעלען סעמפעל און דערפאר האט ער א רעכט צו קריגען די ארבייט אויף דעם.

נאכדעם ווי די קייס ווערט אויפגע־קלעהרט, ווערט די קייס איבערגעגעבען צום אפיס מיט „פול פאוער".

טשארלס בארענשטיין, מעמבער פון לאקאל 82, באהויפטעט אז אן ערך 3 יאהר צוריק איז א סטרייק ערקלעהרט געווארען געגען דער פירמע דזש. דזש. לודוויג. א קאנטראקטאר מיט'ן נאמען סיגעל, וועלכער האט דאמאלס געארבייט פאר דער אויבען־דערמאנטער פירמע, איז אויך ערקלעהרט געווארען אין סטרייק און די ארבייטער איז דאמאלסט פארשפראכען געווארען, אז ווען סיגעל וועט צוריקגעהן אין ביזנעס, וועט ער מוזען אנגאזשירען דעם אלטען סעט אר־בייטער. ברודער בארנשטיין ערקלערט, אז ניט לאנג צוריק האט סיגעל גע־עפענט א שאפ אין ברוקלין, וועלכער איז אונטער דער קאנטראל פון דער יוניאן. ער גלויבט, אז ער איז בארעכ־טיגט צו קריגען א פלאץ אין דעם שאפ.

עס ווערט באשלאסען, אז דער אפיס זאל זעהן, אז בארענשטיין זאל קריגען א פלאץ אין דעם שאפ, אויב מעגליך אהן א סטרייק.

ברודער מאלאוויץ, אן ארבייטער, וועלכער איז ארונטערגעשיקט געווארען פון דעם שאפ בראדי און פונט, אפע־לירט צו דעם באארד אוו דירעקטארס איהם צו ערלויבען ארויפצוגעהן ארביי־טען ביי דער פירמע, ווייל ער קען ניט קריגען קיין ארבייט אנדערשוואו. ער באהויפטעט, אז לאקאל 1 האט איהם שוין געגעבען צוויי פלעצער צו ארביי־טען, אבער ער האט דארט ניט געקענט בלייבען.

די קייס ווערט איבערגעגעבען צו די ברידער שיין און לאנגער.

ברודער לאנגער באריכטעט, אז ער האט געשיקט א באדויערונגס־טעלעגרא־מע צו מרס. ווארען דזש. הארדינג. ער האט אויך ארויסגעשיקט בריף צו די דזשאינט באארד דעלעגאטען, אינפאר־מירענדיג זיי, אז די דזשאינט באארד וועט ניט מיטען דעם פרייטאג, דעם טאג פון פרעזידענט הארדינג'ס לויה.

דער באארד באשליסט, אז די אפי־סעס זאלען אויך זיין פארמאכט דעם טאג.

(שלוס נעקסטע וואך)

צו דער פאראייניגונג פון די דרעס מאכער און די קלאוקמאכער אין איין דזשאינט באארד

ענדליך איז דורכגעפירט די פאר־אייניגונג פון די דרעס און קלאוק מא־כער אין ניו יארק אין איין דזשאינט באארד. דאס איז א זעלטען גרויסער אויפטו פאר די צעהנדליגע טויזענטע מענשען, וואס זיינען באשעפטיגט אין דעם דרעס טרייד.

איך גראטוליר דארום דעם דזשענע־ראל עקזעקוטיוו באארד פון גאנצען הארצען פאר האבען אנגענומען און דורכגעפירט דעם גרויסען באשלוס.

איבערהויפט קומט א גרויסע גרא־טולאציאן צו אונזער פרעזידענט זיג־מאן. א וועלט מיט ענערגיע האט ער אריינגעלייגט אין די דאזיגע שטיק אר־בייט.

נאר מענשען, וואס האבען אליין גע־נומען אן אקטיווען אנטייל, קאנען אפ־שאצען די שווערינקייטען, וואס מען האט געמוזט בייקומען צו פיהרען דיזע פאר־אייניגונג.

עס קומט אויך קרעדיט לאקאל 23, ווייל ער איז געווען דער איניציאטאר פון דעם געדאנק, דאס די דרעס מייקערס דארפען זיין צוזאמען מיט די קלאוק־מייקערס. ער האט דאס פארלאנגט ביי פילע קאנווענשאנס און אויף דער לעצ־טער קאנווענשאן אין קליוולאנד איז בא־שלאסען געווארען צו מאכען דעם פלאן פאר א פאקט.

איך בין זייט דער לעצטער קאנ־ווענשאן ביז היינטיגען טאג געווען אק־טיוו אין דיזער פאראייניגונג. עס איז מיט מיר געווען נאך אקטיווע מענשען פון מיין לאקאל, וואס האבען אוועקגע־געבען א סך ענערגיע דאס דורכצופירען.

עס זיינען געווען מאמענטען, ווען פילע פון אונז זיינען געווארען פעסי־מיסטיש. וואס נעהנטער עס איז געקומען די צייט צו דער פאראייניגונג, אלץ ווי־טער האט אויסגעזעהען די מעגליכקייט צו זעהן די צוויי קערפערשאפטען פאר־אייניגט. יעדער לאקאל וואס איז גע־ווען אנגערירט אין דיזער פראגע, האט פארלאנגט אזעלכע זאכען, וואס האט

(שלוס אויף זייט 7.)

עדיוקיישאנאל נאטיצען

מיר האבען אין אונזער אפיס א גרויסען סטאק פון מעלדונגען פאר אינ־זערע קורסען פאר דעם יאהר 1923־1924. די, וועלכע ווילען קריגען איי־נעם, קענען עס טאן, קומענדיג אין אפיס פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארט־מענט, 3 וועסט 16טע סט.

יעדער קורס האט א נומער, און די סטודענטען, וואס ווילען זיך רעדזשיס־טרירען, וועלען זיין אזוי גוט און אנ־ווייזען דעם נומער.

אין דער ניו יארקער יוניווערסיטי וועלען געגעבען ווערען 14 קורסען (אנ־דערע וועלען שפעטער געמעלדעט ווע־רען), אין מאדערנער ציוויליזאציע, אין ארבייטער־פראבלעמען, פסיכאלאגיע א. ז. וו. אין די יוניטי צענטערס וועלען געגעבען ווערען 9 קורסען (אנדערע וועלען שפעטער אנגעגעבען ווערען) אין סאציאלע אין ארבייטער־פראבלעמען, ענגליש, סיוויקס, געשיכטע פון דער א. ל. ג. וו. יו. און ז. וו. אין דעם עקס־טענשאן דיוויזשאן האבען מיר אראנ־זשירט 13 קורסען (אנדערע וועלען שפע־טער געמעלדעט ווערען) אין צייט־פרא־בלעמען, לעקטשורס וועגען געזונד, צי־וויליזאציע אין אמעריקא, די ארבייטער־באוועגונג א. ז. וו.

מיר האבען בדעה צו געבען א קור־צע שילדערונג פון יעדען קורס אין דער „גערעכטיגקייט", און מיר וועלען אנהוי־בען מיט די, וואס וועלען געגעבען ווע־רען אין וואירקערס יוניווערסיטי.

מאדערנע ציוויליזאציע

די צייט איז געקומען צו מאכען א גרינדליכע איבערשעצונג פון די פונדא־מענטען פון אונזער איצטיגער ציווילי־זאציע. די אלטע ציוויליזאציע האט ביז צו א גרויסער מאס צוזאמענגעבראכען. א נייע ציוויליזאציע האלט זיך אין בויען. אויב די ארבייטער־באווע־גונג איז מעכטיג גענוג צו העלפען אין דעם בויען פון דער נייער ציוויליזאציע, מוזען די ארבייטער וויסען די פונדא־מענטאלע פרינציפען און די הערשענדע שטרעבונגען פון אונזער מאדערנעם לע־בען. אונוויסענהייט אין דעם פאל איז ניט קיין ברכה, נאר א נארישקייט. אויך וועט דא ניט העלפען קיין ביסעלע וויסען. עס איז נויטיג א גרינדליכער פארשטעהן, אזוי אז די ארבייטער־בא־וועגונג זאל קענען ריידען מיט דער אוי־טאריטעט פון איינעם, וואס באזיצט דעם פונדאמענטאלען אמת.

פאר דעם צוועק איז ארגאניזירט געווארען די פאלגענדע גרופע פון קור־סען, וועלכע זיינען אלע געצילט צו דעם איינציגען צענטראלען פראבלעם.

ערשטער לעקציע

דער מענש איז דער באזיס פון דער עקאנאמישער לעהרע.

איינפיהרונג: עקאנאמיקס איז דער שטודיום פון דעם מענשענס פונדאמענטאלע געזעלשאפטליכע טעטיגקייט — דאס מאכען א לעבען. זי פארנעמט זיך הויפטזעכליך מיט צוויי זאכען: (1) מיט די מענשליכע באדערפניסע און פארלאנגען; (2) מיט די מיטלען זיי צו באפרידיגען. דאס פיהרט צו א שטודיום פון פיר זאכען:

1. דער מענש און זיינע באדערפניסע;
2. די פראדוקציאן פון דאס, וואס קען באפרידיגען זיינע באדערפניסע;
3. דער אויסטויש פון די זאכען, וואס באפרידיגען זיינע באדערפניסע;
4. די פאנאנדערטיילונג פון די דאזיגע פראדוצירטע זאכען.

I. דער פונדאמענט פון עקאנאמיקס איז אין דעם מענשען, — אין די פאקטען, דאס

1. דער מענש איז א חיה, וואס האט געוויסע באדערפניסע.
(א) ער מוז האבען שפייז, קליידער, א הויז, באהייצונג, אדער ער קען ניט לעבען. מיר רופען זיי דעם מענשענ'ס סאמע ערשטע באדערפניסע.
(ב) אלס דער העכסטער פון אלע חיות, נויטיגט ער זיך אין צייט פאר אפרוה, אין ערציהונג, אין באשאפענדער טעטיגקייט, אין קונסט, וויסענשאפט, א. אז. וו. זיי רופען מיר די באדערפניסע פון צווייטען קלאס.

2. דער מענש איז א סאציאלער וועזען:
(א) דער מענש ארבייט און אמוזירט זיך אין גרופען. ער איז א סאציאלע חיה, ווי דאס זיינען די מוראשקעס, די ביהנען און די מאלפען, און ניט אן איינזאמע חיה, ווי די טיגערס אדער די לייבען.
(ב) ער קריגט די זאכען, וועלכע ער מוז האבען צום לעבען דורך זיין ארבייט אין דער גרופע. דאס רופען מיר עקאנאמישע טע־טיגקייט.

3. דער מענש איז א חיה, וואס באנוצט זיך מיט ווערקצייג.
(א) איבער די גרויסע שטרעקען פון צייט איז דער שטענדיגער פונדאמענטאלער פראבלעם פון מענשען געווען, ווי צו קריגען שפייז, באשיצונג און קליידונג;
(ב) אין זיין זוכען איז דער מענש געהאלפען געווארען פון ווערק־צייג;
(ג) די ווערקצייג זיינען געווען אזוי וויכטיג, דאס מען האט זיי גערופען דער דריטער ארעם, אדער דאס דריטע אויג.

II. דער ווערקצייג האט זיך ענטוויקעלט אונאויפהערליך אין דעם משך פון יאהרהונדערטער.

1. דער מענש האט ניט אימער געהאט די וואונדערבארע ווערקצייג, מיט וועלכע ער ארבייט היינט. ערשט אין דער אייז־צייט, למשל, האט דער מענש ענטוויקעלט די נאדעל פון ביין, און דעם שפיז, אבער די זיינען געווען די עלטערען פון דער ווילקאקס מאשין און פון דעם ביקס.
2. די מאטעריעלע קולטור האט צוויי פאזען: א גראדועווייזע אויס־שפרייטונג אין די קוואלען פון מיטעל־פארזארגונג, און אן ענטוויק־לונג פון די פראדוקציאנס־מיטלען. איינע איז ענג פארבונדען מיט דאס צווייטע.
3. די אויסברייטונג פון די פארשידענע קוואלען פון לעבענסמיטלען האט דורכגעטראגען דעם מענשען דורך פאלגענדע שטופען פון ענטוויקלונג:
(א) זוכען שפייז;
(ב) געיעג;
(ג) פיש־כאפען;
(ד) די צאהמונג פון חיות, מאכען זיי פאר הויז־חיות;
(ה) די צאהמונג פון פלאנצען, דאס באארביימען פון דער ערד.
(ו) האנדעל און אינדוסטריע.
4. די ענטוויקלונג פון די פראדוקציאנס־מיטלען ווייזט ארויס צוויי גרויסע טיפען פון ענדערונגען:
(א) ענדערונגען אין די מאטעריאלען, וואס זיינען געברויכט געווא־רען: פראסטער שטיין, פאלירטער שטיין, קופער, אייזען און שטאל;
(ב) ענדערונגען אין דער ענערגיע, וואס איז געברויכט געווארען, אום צו באוועגען די ווערקצייג: מענשליכע קראפט; מענשליכע קראפט, אונטערשטיצט פון דער קראפט פון דער חיה, פון ווינט און וואסער, און פון קינסטליך געשאפענע ענערגיע.

III. די דאזיגע ענטוויקלונג פון די ווערקצייג ווייזט ארויס א געוויסע וויכ־טיגע כאראקטעריסטיק:

1. עס איז קומולאטיוו — דאס מיינט, אז די געוויסע צאהל נייע ערפינדונגען, וואס איהר קריגט אין א געוויסער צייט, הענגט אפ אן דער צאהל ערפינדונגען, וואס קומט פון דער פארגאנגענהייט ביז צו דער פעריאדע. אין אנדערע ווערטער: אויב איהר האט הונדערט ווערקצייג צו פארבעסערען, קענט איהר ערווארטען 200 נייע ערפינדונגען. אבער אויב איהר האט 1,000 אדער 10,000, קענט איהר ערווארטען, אזויפיל מעהר. די צאהל פון ערפינדונגען וואקסט מיט דער צייט.
2. ס'איז אונפארמיידליך. דאס מיינט, אז אזוי ווי די צאל פון נייע ער־פינדונגען, הענגט אפ פון דער צאל ערפינדונגען וואס זיינען שוין דא, מוזט איהר קריגען אלץ מעהר און מעהר ערפינדונגען, וואס מעהר עס פארגרעסערט זיך דער סטאק פון וויסען. די מעהרסטע גרויסע ערפינדונגען זיינען געמאכט געווארען גלייכצייטיג פון צוויי אדער מעהר מענשען, וועלכע האבען געארבייט גאנץ אומאפהענגיג איינע פון די אנדערע.
3. עס איז סאציאל. דאס מיינט, אז ערפינדונגען געהערען צו דער גרופע, צו דער געזעלשאפט. קיין איינציגער מענש באשאפט ניט אליין. וואס די איינצעלנע מענשען שאפען צו אירגענד וועלכער צייט איז דאס א רעזולטאט פון דעם, וואס די גרופע האט פריהער אויפגעטאן.

סך הכל: דער ווינקעלשטיין פון עקאנאמיקס איז אין דעם פאקט, וואס דער מענש איז א געזעלשאפטליכע חיה, וואס באנוצט זיך מיט ווערקצייג.

זאכען וואס איז גוט צו וויסען

וועגען חלש'ן

חלש'ן מיינט פארלירען צייטווייליג דאס באוואוסטזיין. דאס ווערט פאר־אורזאכט פון א ניט גענוגענדיגען צו־פלוס פון בלוט צום מארך.

איינינגע מענשען חלש'ען א סך לייכ־טער ווי אנדערע. די נייגונג צו חלש'ען הענגט ניט אלעמאל אפ פון איינעמס כח. יעדערער ווייס, אז שטארקע מענ־שען האבען אפטמאל גע'חלש'ט צוליב א קלייניגקייט. א מענש קען חלש'ען פון מידקייט, פון שוואכקייט, פון א בלוט־שטורץ, פון אויסערגעוועהנליכער היץ, פון וועניג לופט אדער פון א וועל־כער עס איז שטארקער אויפרעגונג. שרעק קען אויך מאכען צום חלש'ען. פון דערזעהן אדער דערשמעקען בלוט קען מען אויך פאלען אין חלשות. אין כמעט אלע אנפאלען פון חלשות איז פאראן א זעהר וויכטיגער געפיהלס־עלע־מענט.

מען דארף דערקענען די סימפטא־מען פון חלשות. א געפיהל פון שוואכ־קייט באפאלט דעם פאציענט, און שווא־רצע פינסלאך שוועבען פאר די אויגען. דאס געזיכט ווערט בלייך, דערנאך גרינ־ליך־געל, און די ליפען פארלירען זייער נאטירליכען קאליר. דער פולס ווערט שנעל און שוואך. די רעספיראציע איז זעהר א פלאכע. ענדליך זינקט דער פאציענט אראפ אין זיין שטול אדער ער פאלט צו דער ערד באוואוסטלאז. ווען אומגליקס־פאלען קומען פאר, איז חלש'ען גאר ניט קיין אונגעוועהנליכע זאך, און איהר מוזט וויסען, אז עס איז אפשר מעגליך אפצושטעלען א חלשות־אנפאל, אויב נאר מען נעהמט אן די געהעריגע שריט, ווי נאר עס באווייזען זיך די סימפטאמען.

ווען מען ערפיהלט איער מען בא־מערקט, אז די אטאקע קומט אן, קען מען דאס אפטמאל אפשטעלען דורך דעם, וואס מען בויגט אראפ דעם קאפ צווישען די קני. אויב דאס ווערט גע־טאן, און די סימפטאמען האלטען נאך אלץ אן, דארף מען זיך לעגען פלאך אויפ'ן רוקען. אויב מען קען געפינען א זאפע אדער א בענקעל, דארף מען זיך באלד אנידערלעגען, און דער קאפ זאל אראפהענגען איבער'ן עק אדער איבער'ן זייט.

אויב איהר ווילט פארהיטען אן אנ־פאל פון חלשות ביי אן אנדער פערזאן, דארפט איהר געדענקען, אז איהר דארפט די פערזאן באאבאכטען נאכ'ן פנים. אויב דער פנים איז בלייך, איז דאס א באוויי, אז עס פעהלט בלוט אין מארך. פון אראפלאזען דעם קאפ קומט דאס בלוט צוריק צום מארך.

עס איז דעריבער א זיכערער כלל אין אלע אומגליקס־פאלען, אז אויב דער פנים איז בלייך דארפט איהר אראפ־לאזען דעם קאפ. אויב דער פנים איז רויט, דארפט איהר דעם קאפ אויפהוי־בען אויף א קישען אדער אויף אן אנ־דער געגענשטאנד.

אין אלע פאלען פון חלשות איז וויכטיג, אז די באטרעפענדיגע פערזאן דארף האבען גענוג פרישע, קיהלע לופט. גענוג פרישע לופט וועט אפטמאל ברענ־גען דעם פאציענט צו זיך. עס איז אויך ניצליך צו באגיסען דעם פנים אדער די ברוסט מיט קאלטע וואסער. אלס א הילף פאר ברענגען דעם פא־ציענט צום באוואוסטזיין איז אויך גוט צו געבען איהם אונטער'ן נאז נאך רע־געלמעסיגע קורצע ווייַלעם שמעק־זאל־צען אדער איינינע טראפענס אמאניא, ביז וואנען דער פאציענט האט אפגע־כאפט דעם אטעם. פאכען מיט עפעס איבער'ן פנים איז אויך א הילף.

געוועהנליך אבער איז אלץ, וואס עס פאדערט זיך איז נאר א ליגענדיגע פאר־זיציע מיט'ן קאפ נידריגער פון דעם איבעריגען קערפער.

ווען פאציענטען קומען צוריק צום באוואוסטזיין נאך חלשות, דארף מען זיי געבען א האלבע טיי־לעפעלע ארא־מאטיק ספירימס און אמאניא און גע־נוג וואסער, אויב מען קען דאס קריגען.

קיינעם און אונטער קיינע אומ־שטענדען טאר מען ניט ערלויבען א פערזאן, וואס איז נאר וואס געקומען צו זיך נאך א חלשות־אנפאל, אויפצו־הויבען זיך און פרואווען געהן, ביז וואנען ער איז ניט געקומען צו זיך פאל־שטענדיג. אזא פאציענט דארף מען פארזיכטיג באאבאכטען. אויב בא־וואוסטזיין קומט ניט צוריק נאך עט־ליכע מינוטען און נאכדעם ווי מען האט אנגעווענדעט די אויבען־אנגעוויזענע מיט־לען, דארף מען ניט פארלירען קיין צייט און רופען א דאקטאר. אט די מיטלען, וואס מיר האבען נאר וואס באשריבען, זיינען וועזענטליך אן ערשטע הילף־בא־האנדלונג, און אין די מעהרסטע פאלען פון חלשות זיינען זיי גענוג צו ברענגען דעם קראנקען צום באוואוסטזיין.

זעהר אפט קען חלשות זיין א סימן פון א מעהר אדער וועניגער ערנסטער הארץ־קראנקהייט. צוליב דעם איז באל־דיגע מעדיצינישע הילף נויטיג, אויב די מיטלען פון ערשטער הילף ברענגען ניט צוריק דאס באוואוסטזיין.

צווישען אנדערע נויטיגע זאכען דארף יעדער איינער וויסען וואס מען דארף טאן ווען א מענש חלש'ט. עס טרעפט אפט, אז מענשען חלש'ען אין גרויסע מענגען, אויף באהנען, אין גאס־ען־טראמוויען; זיי חלש'ען, ווען זיי דערזעהען אומגליקספאלען, אדער פון א צו שטארקען דרוק פון געפיהלען.

ווען אימיצער זעהט, ווי א מענש חלש'ט, און ער האנדעלט שנעל, און ער ווענדעט אן אזעלכע איינפאכע ער־שטע הילף־מיטלען, ווי מיר האבען דא אויבען באשריבען, קען ער דערמיט רא־טעווען יענעמס לעבען.

איהר קענט דאך קיינמאל ניט ווי־סען, ווי שנעל איהר וועט האבען אזא געלעגענהייט, אדער ווי שנעל איהר וועט האבען אן אורזאך צו זיין דאנק־באר צו אימיצען אנדערש, וואס האט געוואוסט, ווי אזוי אנצואווענדען אויף אייך די ערשטע הילף־באהאנדלונג.

פאראיין לענגוועדזש אינפארמיישאן סוירוויס.

פרעזידענט זינמאן אין שיקאגא

(שלוס פון זייט 1.)

גאנצער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, ווי אויך דריקט ער אויס פול און גאנץ דעם גייסט פון דער אינטערנעשאנאל. דערמיט וועט ער אפשר אפשטאפען די נארישע פארליומדונגען פון פאסטער און זיינע נאכשלעפער, אז ברודער פערעל־שטיין וויל זיך מאכען פאר דעם דיקטא־טאר איבער די יוניאנס אין שיקאגא.

פרעזידענט זינמאן דענקט אויך צו זיין אין איינינע אנדערע שטעדט אין דער וועסט, וואו אונזערע יוניאנס ווארטען מיט אומגעדולד אויף זיין ווארט פון ער־מונטערונג, און וועלכער איז איצט אזוי נויטיג.

לאנג פארבלייבען אין דער וועסט וועט ער אבער ניט. זיין אנוועזענהייט אין ניו יארק איז פון דער העכסטער דרינ־גענדיגקייט, און צו ענדע פון נעקסטער וואך וועט ער שוין ווידער זיין אין ניו יארק, אום צו זעהן, אז די פארשידענע וויכטיגע ארבייטען, וואס ער האט אנ־געפאנגען, זאלען זיין א פאלשטענדיגער ערפאלג.

דער דורכפאַל פון זיג

(פריי נאָך דאַן בוירן)

(אַ מאָמענט אין דעם לעבען פון אַ „סטאַר"־אַקטריסע).

פון נ. ב. לינדער.

(שלוס)

פונוויטענס, פאַר'ן פובליקום, האָט די ביהנע אויסגעזעהן ווי אַן עכטע היים, פון דער נאָהענט, אָבער, אויף דער ביהנע גופא, האָט זיך צו גוט געזעהן און אויך געפיהלט די בילינע נאָכגע־מאַכטקייט פון אַן אמת'ער היים. אין דעם עלעקטריש־באַלייכטען קאָרידאָר, וואָס האָט געפיהרט אין אַ „גאָרטען" אריין האָט מען פון דער ביהנע געזעהן די נאַקעטע ציגעל פון די פאַרשטויבטע שטיינערנע ווענט הינטער די קוליסען, פאַרפלעקטע לייוואַנטענע רעקאַראַציעס, גראָבע שטריק, פאַרראָסטע אייזערנע רעהרען ארום די ווענט, פאַרשוויצטע פנים'ער און נאַקעטע ארבעל פון די מע־כאַניקער. מעהר פון אַלע אַנדערע אַק־טיאָרען אויף דער ביהנע האָט אין יע־נעם אָוונט געזעהן און געפיהלט אַט די דאָזיגע גאַנצע בילינע פאַראַפערנאַ־ליא, אויף און הינטער דער ביהנע, מאַר־גאָט טעניסאָן אליין. אַט אזוי — האָט זי געטראַכט — שטעלען זיך מענשען פאַר אַ היים. איז דען אַ וואוינונג אפילו אַ שעהנע וואוינונג, וואָס האָט אזוי פיל און אזוי פיל אויסגעמעבעלטע צימערען — מעג עס זיין אפילו אמת־רייכע מעבעל — איז דען דאָס אליין גענוג צו הייסען „היים"? אַט זיינען איהרע צימערען, אין דעם האָטעל, וואו זי וואוינט, נאָך רייכער און שעהנער אויסגעפוצט ווי אפילו די וואָס ווערען פאַרגעשטעלט אויף דער ביהנע — נו, איז וואָס? קאָן זי דען איהר וואוינונג אָנרופען „היים"?

און אַ וועה־געפיהל האָט פאַרקלעמט מאַרגאָט'ס האַרץ ביי דעם דאָזיגען גע־דאַנק. זי האָט זיך דערמאָנט אָן איהר אַמאָליגער היים, אין איהר מאַן'ס, אין וואָנהעז'ס, הויז: די שטילע באַלייכ־טונג, די ווייכע היימישע סאָפע, די סאַמעטענע קישעלאך, אויסגעהעפט מיט איהרע איניציאַלען, און אין אַן אַרם־שטול ביי אַ ווינקעל־לאָמפּ, ניט ווייט פון דער סאָפע וואו זי ליגט און לייענט, זיצט וואָנהען, מיט זיינע פיס אויסגע־צויגען, און לייענט זיין באַליבטע נאַ־טור־וויסענשאַפטליכען זשורנאַל וואו עס ווערט באַשריבען דאָס לעבען און גע־וואוינהייטען פון פאַרשיידענע חיות און עופות. וואָנהען האָט תמיד ליב צו לייענען אַזעלכע זאַכען, און איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם לעבען פון חיות.

אַט דאָרט, אין יענעם רוהיגען פריד־ליכען ווינקעל, דאָרט איז איהר ה י י ם, און דאָרטען וואָלט זי איצט געדאַרפט זיין — דערהויפט, איצט, ווען אָנדזשעלאַ איז געוואָרען אַ באַלעבאָס־טע פאַר זיך, און ער איז דאָרט אליין.

און אַ ווילדער געדאַנק איז מאַר־גאָט'ען געקומען אין קאָפּ אריין: זי וועט נאָך היינט ביינאַכט פאָהרען צו איהם. זי וועט אַנקלינגען, איהם אויפ־וועקען און איהם פאַלען אויף זיין ברוסט. זי וועט וויינען, און ער וועט ארויפלעגען זיינע הענט אויף איהר קאָפּ, איהר גלעטען די האָר, זי צערטלען און באַרוהיגען. זיינע צוויי גרויסע הינט וועלען זיך מיט איהר דערפרעהען; זיי וועלען דרעהען מיט די עקען, זיך שאַ־רען ארום איהרע פיס, און אונטערבי־לען פון נחת. יאָ, היינט ביינאַכט נאָך פאָהרט זי צו איהם!

אָבער באַלד האָט זי דערפיהלט, אַז זי נאַרט זיך אליין — זי וועט ניט פאָהרען. „יענע פרוי" איז דאָרטען מיט איהם, יענע נאָכלעסיגע פרוי, וועמען זי האָט אליין אזוי נאַריש אוועקגעגעבען איהר מאַן, דעם מאַן וואָס זי האָט גע־ליבט און ליבט נאָך היינט. וואָס פאַר אַ נאַר זי איז דעמאָלט געווען! וואָס פאַר אַ גרויסער נאַר!!

זי האָט ווי עס איז דערענדיגט דעם ערשטען אַקט און האָט קוים באַוויזען אריבערטרעטען די שוועל פון דער ביה־נע — און איהרע אויגען זיינען ווידער אַמאָל פאַרלאָפען געוואָרען מיט טרעה־רען. אין טעאַטער הילכען די אַפּלאָ־דיסמענטען. דער רעזשיסאָר קומט צו צו איהר:

„ווילט איהר אזוי גוט זיין ארויס־געהן, ענטפערען דעם אַפּלאָדיסמענט, מאַדאַם טעניסאָן?"

„ניין, איך קאָן ניט און וויל ניט ארויסגעהן איצט זיך ווייזען אויף דער ביהנע!"

עס קומט צולויפען דער דירעקטאָר אליין: „וואָס איז מיט אייך, טייערע מאַרגאָט? איהר זיינט ניט געזונט? אפשר שיקען נאָך אַ דאָקטאָר?"

„ניין, ניין! מיר איז גאָרנישט. איך בין ניט קראַנק. לאָזט מיך צורוה! לאָזט מיך אַלע צורוה!!"

אין דעם צווייטען אַקט האָט מאַר־גאָט ביטער געקעמפט מיט זיך אליין. זי האָט געהאַט אַ שטאַרקען פאַרלאַנג ארויסצוקומען מיט דעם גאַנצען אמת; דערצעהלען דעם פובליקום, אַז ס'איז ליגען אַט די גאַנצע באָבע־מעשה וועגען דער פרוי'ס געשעפטליכען ערפאָלג, וועגען דעם ניט־געשטויגענעם גרויסען פאַר־מעגען וואָס די „מיס סמיט" מאַכט מיט עפּעס אַן אויסגעטראַכטער קאָמבינאַציע, דורך איהרע „זעלטענע פעהיגקייטען", וואָס זי האָט קיינמאָל ניט פאַרמאָגט און וועט קיינמאָל ניט פאַרמאָגען. וואו און ווען האָט מען אַמאָל באַגעגענט אין לעבען אַזאַ פיפיגע פרוי, ווי די „מיס סמיט", וואָס זאָל פלוצים, פון דער הע־לער־הויט, זיך ארויסווייזען פאַר אַזאַ גוואַלדיגער בריה און זאָל מיט איינמאָל, איינס־צוויי־דריי, מאַכען אַ ריזיגען פאַר־מעגען אין עפּעס אַ געהיימניספולער גע־שעפטליכער ספעקולאַציע? היינט, די צוגעשטויסעוועטע „ליבע" פון דעם יונ־גען אַלמן, דעם הויפט פון דער פירמע, צו אַט דער מיסטעריעזער „מיס סמיט"! און ווי דראַמאַטיש זיי שיידען זיך!

ער זאָגט: „איך וועל אייך אייביג געדענקען און אַפט פון אייך טראַכטען, מיס סמיט!"

און זי ענטפערט: „ניין, איהר מוזט מיך פאַרגעסען, ווי מע פאַרגעסט אַ פאַרביילויפענדען שאָטען!"

ער מאַכט אַן עלעגאַנטען זשעסט און זאָגט ארויס מיט אַ פאַטעטישען טאָן: „איהר קענט ביי מיר צונעהמען אייער געזעלשאַפט, איהר קענט ביי מיר צונעהמען מיין האָפנונג אויף אייך, אָבער איהר קענט ביי מיר נ י ט צו־נעהמען מיין זיסע עראינערונג וועגען אייך!".

און די דאַמען צווישען פובליקום ווישען זיך די אויגען, און אפילו ביי די מענער זיינען די אויגען פייכט. מאַרגאָט האָט געפיהלט ווי נעהמען זיך גוט אויסלאַכען. דערנאָך האָט פלוצים אַ כעס זי באַפאַלען, און זי האָט חשק געהאַט זיך אומצוקעהרען מיט'ן פנים צום פובליקום און אויסשרייען: „פערד, בהמות, אידיאָטען! האָט איהר טאַקע גאָר קיין פאַרשטאַנד ניט? זיינט איהר דען קיינמאָל פאַרליבט ניט גע־ווען? וואוינט איהר דען ניט אין קיין היימען? ווי אזוי זשע זעהט איהר ניט און פיהלט ניט דעם חילוק צווישען אמת'ער ליבע, אַן אמת'ע היים — און טעאַטער־שפּיל און ב י ה נ ע ־ ד ע ־ ק אָ ר אַ צ י ע ס?

אין דעם דריטען אַקט קומט מאַר־גאָט — אַדער, ווי זי הייסט אין דער פיעסע, „אַדעל" — צוריק צו איהר ביהנע־היים. אַן ערפאָלגרייכע פרוי, צו־ריק מיט איהר פאַמיליע, וואָס שטוינט און פאַרגעטערט זי. דער מאַן באַגע־גענט זי מיט אָפענע אָרעמס, אין די קינדער זיינען גרייט צו קניהען פאַר איהר און קושען די זוימען פון איהר קלייד — און ביי דעם פובליקום שיינען די אויגען פון שמחה מיט „אַדעל'ס" זיג און העלדענטאַט.

אַ „שטאַרקער מאָמענט". דער דראַמאַטיזם שטייגט און דערגרייכט דעם העכסטען פונקט. דער „שטאַרקער מאָמענט" איז דורכגעפיהרט גרויסאַר־אַרטיג, און די שפּיל געהט ווייטער —

„דאָס אַלץ האָב איך געטאָן פיר־דיינטוועגען, מיין מאַן, פאַר דיר און פאַר אונזערע קינדער!"

„און מיר, נאַראַנים, האָבען דיך גע־האַלטען פאַר אַ געוועהנליכע פרוי, אַ שעהנע פרוי אָבער ניט מעהר. אַדעל, טייערע! וועסטו אונז פאַרגעבען אונ־זער נאַרישקייט?" און דער מאַן שטרעקט אויס זיינע הענט צו זיין „טייערער אַדעל".

זי דאַרף אָננעהמען זיינע הענט, זיך אַ ציה טאָן צו איהם און איהם ענט־פערען מיט די העכסט־פאַטעטישע ווער־טער פון דער פיעסע, אָבער — זי ענט־פערט ניט...

אַ קורצע פויזע. דער הויפט־אַק־טיאָר, דער „מאַן", שטעהט מיט אויס־געשטרעקטע הענט. דאָס פובליקום אין די לאָזשעס און אין די פאָדערשטע ריי־הען קוקט, מיט אומרוהיגע בליקען, זיי הויבען זיך אַזש אונטער פון זייערע פלעצער. באַלד צוטראָגט זיך די אומ־רוהיגקייט, ווי דורך אַ מאַסען־טעלעפּא־טיע, צווישען דעם עולם אין טעאַטער.

מע פיהלט אַז עפּעס אויסערגעוועהנלי־כעס וועט באַלד געשעהן: ביי דער הויפט־אַקטריסע, ביי דער „מוטער", זיי־נען די אייגען אָנגעפילט מיט טרעהרען; זי שטעהט אומבאַוועגליך, אזוי ווי פּאַ־ראַליזירט — איז דאָס אַ טייל פון דער פיעסע?... אַלעמענס בליקען זיינען אָנ־געשטרענגט אויף איין פונקט — אויף דער „סטאַר"־אַקטריסע. פון די לאָ־זשעס דערהערט זיך אַ שטילער מור־מעל: „דאָס זיינען ניט קיין טרעהרען פון גליק! זעה איהרע הענט, ווי זי ציטערען!"

מאַרגאָט האָט געפיהלט, אַז זי גליטשט זיך אויס, אַז זי פאַרלירט איהר פרעמיער. נאָך אַ מינוט, און אַלץ וועט זיין געענדיגט — אַ דורכפאַל! „צום טייוועל מיט אַלצדינג! זאָל געשעהן דאָס ערגסטע, זאָל עס זיין אַ דורכפאַל. איך וועל זאָגען דעם אמת!" האָט מאַר־גאָט אַ טראַכט געטאָן און האָט אויס־געשריען:

„דאָס איז פאַלש! דאָס אַלצדינג איז פאַלש! אָהן אַ היים, אָהן אַן אמת'ער היים האָט קיין זאַך קיין שום ווערט ניט! אָהן דעם האָט דאָס גרעס־טע רייכטום, דער גאַנצער כבוד און רוהם פון דער וועלט, קיין ברעקעל ווערט ניט!" איהר שטימע האָט געציטערט, אין האַלז האָבען זי טרעהרען געשטיקט, אָבער זי האָט ווייטער גערעדט: „זעהט איהר דען ניט אליין, ווי עלענד איך בין? איך פאַרליר אַלצדינג: איך פאַר־ליר מיין היים, איך פאַרליר מיין מאַן, מיין קינד — איך ווייס ניט וואָס עס טוט זיך מיט מיר..."

איהרע מיטשפּילער אויף דער ביה־נע זיינען פאַרציטערט געוואָרען און גע־בליבען שטעהן פאַרגליווערטע פון שרעק. דאָס פובליקום איז געוואָרען בלייך און געקוקט מיט סטאַרע אָנגעשטרענגטע בליקען.

„דאָס אַלץ, וואָס איהר זעהט דאָ, איז פאַלש. עס זעהט אויס עכט, אָבער ס'איז פאַלש. דאָס איז ניט קיין עכטע אמת'ע היים, ניט קיין א י י ג ע נ ע ה י י ם!..." האָט מאַרגאָט געהאַלטען אין איין שרייען דורך טרעהרען, ביז זי האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין אין האָט ניט געקענט מעהר רעדען.

דער הויפּט־אַקטיאָר, „די פיהרענדע האַנט" אויף דער ביהנע, מיט זיין אַל־טער טראַדיציע פון „ראַטעווען קריטישע סיטואַציעס", איז צוגעלאָפען צו מאַר־גאָט'ען מיט זיינע אויסגעשטרעקטע אָרעמס, און, זיך אַוועקשטעלענדיג פונקט אַנטקעגען איהר, מיט זיין רוקען צום פובליקום, האָט ער אויסגערופען אין אַ הויך־דראַמאַטישען טאָן: „אַדעל, מיין ליבע געטרייע אַדעל! איך ווייס ווי דיך האָט געפלאָגט דיין זיין אין דער פרעמד, אַוועק פון דיין אייגענער היים. און איך שווער — דו וועסט דאָ צוריק־געפינען דיין אַלטע ליבע היים, נאָך וועלכער דו האָסט אזוי שטאַרק גע־בענקט!"

אַ וואונק פון דעם זעלבען אַקטיאָר, געוועגדט וואוהין מע האָט געדאַרפט, האָט באַלד ארונטערגעבראַכט דעם פאָר־האַנג.

הינטער די קוליסען איז געווען אַ סומאַטאָכע. אויף אַלעמענס פנים'ער איז געלעגען אויסגעגאָסען אַ מרה־שחורה. מע האָט זיך ניט געטומלט, נאָר אין שטילען שרעק געפרעגט איי־נער דעם אַנדערען: „וואָס איז גע־שעהן?" „גאָט אין הימעל, וואָס איז געשעהן?"

עטליכע סעקונדען זיינען זיי דאָרט אזוי געשטאַנען, דערשראָקענע, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, און געזוכט אַן ענטפער, און — פלוצים — איז אַ נס געשעהן: פון יענער זייט פאָרהאַנג האָט מיט אַמאָל אַ קנאַל געטאָן אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטען, וואָס האָט פאַרטויבט דאָס גאַנצע טעאַטער. דאָס גאַנצע פובליקום איז משוגע־באַגייסטערט גע־וואָרען פון מאַרגאָט'ס „שפּילען" אין דער לעצטער סצענע, און האָט געהאַל־טען אין איין קלאַפּען, גוואַלדעווען און אויסשרייען דעם נאָמען פון זייער גע־ליבטער אַקטריסע.

מאַרגאָט אַליין איז געבליבען שטעהן טומ ווי די וואַנט. איהר געזיכט איז געווען ווייס ווי שניי, און איהר גאַנ־צער גוף איז געוואָרען קאַלט ווי אַ שטיק אייז. באַלד זיינען ארום איהר זיך צו־נויפגעלאָפען דער דירעקטאָר, דער פאַר־פאַסער פון דער דראַמע, עטליכע קרי־טיקער און אַ גרויסע צאָהל פאַרעהרער.

„מיר בייגען זיך פאַר אייך, מאַדאַם טעניסאָן!" „איהר האָט אונז אַלעמען ער־שטוינט, מאַדאַם טעניסאָן!" „איהר האָט זיך אַליין איבערטראָפען, מאַדאַם טעניסאָן!" „איהר האָט דאָך דאָס פובי־ליקום ממש ווילד געמאַכט מיט אייער לעצטער סצענע, מאַדאַם טעניסאָן!" „מיין טיפסטען דאַנק און אָנערקענונג פאַר אייער אייגענעם־פאַרפאַסטען קלי־מאַקס, מאַדאַם טעניסאָן!"..

צו די קאָמפּלימענטען איז גאָר קיין שיער ניט געווען. מאַרגאָט'ען האָבען זיי געקלונגען אזוי ווי שטימען פון אַ ווייטער, ווייטער וועלט. אַלע האָבען איהר געדריקט די הענט, זיך געבויגען און געשמייכעלט — און זי האָט דאָס אַלץ געזעהן ווי דורך אַ טומאַן.

„הערט וואָס דאָרט טוט זיך, מיין טייערע מאַרגאָט! דער גאַנצער עולם דאָרט איז דאָך איינפאַך משוגע געוואָ־רען פון ענטוזיאַזם. ווילט איהר אזוי גוט זיין, ליבינקע, און ארויסגעהן זיך אַ ווייז טאָן פאַר'ן פובליקום?" האָט זיך ביי איהר געבעטען דער דירעקטאָר, און, זי אָננעהמענדיג פאַר ביידע הענט, האָט ער זי כמעט ווי ארויסגעשלעפּט אויף דער ביהנע.

אַ נייער און נאָך שטאַרקערער דו־נער פון אַפּלאָדיסמענטען האָט אויסגע־בראָכען, באַגלייט פון פאַרטויבענדע גע־שרייען „מאַ־רג־אָט טע־ני־סאָן!"

נאָר צו פאַרדאַנקען דעם כח פון גע־וואוינהייט און פון איהר גוטען זכרון איז איהר געלונגען אָנצוציהען אויף איהר פנים איהר געוועהנליכען מעכאַ־נישען ביהנע־שמייכעל און אַ בויג טאָן מיט'ן קאָפּ.

„מאָרגען באַשטעלען מיר נייע גרוי־סע אַפישען, מיט אייער נאָמען אַלס מיט־פאַרפאַסער פון דער דראַמע!" האָט איהר געזאָגט דער דירעקטאָר, ווען ער האָט זי צוגעפיהרט אונטער'ן אָרעם צו דער טיר פון איהר קליידונג־צימער.

„דאָס איז אַלץ וואָס מיר איז גע־בליבען!" האָט זי געטראַכט, אוועקפאַ־לענדיג אויף דער שטול ביים שפּיגעל אין איהר צימער. איהר ביז־היינטיגס שפּילען האָט דער עולם שטענדיג אָנגע־נומען פאַר עכטע איבערלעבונגען — און איהר ערשטע אמת'ע איבערלעבונג, וואָס זי האָט היינט, ניט־ווילענדיג, אַנטפּלעקט פאַר דעם זעלבען עולם, האָ־בען אַלע אָנגענומען פאַר אַ — קונ־ציגען שפּיל.

שפּיל? ביי איהר איז דאָס האַרץ שיער צוריסען געוואָרען פון וועהטאָג, און ביי זיי איז דאָס — שפּיל. זי האָט זיך אין הייסע, זודיגע טרעהרען געבאָ־דען — אַלץ שפּיל... דעם עולם איז איהר „שפּיל" געפעלען. דער עולם האָט הנאה געהאַט. דער דירעקטאָר — אויך. און זי? דאָס איז אַלץ, וואָס איהר איז געבליבען: פאַרוויילען דעם עולם מיט שפּיל! איהר באַלוינונג? דער טיטול „סטאַר"! „קעניגין פון בראָדוויי'ער טעאַטער־וועלט"! אָבער ווי לאַנג וועט זי נאָך קאָנען אזוי „קיניגען" אויף בראָדוויי? ווי לאַנג וועט איהר נאָך דינען דער „צויבער" פון איהר גראַציע־זער פיגור, שעהנעם האַלז און די אַלע אַנדערע „כלי־זין", מיט וועלכע מע באַ־הערשט בראָדוויי? און וואָס — דער־נאָך?...

ע נ ד.

צו דער פאַראייניגונג פון די דרעסמאַכער און די קלאָוק־מאַכער אין איין דזשאָינט באָארד

(שלוס פון זייט 5)

אוממעגליך געמאַכט די דורכפיהרונג פון דעם באַשלוס פון די דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד.

מענשען, וואָס זיינען געווען איבער־געגעבען מיט ליב און לעבען, האָבען פאַר־לאָרען יעדע האָפנונג צו זעהן אין דער נאָהענטער צוקונפט די פאַרווירקליכונג פון דעם פּלאַן. איך האָב אָבער געהאַט דעם פולסטען צוטרוי אין אונזער פּרעזידענט זיגמאַן. איך קען שוין פון לאַנג זיין אייזערנעם ווילען, און איך בין זי־כער געווען, דאָס אַלע שוועריגקייטען וועלען באַזייטיגט ווערען און עס וועט זיין איין דזשאָינט באָארד פון דרעס און קלאָוק מייקערס אין ניו יאָרק, און איך האָב זיך ניט גענאַרט.

איך דריק אויס מיין הערצליכען דאַנק צו אַלע, וואָס האָבען מיטגעהאָל־פען צו דיזער פאַראייניגונג, און מיט דער פולער מיטווירקונג פון די נייע לאָקאַלס, וואָס זיינען אריינגעקומען צו דער דזשאָינט באָארד, בין איך זיכער דאָס אין דער זעהר נאָהענטער צוקונפט וועלען די קאָנדישאָנס אין דרעס־טרייד זעהר באַרבעסערט ווערען.

אין פאַראייניגונג ליגט אונזער מאַכט.

הייטאַן גרינבערג,
ווייסטריאַז לאָקאַל 22.

צוויי מיטינגען פון עקזעק. באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22

א זיצונג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22 איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט, דעם 8טען אויגוסט, אין 16 וועסט 21טע סטריט, אונטער דעם פאר־זיץ פון שוועסטער יאלקאוויץ.

ברודער זיגמאן, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל האט אין א צושריפט געמעלדעט אונזער עקזעקוטיוו באארד, אז די פינאנץ קאמיטע פון דער א. ל. ג. וו. האט ביי איהר מיטינג פרייטאג, דעם 21טען יולי אויפגענומען און באטראכט די חובות פון די פארשידענע לאקאלס אין שייכות מיט דעם אסעסמענט פון יאהר 1922 און האט וואס די באטרעפענדע לא־קאלס אייגען זיך ניט געצאהלט און אפצאהלען זייערע שולדען.

צווי ווי אונזער לאקאל איז נאך איצט שולדיג אויף דעם דערמאנטען טעקס צעהן טויזענד דאלאר און ווייל דעם באשלוס פון דער אינטערנעשאנאל פינאנץ קאמי־טע דארפען מיר אריינגעבען 5 טויזענד דאלאר ביז דעם 10טען אויגוסט, האט דער עקזעקוטיוו באארד באשלאסען צו באווילליגען דעם פארלאנג פון דעם פרע־זידענט און אינסטרואירט דעם סעקרעטער ארייבצושיקען 5 טויזענד דאלאר צו דער אינטערנעשאנאל אויפ'ן חוב פון דעם אסעסמענט פון יאהר 1922.

„די וואירקערס יוניטי הויז אסאסי־איישאן" פון 185 לעקסינגטאן עוו. האט אריינגעשיקט א טשעק פאר 545 דאלאר וואס זי איז שולדיג געבליבען צו אונזער יוניאן פאר מעבעל, און אנדערע הויז־זאכען, וועלכע זי האט גענומען פון אונ־זער אמאליגער יוניטי הויז אין וואוד־סטאק, נ. י.

דער באריכט פונ'ם גענעראל מעמ־בער־מיטינג פון דאונטאון, דעם 2טען אויגוסט, איז אויפגענומען געווארען.

אינ'ם באריכט ווערט צווישען אנ־דערעס געזאגט, אז אין שייכות מיט דער פאראייניגונג פון לאקאל 22 און 23 און די אנשליסונג צו דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד האט ברודער שעהנהאלץ אפגעגעבען א קורצען באריכט וועגען די אנטוויקלונגען פון דער פאראייניגונגס־פראגע פאר דעם משך פון דעם 26טען יולי, ווען אונזער עקזעקוטיוו באארד האט פון דער אינטערנעשאנאל באקומען די מיטטיילונג וועגען דעם ענטגילטיגען באשלוס, וואס דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט וועגען דעם ענין ארויסגעגע־בען.

אין פארבינדונג מיט אט דער אמאל־גאמירונג האט די פאראייניגונגס־קאמיטע פון אונזער לאקאל זיך געזעהן מיט פרע־זידענט זיגמאן, כדי קומען צו א פאר־שטענדיגונג וועגען א ספעציעלען דרעס דעפארטמענט אין דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד. ער האט צוגעזאגט דער קאמיטע, אז ער וועט קומען צום מעמבער מיטינג פארצולייגען און קלאר־מאכען פאר די מיטגלידער די פלענער פון דער פאראייניגונג און די אנשליסונג אן דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד. אבער אזוי ווי ער האט צום מיטינג ניט געקאנט קומען האט ער צוגעשיקט א געשריבענע קאפיע פון די פלענער, וועל־כע ער צוזאמען מיט ברודער פיינבערג האבען אויסגעארבייט אין באצוג צו דער ארגאניזאציאנס פארוואלטונג און טעטיג־קייט פון דעם דרעס טרייד, וואס ווערט פאראייניגט מיט דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד.

דער פלאן איז פאר די מעמבערס פארגעלעגט געווארען.

נאכדעם ווי עס איז אויסגעהערט גע־ווארען דער באריכט וועגען דער פאראיי־ניגונג און דער פלאן, וואס ברודער זיג־מאן האט צוגעשיקט, איז געמאכט געווא־רען א פארשלאג און אמענדמענט.

דער פארשלאג האט געלויטעט, אז די מיטגלידערשאפט הייסט גוט די האנד־לונג פון דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד און אז מיר זאלען אריינשיקען דעלעגא־טען צום קלאוקמאכער דזשאינט באארד פרייטאג, דעם 10טען אויגוסט, אזוי ווי די גענעראל עקזעקוטיוו באארד קאמיטע האט באשטימט. אלע אנדערע איינצעל־הייטען אין פארבינדונג מיט'ן אנשליסען זיך אן דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד זאלען איבערגעלאזען ווערען צו אונזער דעלעגאציע אויפצונעמען ווען זי וועט שוין זיין אין דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד.

דער אמענדמענט איז געווען, אז דער מיטינג אינסטרואירט דעם עקזעק. באארד, די דעלעגאטען, צו אונזער דזשאינט באַ־ארד און די באאמטע, אז קיין דעלעגאציע זאל ניט געשיקט ווערען און קיין געלט פאר שעפער זאלען ניט טראנספערירט ווערען צום קלאוקמאכער דזשאינט באארד ביז די גענ. עקזעקוטיוו באארד קאמיטע וועט ניט גוטהייסען די פלענער, וועלכע אונזער קאמיטע האט אויסגעארבייט ווי אזוי די דרעס אינדוסטריע זאל פון דער דערמאנטער העדפערשאפט פארוואלטעט ווערען.

דער פארשלאג און דער אמענדמענט זיינען גרינדליך דיסקוטירט געווארען. א גרויסע צאהל מיטגלידער, באטש זיי זיי־נען פאר דעם, אז מיר זאלען זיך אנשלי־סען אן דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד, האבען אנגעוויזען, אז איידער מיר געהן אהין אריבער מוזען מיר פארזי־כערען די אינטערעסען פון די ארבייטער און אונזערע שעפער, כדי זיי זאלען ניט פארלירען זייערע רעכטע. מעהר נאך, זיי פארשטעהען ניט ווי אזוי מיר קענען שיקען דעלעגאטען איידער די דרעסמא־כער פון לאקאל 23 זיינען טראנספערירט צו אונזער לאקאל. אנדערע האבען אנ־געוויזען, אז וואס פאר א באשלוס מיר זאלען ניט אננעמען ניט צו שיקען קיין דעלעגאטען וועט עס אפהאלטען די לאנג־ערווארטעטע פאראייניגונג.

ווען די פראגע איז גענומען געווארען צו אן אפשטימונג איז דער פארשלאג אנ־גענומען געווארען.

דער עקזעקוטיוו באארד האט דעם באריכט גוטגעהייסען און האט אין איינ־קלאנג מיט'ן ווארט פון דעם מעמבער־מיטינג צו שיקען א דעלעגאציע צום קלאוקמאכער דזשאינט באארד פרייטאג, דעם 10טען אויגוסט, באשלאסען, אז די זעלבע דעלעגאטען, וועלכע האבען אונז פארטראטען ביים דזשאינט באארד פון די דרעסמאכער, זאלען אונז רעפּרעזענ־טירען ביים קלאוקמאכער דזשאינט באארד.

ווען דער עקזעקוטיוו באארד האט אויפגענומען די פראגע וועגען טראנספע־רירען די דרעסמאכער מעמבערס פון לא־קאל 23 צו לאקאל 22 האט ברודער שעה־נהאלץ אפגעגעבען א קורצען באריכט וועגען די איינצעלהייטען וואס זיינען ביים קאנפערענץ צווישען די ברידער לינר, זיגמאן און איהם אויסגעארבייט און אנ־גענומען געווארען.

„א צענזוס זאל גענומען ווערען אין די דרעס שעפער פון לאקאל 23 אויסצוגע־פינען וויפיל דרעסמאכער פון דערמאנ־טען לאקאל דארפען זיך טראנספערירען צו לאקאל 22. פאר דעם צוועק וועלען די ברידער שעהנהאלץ און לינר נעמען זיך באזוכען די שעפער פון לאקאל 23, כדי צו באשליסען צי עס ארבייטען איצט גענוג מענשען אין די שעפער אזוי, אז עס זאל זיך לוינען גלייך אנצוהייבען די רעגיס־טראציע. אויב זיי באשליסען אז די צייט איז גינסטיג פאר דעם זאלען זיי פארלאנ־גען פון גענעראל מענעדזשער פיינבערג פונ'ם קלאוקמאכער דזשאינט באארד צו פארארדנען, אז אין די אלע שעפער זאלען די יוניאן ביכלאך פון די דרעסמאכער מעמבערס פון לאקאל 23 צוזאמענגעקלי־בען ווערען.

נאכדעם ווי ליסטען מיט די נעמען פון די צוזאמענגעזאמעלטע ביכלאך וועלען זיין פארטיג וועלען די ליסטען פון יעדען שאפ צוזאמען מיט די יוניאן ביכלאך גע־שיקט ווערען אין אפיס פון לאקאל 22 וואו אט די אלע פריהערדיגע מעמבערס פון לאקאל 23 וועלען ווערען מעמבערס פון לאקאל 22 און קריגען נייע יוניאן־בי־כלאך.

די ברידער לינר און שעהנהאלץ צוזא־מען מיט דעם אודיטאר פון דער אינטער־נעשאנאל זאלען באשליסען וועגען די שול־דען פון די מעמבערס און ביז וועלכען סאך דאס זאל געצאהלט ווערען צו לאקאל 23 זיי זאלען אויך באשטימען וועגען די פי־נאנציעלע ענינים פון די צוויי לאקאלס.

כדי די מיטגלידער פון לאקאל 23 זא־לען ניט פארלירען זייערע פריווילעגיעס פון קראנקען בענעפיט, וועט דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנע־שאנאל איבערנעמען דעם טייל פון דעם קראנקען בענעפיט פאנד צו וועלכען די דרעסמאכער, וועלכע זיינען איצט מיטגלי־דער פון לאקאל 23, זיינען בארעכטיגט.

דער גענעראל אפיס וועט דעם פאנד פארוואלטען פאר זיי ביז ענטוועדער לא־קאל 22 וועט אזא פאנד איינפירען, וואס ער האלט אין באטראכטען, אדער ביז דער פאנד וועלכען דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט איבערנעמען וועט זיך אין גאנצען אויסשעפען".

ברודער שעהנהאלץ האט ווייטער באַ־ריכטעט, אז אין איינקלאנג מיט דער פארשטענדיגונג צו וועלכע מען איז גע־קומען אויף דעם קאנפערענץ האט ער מיט ברודער לינר די וואך באזוכט א צאהל שעפער פון לאקאל 23, כדי צו באשטימען צי עס ארבייטען גענוג מענ־שען אין די שעפער אזוי, אז מען זאל איצט אנהויבען די רעגיסטראציע. ווען ער האט זיך געטראפען מיט ברודער לינר א צווייטען מאל, זיינען זיי געקומען צום באשלוס, אז קומענדיגען מאנטאג, דעם [illegible] אויגוסט, זאלען [illegible] לאקאל 23 אנהויבען [illegible] די ביכלאך פון די דרעס־מאכער [illegible] לאקאל 22 און זיי [illegible] אין דעם אפיס פון זייער לאקאל [illegible] אריבערשיקען [illegible].

דער באריכט פונ'ם קאנפערענץ און די אראנדזשמענטס, וואס זיינען געמאכט געווארען צווישען די ברידער שעהנהאלץ און לינר, ווען די רעגיסטראציע זאל זיך אנהויבען, זיינען גוטגעהייסען געווארען.

אין פארבינדונג מיט דעם האט ברו־דער שעהנהאלץ אויפמערקזאם געמאכט דעם עקזעקוטיוו באארד, אז אויפ'ן דער־מאנטען קאנפערענץ, וואס איז געהאלטען געווארען צווישען ברידער לינר, זיגמאן און איהם איז [illegible] פארגעהן גע־ווארען, וואס איז, אז באשטימען א געוויסען [illegible] ווען לאקאל 23 זאל אויפ־הערען אריינעמען נייע מיטגלידער, וועלכע וועלען געהן ארבייטען אין די שעפער, וואס זיינען ביז איצט באקאנט געווען אלס לאקאל 23 שעפער. אויך וועלען די, וואס זיינען שולדיג מעהר ווי [illegible] און וועלכע זיינען לויט דער קאנסטיטוציע מעהר קיין מעמבערס ניט און וועלען זיך ווידער אנשליסען אן דער יוניאן און ווייטער אנהאלטען זייער מיטגלידערשאפט, אט די אלע זאלען אי־בערשריבען ווערען צו לאקאל 22 דא־רט צו ווערען מעמבערס.

דער עקזעקוטיוו באארד האט גע־פיהלט, אז דאס איז א גערעכטע פאָדע־רונג, ווייל מיר האבען שוין ערוויילט א דעלעגאציע צום קלאוקמאכער דזשאינט באארד און פון מאנטאג, דעם 13טען אויגוסט, וועט די [illegible] קערפערשאפט נעמען אויפזיכט איבער דער דרעס אינ־דוסטריע.

דער באריכט פון דער אפיל קאמיטע פון אויגוסט דעם 4טען איז אויפגענומען און פארהאנדעלט געווארען.

די פינאנץ און אפיס קאמיטע האט איינגעבראכט דעם באריכט פון איהר מיטינג, וואס זי האט געהאט דעם 7טען אויגוסט. דער באריכט איז פארהאנ־דעלט און גוטגעהייסען געווארען.

די דזשאינט באארד באריכטען פון דעם 18טען און 25טען יולי און דעם ערשטען אויגוסט זיינען אויפגענומען און פארהאנדעלט געווארען.

אין דעם לעצטען באריכט ווערט צווי־שען אנדערעס איבערגעגעבען, אז דער דזשאינט באארד האט באריכטעט די פרא־גע וועגען די פארשיידענע געלדער און זאכען, וואס געהן, מיט זיין אויפלעזען זיך, אריבער צום קלאוקמאכער דזשאינט באארד.

ברודער שעהנהאלץ האט דאן אין [illegible] איבערגעגעבען די באשלוסען, וועלכע זיינען אויפ'ן מיטינג, דינסטאג, דעם 7טען אויגוסט, אנגענומען געווא־רען פון די לאקאל סעקרעטערס צוזאמען מיט די ברידער קאפלאוויץ און מאקאר, די סעקרעטערס פון ביידע דזשאינט באארדס.

דער עקזעקוטיוו באארד האט איבער די באשלוסען דיסקוטירט און זיי פאר־האנדעלט.

א זיצונג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 23 איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט, דעם 14טען אויגוסט, אין 16 וועסט 21טע סטריט, אונטער דעם פאר־זיץ פון שוועסטער וואלקאוויץ.

די „אנטי פאשיסטי אליענס פון נארט אמעריקא", אן ארגאניזאציע, וועלכע האט זיך געגרינדעט מיט'ן צוועק אנצופיהרען א באוועגונג צו באקעמפען די געפאר וואס פאשיזם ברענגט מיט זיך, האט דורך א צושריפט מיטגעטיילט, אז די ארבייט פון דיזער ארגאניזאציע, וואס האט זיך צוליב זומער אויף א ווייל־ע אפגעשטעלט, מוז איצט מיט באנייטער ענערגיע ווידער אנהויבען פונקציאנירען, ווייל די פאשיסטען ארגאניזירען זייערע גרופען און אנאנסירען, אז זיי האבען בדעה אויסצושטעלען פאשיסטישע יו־ניאנס צו פארנעמען דעם פלאץ פון די עקזיסטירענדע יוניאנס.

אויפ'ן פארלאנג פון דער אבינער אר־גאניזאציע איז באשלאסען געווארען צו באטייליגען זיך אין איהר ארבייט און ברודער ווייסבערג און שוועסטער סא־רעווסקי זיינען ערוויילט געווארען אלס דעלעגאטען אונז צו פארטרעטען ביי דער דאזיגער ארגאניזאציע.

ברודער שעהנהאלץ האט אינפארמירט דעם עקזעקוטיוו באארד, אז ער האט געקראגען צו וויסען פונ'ם סעקרעטער פון דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד, אז דער לעצטער וועט האבען זיין זיצונג פרייטאג, דעם 17טען אויגוסט, אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל. דאס אבינע איז געווען אן ענטפער אויף ברודער שעהנהאלץ'ס א מעלדונג צום קלאוקמא־כער דזשאינט באארד וועגען די ערוויל־טע דעלעגאטען צו אט די קערפערשאפט. אין דעם ענטפער ווערען אונזערע דעלע־גאטען אויפגעפאדערט ניט צו פארפעלע[ן] קומען צום מיטינג.

דער דזשאינט באארד באריכט פו[ן] דעם 31טען אויגוסט איז אויפגענומע[ן] און פארהאנדעלט געווארען.

אין פארבינדונג מיט דעם באריכ[ט] איז ארויסגעבראכט געווארען, אז הנ[...] דער קלאוקמאכער דזשאינט באארד אי[ז] איצט פארנומען מיט דער פראגע וועגע[ן] דעם „סטאפעדזש" פון די קלאוק קאנט־ראקטארס וועט דאס אבער ניט האבע[ן] קיין ווירקונג אויף דער פאראייניגונג או[ן] וועט ניט אפהאלטען דעם קלאוקמאכע[ר] דזשאינט באארד איבערצונעמען ד[י] פארוואלטונג פון דעם דרעס טרייד. [...] [...]קע אין לעצטען שבת האט ברודער פיינבערג, מענעדזשער פונ'ם קלאוקמא[...] כער דזשאינט באארד געהאט א מיטינ[ג] מיט די מענשען, וועלכע זיינען אנגע[...] שטעלט אין די פארשיידענע דעפארט[...] מענטס פון דעם דרעס און וויסט דזש[...] באארד.

ברודער שאפירא האט דאן באריכ[...] טעט, וואס עס איז פארגעקומען אויף[...] שבת'דיגען מיטינג: וועהרענד ברודער פיינבערג האט באזוכט די דעפארט[...] מענטס מיט'ן צוועק איבערצונעמען ד[י] פארוואלטונג פון דער דרעס אינדוסטריע, האט ער אנאנסירט, אז ברודער הארא[...] וויץ זאל אויף ווייטער פארבלייבען מע[...] נעדזשער פון דעם אסאסיאיישאן דע[...] פארטמענט און ברודער שאפירא זאל[...] דערווייל פארוואלטען דעם אינדעפענ[...] דענט דעפארטמענט ביז באשטימטע אראנזשמענטס וועלען געמאכט ווערען.

אין פארבינדונג מיט דאס דערמאנטע, האט ברודער שעהנהאלץ אינפארמירט דעם עקזעקוטיוו באארד, אז דינסטאג, דעם 14טען אויגוסט איז ער אנוועזענד געווען ביי א מיטינג פון די לאקאל סעק[...] רעטערס פון דעם דזשאינט באארד, ביי וועלכען עס זיינען אויך געווען די ברי[...] דער מאקאר און אנטאניני. ביים מי[...] טינג איז צווישען אנדערעס אויך אויפ[...] גענומען געווארען די פראגע וועגען דעם 20 דאלאר טעקס. נאך א לענגערע דיס[...] קוסיע איז מען געקומען צום באשטימ[...] טען באשלוס אין באצוג צו די געלדער, וואס אונזער לאקאל דארף איינצאהלען צום קלאוקמאכער דזשאינט באארד.

אט די אלע באריכטען האבען ארויס[...] גערופען אן אינטערעסאנטע און לעבע[...] דיגע דעבאטע אין וועלכער כמעט אלע עקזעקוטיוו באארד מעמבערס האבען זיך באטייליגט. פארשיידענע פארשלאגען זיינען געמאכט געווארען אין באצוג צו דעם ווי אזוי די ארבייט פאר אונזער יוניאן זאל איצט געטאן ווערען. עס איז ספעציעל אנגעוויזען געווארען, אז איצט, אין אנפאנג פון סעזאן, איז זעהר וויכטיג אנצוהייבען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין. נאך א לאנגער דיסקוסיע איז באשלאסען געווארען, אז אונזערע דעלע[...] גאטען צום קלאוקמאכער דזשאינט באארד זאלען אט די אלע פראגען דארט אויפנעמען.

מיט דעם האט זיך די זיצונג גע[...] שלאסען.

י. שעהנהאלץ, סעק.

באטראב מייקערס אין א דזשענעראל סטרייק

(שלוס פון זייט 1.)

מוז ווערען א יוניאן שאפ, און יעדער באט־ראב מייקער מוז זיין א יוניאן־מאן".

דער רוף צום סטרייק איז ערקלערט געווארען דורך א רויטען הענדביל. ער לייענט זיך ווי פאלגט:

„ברידער און שוועסטער, איהר ווערט אלע געפאדערט צו סטאפען פון דער ארבייט. ווארט ניט אויף א קאמיטע צו לאזען אייך וויסען וועגען דעם סטרייק. יעדער איינער פון אייך מוז פארלאזען די ארבייט. פארלאזט אייערע שעפער געלאסען, אין גוטער ארדנונג, און מאר־שירט צו אייך צום האל, וואו אייער שאפ איז באשטימט."

אלע באט־ראב מייקערס אין ניו יארק פארזאמלען זיך אין ארלינגטאן האל, 23 סט. מארקס פליים, צווישען צווייטער און דריטער עוועניו.

די ארבייטער פון ברוקלין און בראנז־וויל פארזאמלען זיך אין בראנזוויל לייס־באר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט.

בעת מיר שרייבען די צייל[ע]ן, ווייסען מיר נאך ניט, וויפיל ארבייטער עס האבען געענטפערט אויף דעם רוף פון דזשענעראל סטרייק. אבער עס איז ני־טא דער מינדסטער צווייפעל, אז די מאיאריטעט באטראב־מייקערס האבען פארלאזען זייערע שעפער און באטראכ־טען די יוניאן אלס זייער ערלייזער. אונ־טער די אומשטענדען האבען דאך די בעלי בתים קיין אנדער ברירה ניט ווי נאכצוגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון דער יוניאן פאר זייערע ארבייטער.

די קלאוק און דרעס אינדוסטריע, איהרע פראבלעמען און צוקונפט

פון בערנארד אקערמאן.

די צוקונפט איז דאס קינד פון דער פארגאנגענהייט און געגענווארט. כדי צו קענען ווארפען א בליק אין דער צוקונפט, מוז מען ריכטיג פארשטעהן דאס, וואס איז שוין ווערט און קענען ריכטיג באגרייפען און אנאליזירען דעם „איצט".

עס איז נויטיג צו האבען אין זינען, דאס אין אלע ניט־ארגאניזירטע אינדוסטריען, אין אלע סוועט־שאפ־אינדוסטריען, באטראכט דער מאנופעקטשורער די ארבייטער, ווי א זאך, וואס מען קען קויפען לויט דעם מארקעט־פרייז. דער פרייז, וואס ווערט באצאהלט, ווען עס איז דא גענוג ארבייטער, איז די סאמע קלענסטע ווידזשעס, וואס קענען אויפהאלטען דעם ארבייטער ביים לעבען. ווידער איז די פאדערונג פאר דעם ארבייטער'ס ארבייט באזונדערס שטארק און צופיל ארבייטער זיינען ניטא, דאן שטייגען די ארבייטער־ווידזשעס, לויט דער שטארקייט פון דער פאדערונג.

אזעלכער איז געווען דער ווידזש־געזעץ אין אונזער קלאוק־ און דרעס־אינדוסטריע, איידער די יוניאן האט אנגעהויבען צו לעבען. אין צייטען פון סלעק זיינען די ארבייטער־ווידזשעס געפאלען אזוי נידריג, ווי מעגליך, אזוי, דאס דער ארבייטער האט קוים געקאנט מאכען א לעבען; און ווען עס איז געקומען דער סיזאן, האבען זיך זיינע ווידזשעס, פראפארציאנעל דעם פארלאנג פון ארבייט, ווידער א הויב געטאן. און באלד נאכדעם איז געקומען ווידער דער סלעק מיט זיין גאנצען עלענד. דאס אלעס האט זיך באדייטענד געענדערט אין די יאהרען 1909 און 1910. דער ארבייטער, וואס איז ביז איצט באטראכט געווארען אלס א „קאמאדיטי", אלס א טויטע זאך, וואס מען קויפט און פארקויפט לויט דעם מארקעט־פרייז, האט ארויסגעוויזען אז ער האט א נשמה, א ווילען, האט זיך ארגאניזירט, און האט געפאדערט א גרעסערען חלק אין די פרוכט פון זיין ארבייט. פון די עקאנאמישע קעמפע, וואס זיינען געפירמען, זיינען די ארבייטער ארויסגעקומען אלס די זיגער.

די ארבייטס־געבער זיינען געשלאגען געווארען, און די ארבייטער אין די שעפער האבען געקראגען א דעה אין דעם סעטלען פון פרייזען פאר זייער ארבייט. דאס האט געבראכט דערצו, אז דער ארבייטער האט געקראגען העכערע, מעהר צופרידענשטעלענדע ווידזשעס, און די אלגעמיינע לאגע אין די שעפער איז געווארען א פיל בעסערע. דער מאנופעקטשורער, שטעהענדיג פנים אל פנים מיט דעם ניי־געבארענעם ארבייטס־פראבלעם האט אנגעהויבען שטודירען די ארבייטס־קאסטען אונטער דער נייער ארדנונג. ער האט אויסגעפונען, אז די ארבייטער־ווידזשעס ווערען שוין ניט מעהר קאנטראלירט פון דער נאכפראגע און אנגעבאט.

ער האט געפונען, אז די ארבייטער־ווידזשעס זיינען פעסט באשטימט. מאכט ניט אויס, צי עס איז דא מעהר אדער ווייניגער ארבייט אויף דעם ארבייטער־מארקעט. ער האט אויסגעפונען, אז די ארבייטס־פרייזען ווערען באשטימט לויט דעם אורטייל פון דער פרייז־קאמיטע צוזאמען מיט דעם אינדיווידועלען ארבייטס־געבער.

דערצו זיינען די ארבייטס־פרייזען געווען פארשידען אין די פארשידענע שעפער, ווייל די אינדוסטריע איז דאן נאך געווען אויף דעם שטיק־סיסטעם, און די פרייז־קאמיטעס זיינען געווען פארשידען; איינער האט געקאנט בעסער דינגען זיך מיט דעם באס, איז דער פרייז פאר א געוויסע שטיק ארבייט געווען א העכערער. א צווייטע פרייז־קאמיטע איז ניט געווען אזוי פעהיג אין הלכות דינגען זיך, איז דער פרייז פון דעם שטיק ארבייט געווען א נידריגערע.

שוין דאן איז געווען א צאהל סאב־קאנטראקטארס, וואס האבען פארקויפט זייער פערטיג־געמאכטע סחורה צו דעם גרעסערען מאנופעקטשורער. יענע סאב־מאנופעקטשורער דארפען ניט פארביטען ווערען מיט דעם איצטיגען קאנטראקטאר. דער סאב־מאנופעקטשורער פון יענער צייט איז געווען אן אומאפהענגיגער מאנופעקטשורער, וועלכער האט דורך א בעסערער אויספאסונג און דורך א נידעריגערען ווידזש־סקייל פאר זיינע ארבייטער געקאנט פארקויפען זיין פראדוקט צום גרעסערען מאנופעקטשורער מיט א פראפיט. די זיגרייכע יוניאן געגען דעם גרויסען מאנופעקטשורער האט פארזעהן אין איהר קאמף דעם קלענערען מאנופעקטשורער. אמת, אויך אין די שעפער האבען די ארבייטער געקראגען א ווידזש־העכערונג, אבער די העכערונג איז נאר געווען א פראפארציאנעלע. זייערע ווידזשעס זיינען נאך אלץ געבליבען נידריגערע, ווי אין די גרויסע פעקטארים. וואלט די יוניאן דאן געקאנט אויספיהרען, אז דער ווידזש־סטענדערד זאל אין דער קלענערער און אין דער גרויסער פעקטארי זיין איין און דערזעלבער, וואלט דער סאב־מאנופעקטשורער אין גאנצען פארשוואונדען אלס פאקטאר אין דער קלאוק־אינדוסטריע.

און אט צו די שעפער מיט די קלענערע ארבייטער־ווידזשעס האט דער גרויסער מאנופעקטשורער געווענדעט זיינע דארשטיגע בליקען. זעהענדיג, אז די ווידזשעס אין זיין פעקטארי זיינען פעסט באשטימט, אזוי, דאס זיי זיינען אויסער זיין קאנטראל, האט איהם געצויגען, ווי מיט א מאגנעט, צו דעם סאב־מאנופעקטשורער, צו קומען מיט איהם אין א נאהענטער באריהרונג. ער האט אנגעהויבען ערציהען דעם סאב־מאנופעקטשורער, אזוי, אז ער זאל קענען פראדוצירען אלעס, וואס איז פאר איהם נויטיג. דער סאב־מאנופעקטשורער, פון זיין זייט, האט געסטארעט זיך צו באפרידיגען דעם פארלאנג פון זיין נייעם קאסטומער, און ביסלאכווייז, ביסלאכווייז האט זיך זיין שאפ אומגעוואנדעלט אין א הילף־שאפ פאר דעם שאפ פון דעם גרויסען מאנופעקטשורער. אט פון דער דאזיגער פאראייניגונג צווישען דעם מאנופעקטשורער און סאב־מאנופעקטשורער איז געבארען געווארען דער קאנטראקטינג־שאפ, וועלכער האט באלד געגעבען געבורט צו דעם ממזר, וואס געהט אונטער די נעמען: „קאאפעריישאן שאפ", „פאמיליען־שאפ" און „סוועט־שאפ".

דעם דאזיגען פראצעס, וואס האט אנגעריהרט בלויז א קליינעם פראצענט פון די שעפער אין דער אינדוסטריע, האט די יוניאן פארזעהן. די גאנצע געשיכטע איז באטראכט געווארען, ווי א קליינער קראץ אויף דעם געזונטען קערפער פון דער אינדוסטריע, און מען האט ניט געטראכט, אז דאס קען זיך ענטוויקלען אין א זאראזע, וואס זאל פארגיפטען דעם גאנצען קערפער.

א געפאנגענער אין א שטייג שפרייזט ארום אומרוהיג, זוכענדיג א מעגליכקייט צו אנטלויפען. ער באטראכט טויזענד פלענער; ער טאפט די ווענט, אפשר וועט ער געפינען דארט א שוואכען פונקט. געפינט ער אזעלכען, הויבט ער אן אונערמידליך צו ארבייטען, אויספיקענדיג א קליינע לעכעל אין וואנט. ער ארבייט אין געהיים, מאכענדיג די לאך אלץ גרעסער און גרעסער. אויב ער זאל נאר קענען איהר מאכען גענוג גרויס, קען ער האפען צוריק צו קריגען זיין פרייהייט.

אין אזא לאגע איז געווען דער מאנופעקטשורער וועלכער האט זיך געפיהלט, ווי א געפאנגענער פון דער יוניאן און איהרע באדינגונגען וואס זי האט ארויפגעלייגט אויף איהם. מיט דעם ערשיינען פון דעם הילף־שאפ פון דעם סאב־מאנופעקטשורער, איז איהם געלונגען אויסצוהאקען א גאנץ היבשע לאך אין דער וואנט פון די יוניאן־באשרענקונגען. אבער דער דאזיגער שאפ, כאטש ער האט מיט זיך געבראכט פאר דעם מאנופעקטשורער א שטראהל פון האפנונג צו באפרייען זיך פון דער יוניאן, האט איהם דאך ניט געקאנט צוריקגעבען זיין גאנצע פרייהייט. די דאזיגע שעפער זיינען געווען גאנץ ווייניג אין צאהל. א חוץ דעם זיינען זיי געווען ביז צו א געוויסען גראד אומאפהענגיג פון איהם. דער מאנופעקטשורער האט דארום געזוכט אויפצובויען אזא הילף־שאפ, וואס זאל זיין מעהר צוגעפאסט צו זיינע באדערפניסע, און וואס זאל זיין אין גאנצען אפהענגיג פון איהם. ער האט געשטרעבט צו קריגען דעם פולען קאנטראל איבער אזא שאפ, און דאך ניט דארפען זיין דער דירעקטער איינגענטימער מיט אלע פאראנטווארטליכקייטען פון אן איינגענטימער. און אזוי איז די אינדוסטריעלע ביהנע געווען גרייט פאר דאס ערשיינען פון דעם קאנטראקטאר. מיט דער ערמוטערונג פון דעם מאנופעקטשורער איז דער קאנטראקטאר געקומען אין דער ריכטיגער צייט. דער מאנופעקטשורער האט איהם באזארגט מיט ווארע, האט דיקטירט דעם סטייל און די פראדוקציאנס־מעטאדען, האט טעארעטיש „פארקויפט" די ווארע צום קאנטראקטאר, און טעארעטיש האט ער פון איהם „געקויפט" די פארטיגע קלאוקס און דרעסעס פאר א באשטימטען פרייז. די דאזיגע איינריידעניש איז אנגענומען געווארען אום צו סטימולירען דעם קאנטראקטאר צו מאכען דעם גארמענט אלץ ביליגער און ביליגער. אין דער ווירקליכקייט איז דאס נאר געווען א מיטעל, ווי אזוי דער מאנופעקטשורער זאל קענען אנטלויפען פון זיין אייגענעם שאפ, וואו ארבייט האט געקאסט אזוי טייער, אין דעם קאנטראקטאר'ס שאפ, וואו ארבייט האט געקאסט אזוי ביליג.

דער קאנטראקטאר־שאפ, אין גאנצען אפהענגיג פון דעם מאנופעקטשורער, איז נאר נאמינאל געווען דער אייגענטום פון דעם קאנטראקטאר. די רענט און אנדערע עקספענסעס זיינען באצאהלט געווארען פון דעם דזשאבער, ווייל אין דעם „פארקויף־פרייז" פון דעם גארמענט איז דאס אלעס געווען איינגעשלאסען.

און אזוי האט דער מאנופעקטשורער פארגרעסערט זיין שאפ, צוטיילענדיג זיינע ארבייטער אין צוויי קלאסען, וועלכע זאלען דירעקט קאנקורירען איינע מיט די אנדערע. און אזוי איז געווארען די ברירה ביים מאנופעקטשורער, צי ער זאל געבען די ארבייט צו זיינע אינסייד ארבייטער, אדער צו זייערע קאנקורענטען, די אויטסייד־ארבייטער. אויב ער האט באטראכט די פאדערונגען פון זיינע אינסייד־ארבייטער פאר צו־הויך, איז די ארבייט אוועק צו זיינע אויטסייד־ארבייטער אין איינעם פון זיינע קאנטראקט־שעפער. די ארבייטער, וואס האבען געמאכט זיין ארבייט, האבען אויפגעהערט צו זיין פאראייניגט, נאר זיינען צוטיילט געווארען אין צוויי גרופען, וואס האבען בלינד קאנקורירט איינע מיט די אנדערע. ביסלאכווייז און בגנבה האט דער מאנופעקטשורער ווידער געבראכט צום לעבען דעם אפגענעם קאנקורענץ־מארק, וואס דאס מיינט אין דער לעצטער שורה די פארניכטונג פון דעם יוניאן־קאנטראל.

די אינסייד־שעפער האבען שטארק ניט געוואלט אויפגעבען דאס, וואס זיי האבען אזוי שווער אויסגעקעמפט, באשטעהענדיג אויף די פעסטגעשטעלטע פרייזען. דער סוף איז געווען, דאס די ארבייט איז פארשוואונדען און איז אוועק אין די אויטסייד־שעפער, און דער אינסייד־ארבייטער איז ארומגעגאנגען ארבייטסלאז. דער אינסייד־שאפ איז געווארען אלץ קלענער, די קאנטראקט־שעפער זיינען אלץ געוואקסען אין צאהל; דער אונטערשיד אין דעם ארבייטס־פרייז צווישען דעם אינסייד־ און אויטסייד־ארבייטער איז געווארען אזוי באשטימט און אזוי גרויס, דאס פילע מאנופעקטשורער האבען אין גאנצען אויפגעגעבען זייער אינסייד־ארבייט.

דער מאנופעקטשורער האט אויפגעאטעמט. די יוניאן־פראבלעם איז ניט געווען שוין אזא שווערע לאסט. און ארום דער צייט האט דער מאנופעקטשורער אנגענומען דעם נאמען „דזשאבער", וואס אנבאטרעפט די קאמערציעלע וועלט, ווערט מיט דעם ווארט באצייכענט א מאנופעקטשורער, וואס מאכט זיין ארבייט אין דרויסען. וואס אבער אנבאטרעפט די ארבייטער, איז ניטא אזא זאך, ווי א דזשאבער. די ארבייטער האבען צו טאן מיט מאנופעקטשורערס, אינסייד־ און אויט־סייד־מאנופעקטשורער.

דאס אנערקענען פון דעם קאנטראקטאר־שאפ, אלס א גאנץ אומאפהענגיגען שאפ, איז געווען א גרויסער פעהלער פון דער זייט פון דער יוניאן. וואלט די יוניאן באשטאנען, אז דער אויטסייד־שאפ איז אן אומצורייסבארער טייל פון דעם אינסייד־שאפ, וועלכער מוז זיין אונטערווארפען צו דיזעלבע פרייזען און דעמזעלבען קאנטראקט, וואלטען די מאנופעקטשורער באלד איינגעזעהן די אוממעגליכקייט צו רעטען זיך פון דעם יוניאן־קאנטראל, און דער קאנטראקט־שאפ וואלט געקראגען זיין טויט־קלאפ גלייך ביי זיי געבורט.

די אורזאכען, ווארום די ארבייטער האבען ניט באגריפען די גרויסע געפאהר פון דעם קאנטראקטשאפ, זיינען פאלגענדע: עס זיינען דאן געווען בלויז א קליינע צאהל קאנטראקטאר־שעפער, וועלכע האבען אנגעריהרט בלויז דעם קלענערען טייל פון דער אינדוסטריע; דאן האט די קליינע צאהל קאנטראקטאר־שעפער ניט דערלאזען צו דער האלז־שניידענדער קאנקורענץ צווישען קאנטראקטאר און קאנטראקטאר, און דערמיט אויך צו א ווידזש־פארקלענערונג פון די ארבייטער. דער וואוילזיין פון דעם קאנטראקטאר האט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו באפרידיגען ביז צו א געוויסען גראד די פאדערונגען פון די ארבייטער. די אינדוסטריע האט געהאלטען אין איין אויסשפרייטען זיך און ווערען אלץ גרעסער און גרעסער, און דאס האט ניט דערלאזען, אז די ארבייטער־ווידזשעס זאלען פאלען.

איבער דער אורזאכע אבער פון דעם מערקווירדיגען וואוקס פון די קאנטראקטאר־שעפער אין די לעצטע עטליכע יאהר איז דא א שטארקע מיינונגס־פארשידענהייט. עס ווערען אנגעגעבען פארשידענע טעמים. א גרויסע צאהל מיינען, אז וואך־ארבייט איז די אורזאכע, ווייל די קאנטראקטאר־שעפער האבען זיך אזוי פארמעהרט ערשט, ווען וואך־ארבייט איז איינגעפיהרט געווארען. אנדערע לייקענען עס, באהויפטענדיג, אז עס ווערט פון אלעמען צוגעגעבען, אז וואך־ארבייט מוז זיין פון גרויסען נוצען פאר דער אינדוסטריע; דאס דזשאבינג האט שוין עקזיסטירט נאך איידער עס איז געווען וואך־ארבייט, און דאס די דזשאבעריי איז שטארק אנטוויקעלט אין דער דרעס־אינדוסטריע, אין וועלכער עס הערשט נאך די סיסטעם פון שטיק־ארבייט.

(פארטזעצונג פאלגט)

די באסעס האבען עס וועגען אונזערע יוניאנס! איצט ווייסען זיי שוין, אפשר, אז אונזערע יוניאנס מעגען אמאל צווישען זיך האבען זייערע שטרייטיגקייטען און מיספארשטענדניסע, אבער געגענאיבער דעם באס זיינען אונזערע יוניאנס, — מעגען זיי געהערען צו פארשיידענע אינטערנעשאנאלס, און מעגען זיי זאגאר האבען זייערע פארשיידענע באגריפע, — איין גוף און איין נשמה.

☙

פאר די באסעס האט אזא האנדלונג פון דער באסטאנער אמאלגאמייטעד גע־מוזט זיין א גרויסע איבערראשונג. די נעכטיגע כלמרשט'דיגע שטרייטער זיינען געווארען גאר מיט אמאל די בעסטע פריינד. אבער דער טראבעל מיט די באסעס איז, וואס זיי אורטיילען אלעמען נאך זיך. וואס פאר א באדייטונג האט פאר זיי פריינדשאפט, אחדות, ווען עס האנדעלט זיך וועגען א פראפיטעל, און זיי האבען זיך משער געווען, אז אין די ארבייטער־יוניאנס הערשט אודאי דיזעלבע הינטישע מאראל. איצט האבען זיי שוין אויסגעפונען זייער טעות, און אין דער הינזיכט וועט פאר זיי דער איצטיגער סטרייק זיין א היילזאמער לעסאן ניט צו מעסטען אנדערע מיט זייער אייגענעם ארשין.

☙

לאמיר, אלזא, גראטולירען די באסטאנער ריינקאוט מאכער־סטרייקער מיט זייער קאמף. לאמיר אויך באצייטענס גראטולירען זיי מיט זייער זיג. און לאמיר גראטולירען אונזער גאנצע אידישע ארבייטער־באוועגונג, די „אמאלגאמייטעד" איינגעשלאסען, פאר איהר בארייטווילינקייט צו העלפען די ריינקאוט־מאכער אין זייער קאמף, וואס דאס איז געווען איינער פון די פאקטארען, וואס וועט זיי העלפען אין זייער שנעלען זיג. אמת, זייער הילף וועט ניט זיין נויטיג, אבער מיר זיינען זיכער. אז ווען זי וואלט געווען נויטיג, וואלט זי געגעבען געווארען די סטרייקער מיט'ן גאנצען הארצען און מיט דער פו'ער האנד.

עהרענווירדיגע געסט.

דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל. קומט נעקסטע וואך נאך ניו יארק, אום צו האבען זיין לעצטען מיטינג פאר דער קאנווענשאן אין פארטלאנד, ארעגאן, אין אקטאבער. דאס איז געווים א זעהר וויכטיגע באגעבענהייט אין דער טרייד־יוניאן־וועלט. אמת, ברודער סעמיועל גאמפערס איז אן אפטער גאסט אין ניו יארק, און, ווען נויטיג, אין אן עת צרה, אויך אויף אונזערע מיטינגען און באראטונגען, אבער מיר קענען זיך ווירקליך ניט דערמאנען, ווען דער גאנצער עקזעקוטיוו קאונסיל איז געקומען נאך ניו יארק, אום אפצוהאלטען זיין מיטינג, וועלכער איז אין דער איצטיגער צייט פון א גאנץ באזונדערער וויכטיגקייט, און מיט וועלכען אונזער גאנצע פרעסע וועט זיך זיכער שטארק פאראינטערעסירען. אונזער ניו יארקער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט דארום באשלאסען צו באעהרען דעם גאנצען עקזעקוטיוו קאונסיל מיט א פאסענדען קבלת פנים. פאר דעם 29טען ווערט פאראנשטאלט א באנקעט, לכבוד די גרויסע געסט. צו דעם באנקעט זיינען אויך איינגעלאדען געווארען די פארשטעהער פון דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג אין ניו יארק, אזוי, דאס נעקסטען מיטוואך וועלען זיין פארזאמעלט אין איין פלאץ דער סאמע אוואנגארד פון דער אמעריקאנער ארבייטער־ארמיי. עס וועט געווים זיין, וואס צו זעהן און וואס צו הערען אויף דער דאזיגער פארזאמלונג, און מיר וועלען געווים ניט פארפעהלען צו באריכטען וועגען דעם דורך דער „גערעכטיגקייט" פאר אונזער גאנצער גרויסער מעמבערשיפ.

לייבאר סענטער פון קוני איילענד, אינק.

מיר ציהען די אויפמערקזאמקייט פון אלע מענער און פרויען, אז דער לייבאר סענטער פון קוני איילענד איז שוין באלד פארווירקליכט.

מיר רופען אייך דארום צו קומען אונז העלפען פארענדיגען דיזע נויטיגע ארבייט פאר'ן סאציאליסטישען געדאנק אין קוני איילענד.

מיר מיטען יעדען ערשטען און דריטען מאנטאג אין מאנטאג אין דער ארב. רינג שולע, וועסט 21טע סט. סוירף עוו.

דער לייבאר סענטער
פון קוני איילענד, אינק.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. V. No. 34. — New York, Friday, August 24, 1923

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

„די גאנצע וועלט איז א געפענגניס, אויב איהר טארט ניט געבען אויסדרוק צו אייערע עהרליכע איבערציינונגען.״

דיזע עטליכע ווערטער פון סעמיועל גאמפערס אין זיין רעדע, וועלכע ער האט געהאלטען לעצטען דאנערשטאג אין שיקאגא פאר עטליכע הונדערט ארבייטער, דריקען אם שטארקסטען אויס די גאנצע שאנדע, וואס די אינדזשאנקשאן-דזשאדזשעס האבען געבראכט אויף אמעריקא. ווארים, ווי קען מען אין דער אמת'ן רעדען פון פרייהייט, פון מענשליכע רעכטע אין איין אטעם-צוג מיט דעם אינדזשאנקשאן, וועלכער פארוועהרט איין מענשען צו זאגען א צווייטען, אז לויט זיין מיינונג, וואלט ער באדארפט ווערען א מעמבער פון א יוניאן? מיט וואס איז א מענש, וועמען עס איז פארבאטען איבערצוגעבען צו זיין נעבען-מענש זיין געדאנק, זיין מיינונג, זיין איבערצייגונג, בעסער אפ, ווי דער ארעסטאנט, וואס איז פארשפארט אין אן איינצעל-קאמער? דער ארעסטאנט טאר ניט ריידען, טאר ניט ארויסברענגען פון זיין מויל דאס, וואס ער דענקט און פיהלט. אבער אזוי טאר ניט, לויט דעם אינדזשאנקשאן, וואס דזשאדזש קארפענטער האט ארויסגעגעבען דעם שיקאגא'ער מאנופעקטשורער, מר. מישטעל, געגען דער אינטערנעשאנאל, קיין יוניאן-מאן ריידען וועגען דאס, וואס ער האלט פאר גוט, מיט אן ארבייטער פון מר. מיטשעל. ער וויל איהם זאגען, אז זיין אגרימענט, וואס ער האט אונטערגעשריבען, איז פשוט א שאנדע פאר א פרייען מענשען, טאר ער עס ניט. עס איז פארבאטען. ער וויל איהם ערקלעהרען, אז עס איז אין זיינע אינטערעסען, אין די אינטערעסען פון זיין פאמיליע, אין די אינטערעסען פון זיין קלאס זיך אנצושליסען אן דער יוניאן, טאר ער עס ניט. עס איז פארבאטען. ער וויל איהם זאגען, אז עס וואלט איהם אסור געשאדט צו קומען צו א מיטינג, אום צו הערען, וואס יוניאן באדייט, טאר ער עס ניט. עס איז פארבאטען. היינט, אויב אזוי, איז דאך גאמפערס טויזענד מאל גערעכט מיט זיינע ווערטער: „די גאנצע וועלט איז איין גרויסע געפענגניס, אויב איהר טארט ניט ארויסזאגען אייערע עהרליכע איבערציינונגען״.

⁂

וויכטיגער אבער פון אלץ איז ניט דער דאזיגער געדאנק אן און פאר זיך, וועלכער איז ווירקליך אינבאשטרייטבאר, נאר דער שלוס, וואס איינער מוז ציהען אונפארמיידליך פון דעם דאזיגען געדאנק. מיט וואס סטראשעט דער אינדזשאנקשאן איינעם, וועלכער זאל איהם ניט פאלגען? מיט געפענגניס, מיט ארייננזעצען אין פריזאן, מיט בארויבען איהם פון זיין פרייהייט. נו, געווים איז דאס א מורא'דיגע שטראף פאר א מענשען, וואס איז פריי, וואס קען און זאגט ארויס זיין עהרליכע איבערצייגונג. פאר אזא מענשען געהן אין פריזאן, רויבען פון אזא מענשען די מעגליכקייט אויסצוטוישען זיך מיט זיינע געדאנקען, מיט זיינע איבערצייגונגען מיט זיינע מיטמענשען — וואס קען זיין א גרעסערע שטראף? אבער, דאס איז אלץ ריכטיג, ווען דער מענש איז פריי, ווען ער האט א רעכט צו געבען אויסדרוק צו זיינע עהרליכע איבערצייגונגען. פאר אזא מענשען איז די שטראף פון פריזאן ווירקליך די גרעסטע, וואס א טייפעל אין מענשען-געשטאלט האט געקענט נאר אויסטראכטען. אבער וואס פאר א סטראשונאק איז פריזאן פאר איינעם, וואס זיצט שוין אין פריזאן? פאר איינעם, וועמען מען האט שוין לכתחילה אויפגעהאנגען א שלאס אויפ'ן מויל? וואס האט ער זיך צו שרעקען פאר געפענגניס? פאר א מענשען, פאר וועמען מען האט געמאכט די גאנצע וועלט פאר איין גרויסע געפענגניס, פאר איהם איז די מעגליכקייט צו ווערען פאר א צייט ארייננגעזעצט אין א קלענערען געפענגניס, נאר א קנאפער סטראשונאק. פארקעהרט. צווישען דעם גרויסען געפענגניס, די וועלט, און דעם קליינעם געפענגניס, וואס באשטעהט פון אן איינצעלנער קאמער, האט די צווייטע דעם גרויסען פארטייל, וואס דארט לכל הפחות איז ניטא דער נסיון צו ריידען, זיך אויסצובייטען אין געדאנקען מיט אימיצען, דערפאר איז דאס מוזען שווייגען ניט אזוי שווער, בעת אין דער גרויסער געפענגניס, וואו איינער טרעפט מענשען אויף שריט און טריט, און קען מיט זיי ריידען, נאר ער טאר ניט, איז דאס לעבען אן אמת'ער גיהנום.

⁂

און טאקע דערמיט מאכט דער אינדזשאנקשאן אליין זיך אונמעגליך. דערמיט גראבט דער אינדזשאנקשאן, וואס ווערט ארויסגעגעבען געגען די יוניאנס בכלל, און דער שיקאגא'ער אינדזשאנקשאן געגען אונזער אינטערנעשאנאל בפרט, זיין איינענעם קבר. דורך זיין שטרענגקייט, דורך זיין ווילדען פארבאט צו טאן דאס מינדסטע, וואס א מענש מוז טאן, אום צו פיהלען זיך, אלס מענש, פארניכטעט ער זיך זעלבסט. עס איז כמעט ניט נויטיג פאר גאמפערס'ען אדער פאר אירגענד וועמען צו קומען צו די ארבייטער, און זאגען זיי, אז זיי זאלען איגנארירען דעם אינדזשאנקשאן און אנגעהן מיט זייער ארבייט. ווי קענען דען מענשען, וואס דענקען און פיהלען מענשליך, אנדערש האנדלען? וואס פאר א ווערט וואלט געהאט זייער לעבען אויף דער „פריי״, אז אין דער אמת'ען מוזען זיי זיך אויפפיהרען, ווי ארעסטירטע פארברעכער? און מיט זיין ווארט: „די גאנצע וועלט איז א געפענגניס פאר דעם וואס טאר ניט ארויסזאגען זיין עהרליכע איבערצייגונג״, האט גאמפערס ארויסגעבראכט די גאנצע אומגעלומפערטע נארישקייט פון אונזערע אינדזשאנקשאן-דזשאדזשעס. זיי מיינען, אז וואס דראסטישער, וואס שטרענגער זיי וועלען מאכען זייערע אינדזשאנקשאנס, זייערע פארבאטען געגען אונזערע יוניאנס, דאס בעסער וועלען זיי דינען זייערע בעלי בתים, די מאנופעקטשורערס. אין דער אמת'ן איז עס גאר פונקט פארקעהרט. וואס שטרענגער זיי מאכען זייערע אינדזשאנקשאנס, אלץ ווייניגער קענען זיי אין לעבען דורכגעפיהרט ווערען.

⁂

מעהר נאך האט עס גאמפערס באוויזען מיט זיין גאנצער רעדע געגען דעם אינדזשאנקשאן, וואס דער פעדעראל ריכטער, מר. קארפענטער, האט ארויסגעגעבען. גאמפערס איז געקומען נאך שיקאגא, און אויף א גרויסען עפענטליכען מיטינג האט ער ערקלעהרט די ארבייטער, אז זייער פליכט איז, ניט צו פאלגען דעם דאזיגען אינדזשאנקשאן, וואס פארגוואלדיגט זייערע רעכט, אלס מענשען און אמעריקאנער בירגער. צו די דרעס-מאכער, וואס זיינען געווען אין האל, האט ער געזאגט פאלגענדע ווערטער: „איך ווייס ניט, אויב דא איז דא א קליידער-ארבייטער אין האל היינט ביינאכט. אבער, אויב ער איז דא, און איך האב דערצו די געלעגענהייט, וויל איך איהם ראטען ניט צוריקצוגעהן צו זיין ארבייט, ביז ער האט זיך אנגעשלאסען אן זיין יוניאן. איך וויל איהם געבען דעם דאזיגען ראט ניט אכטענדיג אויף אירגענד אן אינדזשאנקשאן, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען״.

⁂

מיט די דאזיגע ווערטער האט גאמפערס אזוי עפענטליך, ווי נאר מעגליך, ערקלעהרט, אז פאר איהם עקזיסטירט ניט דער אינדזשאנקשאן. ער האט פאקטיש ארויסגעוויזען זיין העכסטע פאראכטונג צום דזשאדזש און זיין אינדזשאנקשאן. און, אַה וואונדער, מר. גאמפערס איז נאך אלץ אויף דער פריי! ווארום? ווארום האט מען איהם ניט ארעסטירט? און דאך האט אימיצער געקענט שטארקער ארויסטרעטען געגען דעם דזשאדזש און זיין אינדזשאנקשאן, ווי גאמפערס האט עס געטאן אויף דער פארזאמלונג פון לעצטען דאנערשטאג אין שיקאגא'ס מאריסאן האטעל? אט דערפאר, מיינען מיר, זיינען אזעלכע אינדזשאנקשאנס גארניט אזא אומגליק, און גארנישט אזוי שלעכט פאר דער ארבייטער-באוועגונג. זיי דערמאנען די ארבייטער אן דעם גרויסען אמת, אז „דער פרייז פון פרייהייט איז אייביגע וואכזאמקייט״ — א געדאנק, און וועלכע גאר פילע פארגעסען, ליידער, צו אפט.

די דזשאבערס אונטער קאנטראל

די קאנפערענצען צווישען די דזשאבערס, סאב-מאנופעקטשורערס און דער יוניאן זיינען שוין כמעט ווי געענדיגט, און מיט א זעהר היבשען ערפאלג פאר דער יוניאן; אן ערפאלג, וועלכער איז אן אנזאג אויף בעסערע צייטען אין דער קלאוק-אינדוסטריע; אן אנזאג, אז דער כאאס, וואס האט ביז איצט געהערשט אין דער קלאוק-אינדוסטריע, וועט אפטרעטען זיין פלאץ פאר קאנטראל און ארדנונג. די דזשאבערס זיינען פראקטישע מענשען. זיי האבען געוויס איינגעזעהן, אז זיי קענען זיך ניט פארגינען אויפצונעהמען א קאמף מיט דער יוניאן. זיי האבען אויך געוויס איינגעזעהן, אז מיט זייער ביז-איצטיגער פיהרונג האבען זיי געבראכט גרויסען שאדען ניט נאר פאר די ארבייטער, וועמעס פראצע איז דער איינציגער קוואל פון זייער שפע, ניט נאר פאר די סאב-מאנופעקטשורערס, וועלכע האבען, ווילענדיג ניט ווילענדיג, פיל געהאלפען זיי אין זייער גרויסער פראספעריטי, נאר סוף כל סוף מוזען זיי זיך אליין שאדען, ווייל עס איז דא א געוויסער גרענעץ צו מענשליכער געדולד. זיי פארשטעהען געוויס, אז זיי קענען ניט ערווארטען, דאס די צעהנדליגע טויזענדע מענשען, וואס ארבייטען פאר זיי, און פון וועמעס ארבייט זיי ווערען רייך, זאלען לאנג קענען זיך באנוגענען מיט דעם ארימען ביסען ברויט, וואס ווערט זיי צוגעווארפען; זאלען לאנג קענען דולדען די גאנצע אונגעוויסהייט, די שרעקליכע אונזיכערהייט פון זייער לאגע, די גלות-לאגע סיזאנס פון סלעק און אלערליי אנדערע צרות, וואס די ערשיינונג פון דעם דזשאבער האט געבראכט מיט זיך אין דער אינדוסטריע. יע, די דזשאבערס האבען ווי עס זעהט אויס, גוט באגריפען די לאגע, און זיי האבען איינגעשטימט פרייוויליג צו אונטערווארפען זיך א קאנטראל פון דער יוניאן, וועלכער, אלס באלדיגע רעזולטאט, וועט מיט זיך ברענגען דערצו, אז די ארבייט, וואס די דזשאבערס קריגען געמאכט פון זייערע פארשיידענע סאב-מאנופעקטשורערס, זאל געמאכט ווערען בלויז אין יוניאן-שעפער, וואו יוניאן-ארבייטער קריגען אלע באדינגונגען, וואס די יוניאן האט פאר זיי אויסגעקעמפט.

⁂

דאס איז אבער בלויז דער ערשטער שריט אין דעם פעסטען באשלוס פון אונזער אינטערנעשאנאל צו ברענגען ארדנונג אין דער אינדוסטריע, וואס קען נאר געמאלט זיין, ווען דער ניט-יוניאן-שאפ, ווען דער סוועט-שאפ וועט גענצליך פארשווינדען פון דער אינדוסטריע. כדי דאס זאל געשעהן, וועלען די דזשאבערס, ווי די לעגיטימע מאנופעקטשורערס, מוזען אין אלע פרט'ים איבערנעהמען אויף זיך די פולע פאראנטווארטליכקייט פאר די שעפער, אין וועלכע זייער ארבייט ווערט געמאכט. דער פאקט, וואס דער דזשאבער האט ניט זיין איינענע גרויסע פעקטארי, און אנשטאט דעם מאכט ער זיין ארבייט אין פילע קליינע שעפער, קען אויף א האר ניט פארמינדערען זיין פאראנטווארטליכקייט סיי פאר די ארבייטער-וויידזשעס, סיי פאר די סאניטארע צושטענדע אין זיינע פארשיידענע שעפער, און סיי פאר אלע אנדערע יוניאן-באדינגונגען, צו וועלכע אונזערע יוניאן-ארבייטער זיינען פולבארעכטיגט.

⁂

די דזשאבערס, אלס פראקטישע מענשען, מוזען איינזעהן, אז אנדערש קען עס ניט זיין; האבען זיי שוין איינמאל געזאגט אלף, וועלען זיי מוזען זאגען בית, און אזוי ביז צו ענדע, כדי די לאגע פון די קלאוקמאכער זאל באדייטענד פארבעסערט ווערען. מיר זאגען באדייטענד, ווייל די לאגע ווי זי איז, איז באמת אן אונערטרעגליכע פאר אונזערע בעלי מלאכות. מענשען קענען ניט ארבייטענדיג בלויז 4 אדער 5 מאנאטען אין יאהר, מיט די וויידזשעס, וואס זיי קריגען איצט, ניט נאר ניט פיהלען זיך צופרידען, נאר זיי מוזען זיך פיהלען העכסט-עלענד און פארצווייפעלט. דערצו מוז קומען א סוף. זיי, וועלכע ארבייטען אין איינער פון די רייכסטע אינדוסטריען אין לאנד, האבען א רעכט צו פאדערען פון לעבען עטוואס מעהר, ווי א טרוקען שטיקעל ברויט, און אויך דאס ניט האבען אלע מאל. די גערעדעריי פון הויכע וויידזשעס, וואס די קלאוקמאכער קריגען אין דער צייט, ווען זיי האבען ארבייט, מוז אויפהערען, ווייל עס איז פשוט ניט אמת. ארבייטער אין פארשיידענע טריידס, אין וועלכע עס פאדערען זיך נאר קנאפע קענטניסע, פארדינען פיל, פיל העכערע וויידזשעס, און זייערע ארבייטס-סיזאנס זיינען באדייטענד לענגערע. עס מוז אויך אויפהערען די אונבאגרינדעטע גערעדעריי וועגען דעם, אז אונזערע קלאוקמאכער גיבען ניט ארויס אזויפיל ארבייט, וויפיל זיי וואלטען געקענט. ווייל, ערשטענס, איז עס פשוט ניט אמת, און, צווייטענס, ווען עס וואלט אפילו געווען עטוואס אמת אין דעם, קען מען אויך צו זיי גאנץ ווייניג האבען, ווען מען נעהמט אין אנבאטראכט די געוואלדיגע גליקען, וואס זיי האבען פון זייער ארבייט. די ארבייטער קענען נאר דאן האבען אין זינען דעם וואוילזיין פון דער אינדוסטריע אלס גאנצע, ווען זיי מאכען א לעבען פון איהר. אבער ניט, ווען זי גיט זיי ניט גענוג פאר דאס סאמע נויטיגסטע.

⁂

צוליב דעם אלעם וועלען די דזשאבערס און די מאנופעקטשורערס מוזען גאנץ ערנסט באציהען זיך צו דער גרויסער פראגע, ווי אזוי אויסצופיהרען, אז זייערע ארבייטער, פון וועמעס פראצע זיי מאכען גאר א זעהר שעהנעם לעבען, זאלען אויך קענען אנשטענדיג לעבען, ווי מענשען. מיר ערווארטען, און האבען א רעכט צו ערווארטען, אז די דזשאבערס און מאנופעקטשורערס זאלען באמת הארציג קאאפערירען מיט דער יוניאן אין אלע פלענער, וואס ווערען אויסגעארבייט פאר די באדייטענדע פארבעסערונג פון דעם קלאוקמאכער אין אלע באציהונגען. זיכער ערווארטען מיר, אז די דזשאבערס האבען אנגענומען דעם יוניאן-קאנטראל און אלע אנדערע געשטעלטע פאדערונגען מיט קיין הינטער-געדאנק אפצונארען די יוניאן. אויב זיי האבען אזא הינטער-געדאנק, נארען זיי זיך אליין. מיר האפען אבער, אז דאס איז ניט דער פאל, און דאס גאר אין גיכען וועלען איינגעשטעלט ווערען אזעלכע קאנדיציאנען אין דער קלאוק-אינדוסטריע, דאס יעדער קלאוקמאכער, אזוי לאנג ווי ער איז פעהיג און ווילינג צו מאכען קלאוקס, וועט קענען לעבען, און לעבען אנשטענדיג פון זיין ארבייט ניט נאר בלויז עטליכע מאנאטען אין יאהר, נאר דורך דאס גאנצע יאהר. דאס איז דאס מינדעסטע, לויט אונזער מיינונג, וואס די מאנופעקטשורערס און דזשאבערס זיינען באמת שולדיג זייערע ארבייטער, דאס איז די יוניאן ענטשלאסען אויסצופיהרען פאר איהר גרויסע מעמבערשיפ, מיט גוטען, דורך פרידליכע פארהאנדלונגען, דורך א געגענזייטיגער פארשטענדיגונג, אויב מעגליך, און מיט בייזען, דורך קאמף, אויב נויטיג.

דער סטרייק פון די ריינקאוט-מייקערס אין באסטאן.

אויף אן אנדער פלאץ אין דעם נומער ווערט דער לעזער געפינען אין דעם באריכט פון באסטאן אלע איינצעלהייטען וועגען דעם סטרייק, ווי אזוי און ווארום די יוניאן איז געווען געצוואונגען ארויסצורופען די ארבייטער אין סטרייק. וועגען דעם האלטען מיר ניט פאר נויטיג זיך צו פארברייטען. פון דעם באריכט איז אויך קלאר, אז לאנג וועט דער סטרייק ניט אנהאלטען. דער פאקט, אז די גרעסטע ריינקאוט-מאנופעקטשורערס האבען געסעטעלט שוין אין דעם ערשטען טאג פון סטרייק מיט דער יוניאן און נאכגעגעבען אלע יוניאן-פאדערונגען, ציינט קלאר, ערשטענס, אז די יוניאן-פאדערונגען זיינען גאר ניט אזעלכע גרויסע, וואס די ריינקאוט-מאנופעקטשורערס האבען ניט געקענט נאכגעבען, און, צווייטענס, דאס דער סטרייק קען באטראכט ווערען שוין אלס געוואונען. מיר וועלען גארניט זיין ערשטוינט, ווען שוין אין נעקסטען נומער וועלען מיר קענען מעלדען, אז דער סטרייק איז געוואונען געווארען מיט א פאלשטענדיגען זיג פאר דער יוניאן. וויכטיג אבער איז אפצושטעלען זיך אויף א ווײלע אויף דעם פונקט אין דעם באריכט, וועלכער מעלדעט אונז, אז די ריינקאוט-מאנופעקטשורערס פון באסטאן האבען דערלאזען צו א קאמף, ווייל זיי האבען גערעכענט אויסצושפילען די „אמאלגאמייטער קלאדינג וואירקערס יוניאן״ פון באסטאן געגען דער אינטערנעשאנאל. און דערמיט האבען זיי ארויסגעוויזען זייער אויסערגעוועהנליכע קורצזיכטיגקייט.

⁂

אונזערע לעזער וועלען זיך דערמאנען, אז מיט עטליכע וואכען צוריק איז געווען אין דער „גערעכטיגקייט״ באריכטעט וועגען א שטיקעל סכסוך צווישען אונזער יוניאן און דער אמאלגאמייטעד. עס איז איצט ניט די פראגע, ווער עס איז געווען גערעכט. די פראגע איז ערלעדיגט געווארען צו דער צופרידענהייט פון די ביידע ארגאניזאציעס. אבער, ווי עס זעהט אויס, האבען די באסטאנער ריינקאוט-מאנופעקטשורערס פון דעם דאזיגען סכסוך געצויגען א זעהר פאלשען שלוס. וויבאלד עס קען פאסירען, האבען זיך די חכמים משער געווען, אז איין יוניאן זאל קומען איבער א געוויסער פראגע אין א קאנפליקט מיט א צווייטער, טא קען דאך גאנץ גוט געמאלט זיין, אז אין פאל פון א סטרייק פון איין יוניאן, זאל די צווייטע פשוט געהן סקעבען! וואס פאר א נארישען און פאלשען באגריף

שטורם אין דייטשלאנד

פון אונזער אייראפעאישען קארעספאנדענט לעאן כאזאנאוויטש

בערלין. — דער באראמעטער אין דייטשלאנד ווייזט אויף שטורם. דורך די מאסען פון פאלק געהט א גרויסע אויפרעגונג און פארביטערונג. מיט דער רעגירונג איז — אויסער שמאלע קאפיטאליסטישע שיכטען — קיינער ניט צופריעדען. אלע וואלטען וועלען אן ענדערונג. צו א געוואלטזאמער ענדערונג שטרעבען די עקסטרעם רעכטע קרייזען, וועלכע גרייטען זיך אין אונטערערדישע ארגאניזאציעס צו א קאנטר־רעוואלוציאנערער שטאפ[?]. זייער מאכט האלט אין איין וואקסען און זיי זיינען געווארען אן ערנסטע סכנה פאר דער עקזיסטענץ פון דער דייטשער רעפובליק און פאר די נצחונות פון דעם ארבייטער קלאס. אין זייער רשות געפינען זיך א סך וואפען און גוט איינמוסטירטע מיליטערישע פארמאציעס. דער פאשיזם אין דייטשלאנד איז אויפ'ן מארש. עס גרייטען זיך צו אן ענדערונג אויך די עקסטרעם לינקע גרופען, די קאמוניסטען, וועלכע גלויבען, אז די צייט איז געקומען פאר א סאציאלער איבערקערעניש אין דייטשלאנד. זייער וויכטיגסטער לאזונג איז: „קאמף געגען פאשיזם!" זייער איינפלוס האט זיך אין די לעצטע חדשים בארייטענד פארגרעסערט, אבער ווייט ניט אין דער מאס ווי פון דער רעאקציע. מיליטעריש זיינען זיי זעהר שוואך. זייערע מאות („הונדערטשאפטען"), פאר וועלכע זיי מאכען א גרויסע פראפאגאנדע, האבען מעהר ענטוזיאזם ווי קאמף־פעהיגקייט. וואפען געפינען זיך ביי זיי נאר ווייניג. צווישען די ארבייטער איז די אומצופרידענהייט אן אלגעמיינע און אויך דאס דעמאקראטישע בירגערטום קערט זיך אפ פון דער איצטיגער רעגירונג. אין דער דעמאקראטישער פרעסע פעלט ניט קיין אנצוהערעניסען, אז קונא'ס רעגירונג איז איינע פון די אומפעהיגסטע רעגירונגען וואס דייטשלאנד האט געהאט נאך דער מלחמה.

גרויסע אינערליכע קאמפען ערווארטען דייטשלאנד אין דער נאהענטער צייט.

די דאזיגע קאמפען האבען זיך שוין אייגענטליך אנגעפאנגען. די גרויסע סטרייק־באוועגונג אין בערלין און שלעזיען, די אומרוהען אין ברעסלוי, וועלכע האבען זיך געענדיגט מיט 6 טויטע און א סך פארוואונדעטע אויף דער זייט פון די ארבייטער, די פראטעסט־דעמאנסטראציע אין פראנקפורט־ביים־מאין, וואס האט זיך אויסגעלאזט מיט צוזאמענשטויסונגען און דער ערמארדונג פון א פארהאסטען פראקוראר, — דאס אלץ זיינען פאר זיך גענומען ניט קיין באזונדערס גרויסע היסטארישע געשעהענישען, אבער ווען מען זעהט ווי די לופט איז אנגעפילט מיט עלעקטריציטעט, באקומען אזעלכע פאסירונגען די באדייטונג פון סיגנאלען פאר א שטורם.

די גרויסע פראגע איז, צי די בעפארשטעהענדע קעמפע וועלען זיך אפשפילען אין מעהר אדער ווייניגער ארגאניזירטע פארמען, קאנטראלירט פון די שייכות'דיגע גרופען און פארטייען, אדער זיי וועלען אננעמען אזא ווילדען כאראקטער, אז קיינער וועט ניט מעהר קענען באהערשען די לאגע. זיכער איז, אז דער איינהייטליכער נאציאנאלער פראנט, וואס די דייטשען האבען אויפגעשטעלט געגען די פראנצויזען, ווערט פארביטען דורך גרויסע אינערע צוזאמענשטויסונגען. אז דאס איז נאר וואסער אויף פואנקארע'ס מיהלען, פארשטעהט זיך פון זיך אליין. ווער איז אין דעם שולדיג?

דער דייטשער ארבייטער־קלאס שטייט אין דעם פראנט פון דעם קאמף פאר דער פארטיידיגונג פון דייטשלאנד'ס גאנצקייט און אומאפהענגיגקייט. דער פאסיווע ווידערשטאנד, וואס די דייטשען האבען ארגאניזירט ביים רוהר און וואס האט ארויסגערופען אלגעמיינע באוואונדערונג אויף דער וועלט, וואלט ניט געדויערט קיין 24 שעה, ווען די ארבייטער אין דעם רוהר־געביט וואלטען ניט געשטאנען אין דער פייער ליניע, ווען זיי וואלטען ניט געפיהרט דעם קאמף מיט דעם גרויסען אידעאליזם און מיט דער מוסטערהאפטער דיסציפלין, וואס זיי האבען געלערענט אין די פריהערדיגע יאהרען אין דער שולע פון דער סאציאליסטישער און געזעלשאפטליכער באוועגונג. יא, נאך מעהר, די קאפיטאל מאגנאטען אין דעם באזעצטען געביט וואלטען שוין לאנג פארקויפט דאס פאטערלאנד די פראנצויזען, ווען די ארבייטער וואלטען דארטען ניט געשטאנען אויף דער וואך און אפגעהיט די בורזשואזיע פון דעם נאציאנאלען פארראט.

וואס פאר א דאנק האט דער דייטשער ארבייטער קלאס באקומען פאר דער דאזיגער נאציאנאלער געטרייקייט?

א דאנק? קומט פאר עהרליכע ערפילונג פון א פליכט א דאנק? פארלאנגען ניט די פרינציפען פון דער ריינער עטהיק, אז דאס גוטע זאל געטאן ווערען צוליב דער זאך אליין, ווי עס שטעהט אין פרק: „שכר מצוה—מצוה ושכר עברה—עברה". אדער ווי עס זאגט דער גרויסער פילאזאף שפינאזא: „די טוגענד איז א צוועק פאר זיך אליין". די דייטשע בורזשואזיע, פארטרעטענדיג אזעלכע הויכע עטישע פרינציפען פאר דעם ארבייטער קלאס און האבענדיג אזא געהויבענע מיינונג פון זיינע מאראלישע אייגענשאפטען, הויבט נאר ניט אן צו קלער־ען איהם ארויסצואווייזען א ברעקעל דאנקבארקייט פאר זיין פאטריאטישער טרייקייט און פאר זיינע שווערע קרבנות אין דער צייט, ווען דאס דייטשע פאטערלאנד געפינט זיך אין דער גרעסטער לעבענס־סכנה.

פונקט פארקערט. זי האט אויסגענוצט דייטשלאנד'ס פארצווייפעלטע לאגע פון איין זייט און דעם גרויסען פאטריאטישען זין פון דעם ארבייטער קלאס פון דער אנדער זייט אלס א מיטעל פון דער חוצפה'דיגסטער באריייכערונג און שענדליכסטער פאלקס־פארעלענדונג. די בורזשואזיע, וועלכע האט געשלאגען קאפיטאלען פון דער מלחמה און רעוואלוציע, שלאגט איצט קאפיטאלען פון דעם רוהר־קאמף, און אין וואס פאר א מאס! אויב זייט דעם אנהויב פון דער מלחמה האט דער פראצעס פון קאנצענטראציע פון קאפיטאל געמאכט גרעסערע פארטשריטען ווי אין צענדליגער יאהרען פריהער, האט ער אין דער לעצטער צייט אנגענומען די ווילדסטע פארמען, און אויב פריהער פלעגען די קאפיטאליסטען בארעכטיגען זייערע פראפיטען מיט זייער פיהרענדער ראלע אין דעם פראדוקציאנס־פראצעס, קען היינט דערפון שוין ניט זיין קיין ברעקעל רייד, דען די איצטיגע באריייכערונג איז א נאקעטער ברוטאלער פאלקס־רויב, וואס האט צום פראדוקציאנס־פראצעס קיין שום שייכות ניט, — א צונויפשארונג פון די גרעסטע פארמעגענס ניט בלויז אהן דער קלענסטער אנשטרענגונג, נאר אויך אהן דעם קלענסטען נאציאנאל־עקאנאמישען צוועק, און דאס בלויז דורך דער אויסנוצונג פונ'ם נאציאנאלען אומגליק.

דער רוהר־קאמף פארשלינגט אומגעהויערע סומען, וועלכע ווערען צוגעשטעלט פון דער צענטראלער רעגירונג און פון דער מלוכה־באנק. בעת די מלוכה הוצאות זיינען געוואלטיג געוואקסען, דורך דעם רוהר־קאמף, זיינען די הכנסות אין דער זעלבער צייט, דורך דער פאראליזירונג פון דער פראדוקציע און דעם פאר־קעהר מיט דעם רוהר־געביט, שרעקליך געפאלען. דער דייטשער מלוכה־ביודזשעט, וואס איז שוין פריהער ניט מעהר געווען אין גלייכגעוויכט, איז דורך דעם איינגאנצען דעמאראליזירט געווארען. אנשטאט ארויפצולייגען א באזונדערען שטייער אויף די פארמעגליכע קלאסען און אנשטאט צו זארגען, אז די דאזיגע שטייער זאל וואס גיכער אריינקומען, לאזט מען די געלד־פרעסעס ארבייטען מיט א גיכקייט, וואס כאפט אן א שווינדעל, און מען דעקט אלע דעפיציטען דורך א מבול פון פאפיר־געלד. אויב די מארק מוז שוין צוליב דעם אליין אלץ מעהר פארלירען איהר ווערט, ווערט דער ענטווערטונגס־פראצעס פון דער דייטשער מארק נאך קינסטליך אונטערשטיצט דורך דעם פעסימיזם בנוגע דייטשלאנד'ס צוקונפט, וואס געהער־ט צו די געשעפטליכע פרינציפען פון דער דייטשער בורזשואזיע, אזוי ווי דער אפטימיזם בנוגע דייטשלאנד'ס צוקונפט געהערט צו איהרע פאליטישע פרינציפען. בעת די פאליטישע פרעסע מאכט דעם אנשטעל פון דייטשלאנד'ס אומבאזיגבארקייט אין דעם קאמף מיט פראנקרייך, שושקעט מען זיך אין אלע געשעפטס־ און באנק־ביוראס פון דייטשלאנד'ס נאהענטען אונטערגאנג און מען ספעקולירט אויף דייטשלאנד'ס באנקראט. די „האס"־שטימונג, די אמונה, אז דער אמעריקאנער דאלאר און זיינע פינאנציעלע מקורבים, דער ענגלישער פונט, דער האלענדישער גולדען א. אז. וו. וועלען אלץ מעהר שטייגען, איז די ספעציפישע שטימונג פון דער דייטשער פינאנץ־וועלט. אין אויסלאנד האט מען אלגעמיין געגלויבט אין דייטשלאנד'ס צוקונפט. דער באווייז איז דער פאקט, וואס אויסלאנד האט אינוועסטירט גרויסע סומען געלד אין דייטשע מארקס, האפענדיג אויפ'ן שטייגען פון דעם מארק־קורס. דער אינטערנאציאנאלער עולם האט זיך אזוי געכאפט צו קויפען דייטשע פאפיר־געלד, אז עס איז ניטא קיינער, ניט אויסגעשלאסען די פאטאגאניער און די ווילדע שבטים אין פייער־לאנד, וואס זאלען ניט האבען זיך באזארגט מיט דייטשע מארקס, — ווי עס זאגט דער בארימטער ענגלישער עקאנאמיסט קיינס אין א כאראקטעריסטישער איבערטרייבונג.

ווי דעמאראליזירט די דייטשע פינאנץ־ווירטשאפט איז זעהט מען דערפון, אז לויט דעם אפיציעלען באריכט איבער דעם לעצטען דריטעל חודש זיינען נאר צוויי פראצענט פון דער מלוכה־הוצאה געדעקט געווארען דורך הכנסה, בעת דעם „רעשט" פון אכט און ניינציג פראצענט האט געליפערט די געלד־פרעס; אין די פריהערדיגע וואכען האט די הכנסה געשוואנקט צווישען 10 און 25 פראצענט. דאס הייסט, אז די שטייערען שפילען אזא קליינע ראלע אין דעם דייטשען מלוכה־ביודזשעט, אז מען וואלט זיי געקענט איינגאנצען אפשאפען.

אט די דאזיגע סקאנדאליעזע באריייכערונג אויפ'ן פאלקס־חשבון אין מיטען פון דעם פארצווייפעלטען קאמף, וואס דייטשלאנד איז געצוואונגען צו פיהרען געגען אן אויסערען פיינד, געגען דעם פראנצויזישען אימפעריאליזם, האט רואינירט דעם דייטשען מלוכה־ביודזשעט און ארויפגעפירט די דייטשע מארק אויפ'ן וועג פון דעם רוסישען רובל. ווען די דאזיגע שורות ווערען געשריבען האלט די דייטשע מארק ארום 800 טויזענד מארק פאר א דאלאר און ווער ווייס ווי זי וועט האלטען, ווען די דאזיגע שורות וועלען דערגרייכען דעם לעזער. די אויפפיהרונג פון דער דייטשער בורזשואזיע פארדינט ניט קיין אנדער נאמען, ווי נאציאנאלער פארראט. און די רעגירונג, וועלכע האט מיט די הענט אין שויס זיך צוגעקוקט צו דעם דאזיגען פארראט, האט זיך געמאכט שולדיג אין דעם, וואס דייטשלאנד האלט איצט ביי א נייעם ווערסאיל.

ווען מען באטראכט די לאגע פון דעם דייטשען ארבייטער מוז מען זיך וואונדערען ניט איבער דעם וואס ער האט ענדליך אנגעהויבען צו רעבעלירען נאר וואו עס האט זיך ביי איהם גענומען דער כח אזוי לאנג צו דולדען און צו שווייגען.

ערע כוחות אפצוהאלטען די נייע מלחמה־געפאהר, און דאן זעהן ארבייטען פאר דעמאקראטיע אין דער אינדוסטריע, אזוי, אז דער וואס אינוועסטעט זיין לעבען אין איהר, מוז אויך האבען א דעה וועניגסטענס גלייך מיט די, וועלכע אינוועסטען אין איהר בלויז זייער קאפיטאל.

„אמעריקאנער ארבייטער — זאגט מר. סטאון אין זיין לייבאר־דעי־מעסעדזש, — מוזען אלץ מעהר און מעהר שטרעבען צו דער פארווירקליכונג פון די אידעאלען פון ברידערליכקייט. מען אמעריקא האבען דעם גאנצען רייכטום פון דער וועלט, אבער איהר גרויסקייט און איהר מאכט וועט באלד צוברעקעלט ווערען, סיידען זיי וועלען זיך שטיצען אויף דעם גליק און וואוילזיין פון דעם גאנצען פאלק. די ענדליכע שטרעבונג פון די ארבייטער איז צו א געזעלשאפט, וואו מענשען קענען לעבען, ווי ברידער, קיינער ניט זוכענדיג זיין פארטייל אויף דעם חשבון פון א צווייטענס גליק. דאס איז ניט קיין פוסטער חלום: דאס איז שוין א ווירקליכקייט אין טויזענדער געמיינדען, וואו דער גייסט פון קאאפעראציע באהערשט די אינדוסטריע און ביזנעס. דרייסיג מיליאן ארבייטער איבער דער גאנצער וועלט זיינען איצט פאראייניגט, אום צו באזארגען איינע די אנדערע מיט די לעבענס־נויטווענדיגקייטען אויף א קאאפעראטיווען באזיס.

„עס איז לעכערליך צו ריידען וועגען ברידערליכקייט אין אונזער סאציאלען לעבען, אזוי לאנג, ווי עס איז ניטא דער גייסט פון ברידערליכקייט אין אונזער אינדוסטריעלע לעבען. און מיר קענען ניט האבען קיין ברידערליכקייט אין דער אינדוסטריע, ביז דאס דינען אונזערע מיט־מענשען וועט ניט פארנעהמען דעם פלאץ פון פראפיט־מאכעריי, אלס אונזער אידעאל. דאס איז דער ציל פון דער קאאפעראטיווער באוועגונג, וועלכע די אמעריקאנער ארבייטער קענען פארווירקליכען, ווען זיי זאלען נאר וועלען. לאמיר דארום אין אונזער געטרייער איבערגעבענהייט צום לייבאר דעי זיך היילינען אויף דעם צו פארווירקליכען דיזע אייביגע פרינציפען. ווייל די ארבייט מוז ארויספיהרען די מענשהייט פון דעם זומפ פון קריג, נייטיגקייט און עלענד אין די שעהנע צייט פון מענשליכקייט און ברידערליכקייט".

לידער

פון י. אדלער.

דער וועג צום גליק.

איך זוך דעם וועג, וואס פיהרט צום גליק,
דעם וועג פון אלע וועגען.
און וואו איך געה — געה איך נישט גוט,
נו, האלט איך אין איין פרעגען:

„א, גוטע מענשען, העלפט מיר, העלפט,
איך געה אראפ פון זינען.
א, ווייזט מיר אן דעם גלייכען וועג
וואו כ'קען דאס גליק געפינען".

„מיר זוכען אויך דעם גלייכען וועג,
דעם וועג פון אלע וועגען" —
ענטפערען די מענשען מיר
ביי וועמען איך טו פרעגען.

די צייט — זי פליהט דערווייל אוועק
און מיר פרעגען נאר און פרעגען;
מיר ווערען גרא, מיר ווערען אלט
אויף ווייסטע קרומע וועגען...

היט אפ דיין הארץ...

זאגט מיין פריינד: היט אפ דיין הארץ
ווען דו זיצסט און שאפסט א לידעל;
ווייל א מענשענ'ס הארץ איז נישט
ווי א סטרונע פון א פידעל.

„ציהט מען אן א סטרונע שטארק,
דריקט מען שטארק זי מיט'ן בויגען,
פלאצט די סטרונע... אבער באלד
ווערט א נייע אנגעצויגען...

„אנדערש איז דעם מענשענ'ס הארץ:
פלאצט עס, פלאצט ס'גאנצע לעבען;
און א צווייטע הארץ, מיין פריינד,
וועט דער בורא נישט געבען..."

ווייסט איהר, אז

די סאוועט רעגירונג האט איינגעלאדען די „הסתדרות העובדים", די אידישע ארבייטער ארגאניזאציעס אנטייל צו נעהמען אין דער אינטערנאציאנאלער אגריקולטורעלער אויסשטעלונג, וועלכע האט זיך געעפענט אין מאסקווע דעם 14־טען אויגוסט? די ארגאניזאציע האט אנגענומען די איינלאדונג און וועט אויך ברענגען א קאלעקציע פאלעסטינער ערד־פראדוקטען צו דער אויסשטעלונג. ווייסט איהר, דאס מיוראד טערקישע סיגארעטען גיבען אייך מעהר ווערט פאר אייער געלד, ווי אירגענד אנאנדער סיגארעט אין דער וועלט?

פאָרוועטס אָדער ריקוועטס

פון א. וועלדין.

די פאַרהאַנדלונגען צווישען די האַרטע-קוילען גרעבער און די קוילען-באַראָנען שלעפּען זיך שוין א רעכט לענגערע צייט, אָבער דערווייל אָהן קיין ישוב רעזולטאַט. דער קאָנטראַקט צווישען דער יוניאָן און די מינען אייגענטימער ענדיגט זיך דעם 31טען אויגוסט און אויב ביז דאַן וועט ניט קומען צו אן אויסגלייך וועט א סטרייק מוזען אויסברעכען אויטאָמאַטיש. די קוילען-קאָמיסיע, א דעפּאַרטמענט, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געשאַפען געוואָרען, אַרבייט פאַר א שלום. אויף דער איניציאַטיוו פון דער קוילען-קאָמיסיע איז די קאָנפערענץ צווישען די יוניאָן פירער און די מינען אייגענטימער, וואָס האָט זיך אָפּגעבראָכען מיט א קורצער צייט צוריק, ווידער באַנייט געוואָרען. עס איז איינגענומען געוואָרען די פראַגע וועגען א העכערונג אין וויידזשעס, וואָס די יוניאָן האָט געשטעלט. די באַנייטע קאָנפערענץ האָט פאָרלויפיג אויך ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטען און אויסזיכטען אויף א שלום זיינען דאָ זעהר ווייניג. דער נייער פּרעזידענט אַרבייט שוין אויס פּלענער וואָס צו טאָן אין פאַל פון א סטרייק. דער יוסטיץ דעפּאַרטמענט גרייט זיך אויך. הכלל — אַלע רעדער דרעהען זיך!

דאָס איז אומגעפער די לאַגע, ווי זי ווערט פאָרגעשטעלט אין דער פּרעסע. אין דער אמת'ן זעהט אָבער אויס, אז די לאַגע איז אינגאַנצען אן אַנדערע. קיינער וויל ניט קיין שלום, מיט דער אויסנאַם פון די קוילען גרעבער און זייערע פאַרטרעטער, און אַלע גרייטען זיך צו מלחמה. די הויפּט אישו, ווי עס זעהט אויס, איז ניט אזא, אָדער אן אַנדער פאָרמולא, נאָר די אַלטע אישו — פאָרוועטס, אָדער ריקוועטס, צי זאָלען די אַמעריקאַנער אַרבייטער געהן פאָרוועטס פאַרבעסערנדיג זייערע לעבענס באַדינגונגען, אָדער אויף צוריק.

עס האַנדעלט זיך דאָ, אייגענטליך, אויב איהר ווילט וויסען, וועגען דער אַלטער פראַגע פון „אָפּען שאָפּ". מיט זייער גאַנצער האַלטונג, און אויך פון דער האַלטונג פון דער רעגירונג, איז גאַנץ קלאָר, אז די מינען-אייגענטימער האָבען נאָך ווייט ניט שלום געמאַכט אין געדאַנק מיט דער קוילען גרעבער יוניאָן און וואָס זיי זיינען באמת אויסען איז צ ו ב ר ע כ ע ן די יוניאָן. די אַלע פאַרהאַנדלונגען זיינען ניט מער ווי דיפּלאָמאַטישע מאַנעווערען כדי אָפּצוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם גרויסען עולם.

דער הויפּט-שטרייט צווישען ביידע צדדים איז געווען און איז נאָך ביז יעצט געבליבען די פראַגע וועגען „טשעק אָף". אט די פראַגע האָט געפירט צו דעם אָפּבראָך פון דער קאָנפערענץ און זי איז דערווייל פאַרשיבט געוואָרען אין דעם כלומר'שטען פאַרזוך צו געפינען אן אייניגלייך וועגען די איבריגע פראַגען. ווי א שטייגער וויידזשעס, אַרבייטס-באַדינגונגען און כדומה. אויף דער פראַגע פון א העכערונג אין וויידזשעס האָבען די אייגענטימער אַרויסגעזאָגט פּונקט אזא האַרטנעקיגקייט, ווי וועגען דעם „טשעק אָף". אָבער אָנגענומען אפילו אז די קאָנפערענץ זאָל זיך יע איינינגען וועגען די איבריגע פּונקטען איז נאָך אַלץ זעהר צווייפעלהאַפט אויב די צדדים וועלען דאַן זיך קענען איינינגען וועגען „טשעק אָף". דאָס איז ניט דערפאַר וואָס אין דער פראַגע זיינען די באַלעבאַטים מאַטעריעל פאַראינטערעסירט, נאָר ווייל דאָס איז א לעבענס פראַגע פאַר דער יוניאָן. פאַרשטעהט זיך די מאַגנאַטען ווילען שלאָגען די יוניאָן אין איהר שוואַכען פּונקט.

די „טשעק אָף" סיסטעם באַשטייט אין דעם, וואָס די דיוס וואָס די אַרבייטער דאַרפען צאָהלען דער יוניאָן ווערט אָפּגערעכענט פון זייערע פאַרדינסטען ווען זיי קריגען זייער באַצאָהלט. אין אַנדערע ווערטער הייסט עס, אז די באַלעבאַטים דאַרפען קאָלעקטירען די דיוס פאַר דער יוניאָן. די באַלעבאַטים טענה'ן, אז זיי זיינען דאָס ניט מחויב צו טאָן. זיי זיינען ניט, זאָגען זיי, געגען דער יוניאָן, אָבער זיי ווילען ניט זיין איהר קאָלעקטאָר. פון אויבען אויף זעהט עס אויס צו זיין א גערעכטע טענה. טאַקע אין דער אמת'ן — וואו שטעהט עס געשריבען, אז באַלעבאַטים זאָלען זיין די שליחים פון דער יוניאָן?

די מעשה איז אָבער די, וואָס די באַדינגונגען אין דער קוילען אינדוסטריע זיינען אַזעלכע, אז דאָס איז אַבסאָלוט נויטיג פאַר דער יוניאָן. די קוילען אַרבייטער זיינען ניט קאָנצענטרירט, ווי למשל פאַבריק-אַרבייטער, אויף איין פּלאַץ. זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער די פעלדער, וואָס ציהען זיך אין די מערסטע פאַלען אויף צענדליגע מייל. ווען די יוניאָן זאָל איינפירען אן אייגענעם אַפּאַראַט צו קאָלעקטירען די דיוס וואָלט דאָס אפשר געקאָסט מער ווי די דיוס קאָן אַריינברענגען. פאַר דער יוניאָן, אלזא, איז דאָס א פראַגע פון לעבען און טויט. ווען די „טשעק אָף" סיסטעם זאָל אָפּגעשאַפט ווערען פאַרלירט זי דערמיט א גרויסען טייל פון איהר הכנסה, אויב ניט די גאַנצע הכנסה.

אלזא, ביים אנפאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען האָט די יוניאָן געפאָדערט אז אין דער האַרטע-קוילען אינדוסטריע זאָל איינגעפירט ווערען איבעראַל די „טשעק-אָף" סיסטעם, ווי דאָס איז איינגעפירט אין דער ווייכע-קוילען אינדוסטריע. די מאַגנאַטען האָבען געענטפערט „לא" מיט אן „אלף" און צו זייער הילף זיינען באַלד געקומען די מאַגנאַטען פון די ווייכע-קוילען פעלדער. יענע האָבען אויך אויפגעהויבען זייער קול געגען „טשעק-אָף" און זיי האָבען ערקלערט גאַנץ דייטליך, אז זיי וועלען פּראָבירען אָפּשאַפען די סיסטעם ווען די צייט וועט קומען פאַר זיי צו באַנייען זייער קאָנטראַקט מיט די ווייכע קוילען גרעבער.

דאָס איז אלזא די לאַגע, ווי זי איז געשאַפען געוואָרען, פון דער שטעלונג פון די באַלעבאַטים. איצט וועט ניט זיין איבעריג צו זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען דער שטעלונג פון דער רעגירונג.

די רעגירונג האַלט זיך דערווייל פון ווייטען פון דעם סכסוך. אפיציעל איז זי פאַראינטערעסירט אין איהם בלויז אויף אזוי פיל אויף וויפיל א גענעראַל סטרייק אין די האַרטע קוילען פעלדער וועט אַנריהרען דעם וואוילזיין פון דער באַפעלקערונג. די באַפעלקערונג האָט שוין געהאַט א לעקציע פון דעם פאַראיאָהריגען סטרייק, ווען האַרטע קוילען זיינען געווען א יקר המציאות און זי האָט געמוזט צאָהלען גרויסע געלטען פאַר אַלערליי רייכערנדיגע און שטינקענדיגע סובסטיטוטען. די באַפעלקערונג אלזא, דאָס הייסט די שטאָטישע באַפעלקערונג, איז פאַראינטערעסירט אין דעם, אז דער זאַפּאַס פון האַרטע קוילען זאָל זיך ניט אויסנעמען. פאַר דעם צוועק איז געשאַפען געוואָרען די קוילען קאָמיסיע, וואָס האָט אויסגעאַרבייט א פּלאַן, אז אין פאַל פון א סטרייק זאָל די רעגירונג איבערנעמען די מינעס און זאָל זעהן באַזאָרגען די באַפעלקערונג מיט קוילען אויף מעסיגע פּרייזען, יע באַלעבאַטים אָדער ניט, יע יוניאָן אָדער ניט.

אָבער די רעגירונג האָט געטאָן עפּעס וואָס באַווייזט אויף וואָסער זייט איהרע סימפּאַטיען געפינען זיך. דער יוסטיץ דעפּאַרטמענט, אונטער דער פירערשאַפט פון דעם אומערמידליכען דאַהערטי, האָט נאָך מיט וואָכען צוריק אַרויסגעגעבען א וואָרנונג צו די יוניאָן לידערס אז ער וועט זעהר שטרענג פאַרפאָלגען יעדען איינעם וואָס וועט שטערען אויף וועלכען ניט איז אופן דעם אימפּאָרט פון קוילען פון אויסלאַנד. די וואָרנונג האָט ער אַרויסגעגעבען אויף דעם סמך פון א רעפּאָרט, אז פּרעזידענט לואיס אויף זיין לעצטער רייזע נאָך איירופּא, האָט געשלאָסען אן אָפּמאַך מיט די ענגלישע טראַנספּאָרט-אַרבייטער, אז זיי זאָלען אַרויס סטרייקען אין פאַל עס וועט געמאַכט ווערען א פאַרזוך צו ברעכען דעם סטרייק פון די אַמעריקאַנער קוילען גרעבער, ווען ער זאָל אויסברעכען, מיט אימפּאָרטירטען קוילען פון ענגלאַנד. די וואָרנונג באַווייזט גאַנץ קלאָר, אז אין די רעגירונגס קרייזען ריכט מען זיך פון לאַנג אויף א סטרייק און אז מען האָט שוין צוגעגרייט פּלענער ווי אזוי איהם צו ברעכען.

אמת, דאָס איז געשעהן נאָך אין דער צייט ווען וואָרען גמליאל האַרדינג איז נאָך געווען פּרעזידענט. עס זיינען דאָ אָבער אַלע אורזאַכען צו גלויבען, אז דער נייער פּרעזידענט, קאַלווין קולידזש, וועט ניט זיין מעהר אַרבייטער פריינדליך, ווי זיין פאָרגענגער. עס ווערט איצט געמעלדעט פון וואַשינגטאָן, אז קולידזש איז געגען דעם פּלאַן פון פאַרבאַטען די מינען און אז ער איז דערפאַר אז אין פאַל פון סטרייק זאָל מען באַהייצען אַמעריקאַ מיט סובסטיטוטען, ווי מיט א יאָהר צוריק.

די לאַגע זעהט אויס צו זיין קלאָר. פון איין זייט זיינען די קוילען באַראָנען ענטשלאָסען צו שעדיגען די יוניאָן ווי ווייט מעגליך און אויסברייטען דעם „אָפּען שאָפּ" פּרינציפּ אין דער קוילען אינדוסטריע אויף וויפיל עס וועט זיך לאָזען. פון דער צווייטער זייט איז די רעגירונג וואָלטעט'ג-נייטראַל אויף דער זייט פון די באַלעבאַטים.

און די אישו איז אזא וואָס באַריהרט ניט נאָר די קוילען אַרבייטער אַליין. עס באַריהרט אַלע אַרבייטער פון לאַנד.

די קוילען אינדוסטריע איז איינע פון די שליסעל אינדוסטריען אין לאַנד. חוץ דעם איז די קוילען גרעבער יוניאָן פאָררעכענט פאַר דער בעסט אָרגאַניזירטער און פאָרטגעשריטענסטער יוניאָן אין לאַנד. א נידערלאַגע פאַר דער קוילען יוניאָן וואָלט ניטוועגדיגערווייזע געמוזט זיך אָפּרופען שעדליך אויף די אינטערעסען פון אַלע אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין לאַנד.

איבעריג צו זאָגען, אז דער יושר איז אינגאַנצען אויף דער זייט פון דער קוילען גרעבערס יוניאָן. מיר לעבען אָבער איצט אין א וועלט ניט פון יושר, נאָר פון מאַכט און דער איצטיגער קאָנפליקט צווישען די קוילען גרעבער און די מאַגנאַטען וועט דעם מאָל ווידער ענטשיידעט ווערען ניט אויף דעם באַזיס פון יושר, נאָר פון מאַכט.

קורץ און שאַרף

פון י. ב. ג.

ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז אונזער נייער פּרעזידענט געגען אַלע ערוואַרטונגען, א מענש מיט א מענשליכע האַרץ. מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק זיינען די פּאָליסלייט וואַלש און מאַקליין — איינער א סאַרזשענט, און דער צווייטער, א ליוטענאַנט, — פאַרורטיילט געוואָרען צו 7 יאָהר פּריזאָן פאַר באַטייליגען זיך אין א מיליאָן-דאָלאַרדיגער שנאַפּס-גנבה. האָט זיי אונזער נייער פּרעזידענט באַגנאַדיגט. און מערקט אייך, אהן אירגענד וועלכע תנאים. איז דאָס ניט פיין? איז דאָס ניט גרויסמוטיג פון זיין זייט? און וואָרט נאָך א ביסעל, דאָס איז ערשט אן אָנפאַנג. אין דער דאָזיגער גנבה האָבען זיך באַטייליגט נאָך עלף, און זיי אַלע זיינען פאַראורטיילט געוואָרען. איז דער שכל מחייב, אז ווי באַלד קולידזש האָט באַפרייט די ערשטע צוויי, וועט ער זיך מסתמא דערביי ניט אָפּשטעלען, און וועט באַפרייען די אַנדערע עלף. איך פיהל ווי צו גראַטולירען פּרעזידענט קולידזש מיט אזא גוטען פילפאַרשפּרעכענדען אָנפאַנג פון זיין אַדמיניסטראַציע.

עס קען זיין, אז ענגלאַנד האָט טאַקע געמאַכט א שטיקל טעות, וואָס זי האָט אזוי שנעל אָנגעהויבען צאָהלען איהר מלחמה-חוב צו אַמעריקאַ. איצט, אז אַמעריקאַ איז שוין זיכער מיט ענגלאַנד, מוז זי זעהן, ווי זי קען קריגען דאָס ביסעל מינץ, וואָס פראַנקרייך איז שולדיג. און כדי דאָס צו קריגען, קענען מיר דאָך ניט מיט איהר זיך קריגען. מוזען מיר דערום נוטהייסען איהר גאַנצע וועלט-פּאָליטיק אין דער רוהר. וואָרים, אויב פראַנקרייך זאָל מוזען פאַרלאָזען רוהר מיט גאָרניט, וועלען מיר קיינמאָל קיין פּרוטה ניט זעהן. יאָ, ענגלאַנד האָט זיך ווירקליך באַנאַרישט דורך איהר אָפּמאַך מיט אַמעריקאַ צו באַצאָהלען, וואָס ס'קומט פון איהר. ווען ניט, וואָלט גאַנץ אַמעריקאַ געוועזען אויף דער זייט פון ענגלאַנד, ווייל די סך טע, וואָס ענגלאַנד איז אונז שולדיג איז אַביסעל גרעסער ווי די, וואָס פראַנקרייך קומט אונז.

ענגלאַנד אין איהר „נאָטע" צו פראַנקרייך און צו דער איבעריגער וועלט, זאָגט, אז דאָס אַריינרייסען זיך פון פראַנקרייך אין די רוהר איז געווען אן אונגעזעצליכער אַקט, ניט לויט דער ווערסאַלער אָפּמאַך. פראַנקרייך וואָלט געקאָנט אויף דעם ענטפערען: נו, און דער ווערסאַלער אָפּמאַך אַליין איז ניט געווען די גרעסטע שפּיץ אונגעזעצליכקייט, דער שענדליכסטער גוואַלדטהאַט? אָבער, פאַרשטעהט זיך, אז זי וועט אזוי ניט ענטפערען. דאָס וואָלט געווען א ביסעל צו אָפּענהערציג. נאָר, ווי די מעשה איז, דער קריג אויף פּאַפּיר, מיט ווערטער, צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך, איז אין פולען שוואונג. און ווער קען פאָראויסזאָגען, אויב דער דאָזיגער ווערטער-קריג וועט זיך באַלד ניט פאַרוואַנדלען אין עפּעס מעהר ערנסטעס?

מען באַשולדיגט אָפט די אַרבייטער אין מוטה-ווילינגען סאַבאָטאַזש. ווען זיי זעהען, אז אַרבייט איז אַביסעל סלעק, אַרבייטען זיי אַביסעל לאַנגזאַמער, כדי צו האָבען נאָך א פּאָר טעג אַרבייט. און אָט האָט איהר אן אַנדער סאָרט סאַבאָטאַזש, וואָס ווערט פּראַקטיצירט פון אונזערע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע זיינען אזוי אויפגעבראַכט געגען די סאַבאָטאַזשניקעס-אַרבייטער. אין דער לעצטער צייט איז געוואָרען צופיל אויל, צופיל גאַזאָלין. נאַטירליך, לויט דעם געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט, האָט דער פּרייז אויף אויל און אַלע זיינע פּראָדוקטען אָנגעהויבען פאַלען. איז דאָס נאַטירליך ניט צום האַרצען די אויל-אייגענטימער. איז וואָס טוען זיי? שליסען זיי צו פאַר א צייט, אַלע זייערע פּלענטס. איז דאָס ניט סאַבאָטאַזש?

אין אָהייאָ איז אַריינגעטראָטען אין קראַפט א געזעץ, וועלכער שיינט מיר, איז ניט קיין שלעכטער געזעץ. פון איצט אָן און ווייטער וועלען די טאַטעס פון אומגעזעצליכע קינדער מוזען זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר זייער ליבע-פּרוכט און וועלען מוזען פאַרזאָרגען זייערע קינדער ביז זיי וועלען אַלט ווערען 16 יאָהר. דאָס איז ניט מעהר ווי רעכט. ביז איצט האָט דער מאַנזביל געהאַט דאָס פאַרגעניגען און אַלע צרות און די גאַנצע פאַראַנטוואָרטליכקייט איז געטראָגען געוואָרען פון דער מוטער; נאַטירליך, האָט עס געפיהרט דערצו, אז אונזער מאַנסביל, וועלכער איז זעהר אָפט געוויסענלאָז אין דער הינזיכט, האָט זיך געלאָזט וואוילגעהן אויף דעם חשבון פון זיין פאַרגעניגענס-שותף און פון זיינע קינדער. מיט דעם נייעם געזעץ, וועט ער זיך ניט מעהר פיהלען אזוי פריי. ער וועט וויסען, אז ער וועט מוזען באַצאָהלען פאַר זיין פאַרגעניגען: „ליוביש קאַטאַטסיא, ליובי אי סאַנקטסקי וואַזיט".

אין וויען איז ניט לאַנג צוריק אָפּגעהאַלטען געוואָרען א קאָנווענשאָן פון די אַרבייטער אין די כעמישע פאַבריקען און פאַפּיר-מילען פון גאַנץ יוראָפּ. האָבען צוויי אַרבייטער-דעלעגאַטען פון רוסלאַנד פאַרלאַנגט צו באַטייליגען זיך אין דער קאָנווענשאָן. האָט די קאָנווענשאָן, מיט דער אויסנאַהמע פון איין שטימע, זיי ניט צוגעלאָזען. מען האָט זיי געזאָגט, אז זיי מוזען איבעררייסען זייער פאַרבינדונג מיט דעם רויטען אינטערנאַציאָנאַל, און אָנשליסען זיך אן דעם אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל. דאַן נאָר קענען זיי צוגעלאָזען ווערען צו דער קאָנווענשאָן. אלס דעלעגאַטען. איך דענק, אז די קאָנווענשאָן האָט געהאַנדעלט ניט גאַנץ ריכטיג. וואָלטען די רוסישע אַרבייטער געהערט צום רויטען טרייד-יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל מיט זייער פ ר י י ע ן ו ו י ל ע ן, וואָלט די טענה צו זיי געווען א גאַנץ ריכטיגע. אָבער, וואָס קענען דען די רוסישע אַרבייטער זיך העלפען? זיי מ ו ז ע ן דאָך באַלאַנגען צום רויטען אינטערנאַציאָנאַל.

א קאָמיטע פון דער אַמעריקאַן באַר אַסס'ן האָט איבערגעשראָקען אַמעריקאַ מיט דעם פאַקט, דאָס אין אַמעריקאַ זיינען דאָ אַנדערהאַלבען מיליאָן ראַדיקאַלען מיט עטליכע הונדערט צייטונגען, וואָס ווערען געלייענט פון אוודאי נאָך עטליכע מיליאָן. דאָס מיינט, היט זיך אַמעריקאַ, די רעוואָלוציע איז אום'ן שוועל. ווייטער מיינט עס, נאָך מעהר דראַקאָנישע געזעצע געגען די גרויסע רויטע געפאַהר. וואָרים, אז די אַמעריקאַנער באַר אַסס'ן זאָגט, אז די געפאַהר איז גרויס, קען עס דער קאָנגרעס ניט איגנאָרירען. מוז ער עפּעס טאָן, אום צו ראַטעווען דאָס פאַטערלאַנד. מען מעג זיך ריכטען אויף לעבעדיגע צייטען. אָבער איך מיין, אז דאָס וועט גאָרניט העלפען. און אויב די געזעצע וועלען יאָ האָבען א ווירקונג, וועט עס פיהרען דערצו, אז אונזערע ראַדיקאַלען, וועלכע זיינען אזוי צוקריגט צווישען זיך, רייסענדיג אויף פאַרשידענע לשונות, וועלען דאַן אפשר זיך צוזאַמענקריגען, און ערשט דאַן וועלען זיי ווערען א מאַכט אין אַמעריקאַ. איצט, מיט דעם אַנדערהאַלבען מיליאָן און מיט די הונדערטע צייטונגען איז נאָר ניטאָ וואָס צו שרעקען זיך פאַר זיי.

דער באַריהמטער שטיינמעץ זאָגט נביאות, אז אין הונדערט יאָהר אַרום וועלען מענשען אַרבייטען ניט מעהר ווי 4 שטונדען, און די אונאַנגענעהמסטע אַרבייט וועט געטאָן ווערען פון דער עלעקטריציטעט, וואָס וועט זיין דאַן אזוי פאַרשפּרייט, ווי עס איז איצט וואַסער. און איך זאָג, אז ער לייגט עס אָפּ אויף א צו לאַנגע צייט. וואָרים מיט אביסעלע מעהר אָרדנונג, און מעהר שכל, קען שוין איצט דער מענש פּראָדוצירען אַלץ, וואָס ער האָט נויטיג פאַר זיין לעבען, אַרבייטענדיג בלויז 4 שטונדען, און די איבעריגע צייט באַשעפטיגענדיג זיך מיט אַלץ, צו וואָס זיין האַרץ געלוסט.

שטיינמעץ זאָגט אויך נביאות, אז דער סלאַוו וועט זיין דער צוקינפטיגער פיהרער און מאַנגעבער פון איירופּא. ענגלאַנד און דייטשלאַנד האָבען באַנקראָטירט, און איצט וועט דער סלאַוו איבערנעהמען די פיהרערשאַפט. איך קען נאָר איינפאַרשטאַנען זיין מיט איין העלפט פון דער באַהויפּטונג, אז ענגלאַנד און דייטשלאַנד האָבען ווירקליך אַרויסגעוויזען זיך אונפעהיג צו זיין די פיהרער פון יוראָפּ, אָבער פאַר וואָס זאָל דער סלאַוו ווערען איצט דער פיהרער, דאָס פאַרשטעה איך ניט. מיט וואָס האָט דער סלאַוו אַרויסגעוויזען זיך מעהר פעהיג? וועלכע גרויסע פיהרער און גאונים האָט ער עס אַרויסגעבראַכט, אז מען זאָל קענען זאָגען, אז די גאולה וועט קומען פון מזרח?

וואַררען ס. סטאָון, גרענד טשיף פון דער בראָדערהוד און לאָקאָמאָטיוו אינזשינירס, האָט אַרויסגעשיקט צו די פאַרשידענע אַרבייטער-צייטונגען א לייבאָר דעי-מעסעדזש, וועלכער פאַרדינט ווירקליך באַהאַרצינט צו ווערען פון די אַרבייטער, וועמען ער רעפּרעזענטירט, ווי פון אַלע אַנדערע אַרבייטער אין אַמעריקאַ. אט וואָס דער מעסעדזש זאָגט אין זיינע צוויי לעצטע פאַראַגראַפען, נאָכדעם, ווי ער ווייזט אן, אז ער ערשט מוזען די אַרבייטער אנווענדען אַלע זייך

קורצע־שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

ל. מ — מאריס זיגמאן איז טאקע דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, און זיינע ווידזשעס קריגט ער פון דער אינטערנעשאנאל, ד. ה., פון אלע מעמבערס פון די לאקאלס, וועלכע בילדען די אינטערנעשאנאל. אויב אזוי, פרעגט איהר, טו ווארום איז ער אזוי פארזארגט וועגען די סאב־מאנופעקטשורערס? איז דער תירוץ טאקע, אז וועגען זיי איז ער גארנים פארזארגט. און צווישען זיך ריידענדיג, וואלט איהם וועניג וואס געקימערט, ווען אלע סאב־מאנופעקטשורערס וואלטען מיט איין מאל געלט געווארען פון דער קלאוק־אינדוסטריע. אבער אזוי ווי קיינע נסים געשעהען נים; און אזוי ווי די מעהרסטע קלאוקמאכער, צי זיי ווילען צי נים, מוזען אנקומען צום סאב־מאנופעקטשורער אום צו מאכען א לעבען; און אזוי ווי, אויב דער סאב־מאנופעקטשורער ווערט אזוי געשטיקט פון דזשאבער, אז ער אליין קען קוים עקזיסטירען, מוזען די בעלי־מלאכות, וואס ארבייטען פאר איהם נאך מעהר ליידען, דארום קומט אוים, אז פרעזידענט זיגמאן, דער פארשטעהער פון די ארבייטער, מוז געגען זיין ווילען זארגען אויך פאר דעם סאב־מאנופעקטשורער. עס איז אמת, אז פון דעם שטאנדפונקט פון קלאסענקאמף איז דאס א גאנץ ווילדער געדאנק. די ארבייטער דארפען נאר שטעהן אין איינעם קאמף מיט די, וועלכע עקספּלואטירען זיי. ווארום זאל די יוניאן העלפען דעם סאב־מאנופעקטשורער צו קריגען פון דזשאבער בעסערע באדינגונגען? זאל ער עס אליין טאן, אויב ער קען. קען ער נים, איז וועמען ארט עס? יע, פון דעם שטאנדפונקט איז אייער טענה א גאנץ לאגישע. אבער, ליידער, ליידער איז דער צושטאנד פון אונזער קלאוק־אינדוסטריע אזא משונהנע, אז דער קלאסען־שטאנדפונקט קען דא נים אנגעווענדעט ווערען. ווארים אי דער סאב־מאנופעקטשורער און אי דער ארבייטער זיינען ביידע אומגליקליכע קרבנות פון דעם דזשאבער. אמת, דער סאב־מאנופעקטשורער איז דער ווערקצייג, מיט וועלכען דער דזשאבער שלאגט די ארבייטער, אבער, אז די ארבייטער זאלען איצט כאפּען זיך צו שלאגען די סאב־מאנופעקטשורער, וואלט עס גראדע אונזער גרויסען קאפּיטאליסט ווייניג וואס געארט. אויף דעם האט ער דאך באשאפען דעם סאב־מאנופעקטשורער, אז יענער זאל קריגען די קלעפּ, וואס קומען איהם על פי יושר. איז אפשר קענען זיך די ארבייטער נים העלפען און שלאגען טאקע דעם סאב־מאנופעקטשורער, אבער דער פועל יוצא איז גארנים מיט גארנים. און די קליגערע ארבייטער, ווי אויך זייערע פארשטעהער, פארשטעהען, אז כאטש דער סאב־מאנופעקטשורער איז א גרויסער אומגליק פאר אונזער אינדוסטריע, אבער דאך איז ער נים מעהר, ווי א פאלגע, א רעזולטאט, א באשעפעניש פון דעם דזשאבער. און זיי פארשטעהען, אז כדי צו ברענגען מעהר ארדנונג אין דער קלאוק־אינדוסטריע, כדי אויסצופיהרען, אז די א ר ב י י ט ע ר זאלען האבען מעהר ארבייט און מעהר פארדינען, מוז מען זעהן ווי ווייט מעגליך ארונטערצושניידען די פליגלען פון דעם דזשאבער, און דאס קען דערווייל נאר אויסגעפיהרט ווערען דורך דעם, אז די לאגע פון דעם סאב־מאנופעקטשורער זאל ווערען אביסעל בעסער. פארשטעהט זיך, אז דאס איז נאר א רפואה פאר דערווייל. צו וואס די יוניאן שטרעבט, און וואס זי מוז אויך אויספיהרען, איז, אז דער סאב־מאנופעקטשורער זאל אין גאנצען אויפהערען זיין א פאקטאר אין דער אינדוסטריע. אז די יוניאן זאל האבען נאר איינעם, מיט וועמען צו פארהאנדלען און צו קעמפען, און דאס איז דער דזשאבער; ביז אבער יענער צייט, מוז פרעזידענט זיגמאן פארטרעטען אויך ביז צו א געוויסען גראד די אינטערעסען פון די סאב־מאנופעקטשורער, ווייל זייערע אינטערעסען זיינען גאנץ ענג פארבונדען מיט די אינטערעסען פון די ארבייטער. כדי איהר זאלט אונז נאר קלאר פארשטעהן, ווילען מיר אייך דערמאנען אן אן אלטען ווארט: „אז מען דארף דעם גנב שניידען מען איהם אפּ פון דער תליה״.

ל. ג—אן. — געוויס קען מען אין אלץ באשולדיגען די ארבייטער. מען קען זאגען, למשל, אז דאס, וואס עס איז נאך דא דער קאפּיטאליזם אויף דער וועלט איז שולדיג בלויז דער ארבייטער. ווארים ווען ער זאל ווילען און פארשטעהן, קען ער דאך גאנץ שנעל מאכען א סוף דערצו. אבער דאס וועט זיין נים ריכטיג. ווייל דער פאקט איז, דאס אזוי לאנג ווי קאפּיטאליזם עקזיסטירט, קענען נים א ל ע ארבייטער ווערען אזוי אויפגעקלערט און אזוי אנטשלאסען אויסצופיהרען דאס, וואס וואלט אזוי גוט געווען פאר זיי. דאסזעלבע איז אויך ריכטיג אין אונזער פאל. געוויס וואלטען נים געווען קיין קארפּארייש־שעפּער, קיין סאב־מאנופעקטשורער, ווען די ארבייטער וואלטען אליין, דורך זייער אומוויסענהייט, נים געהאלפען אין זייער באשאפונג. אבער מען דארף נים פארגעסען, אז די אומוויסענהייט איז אויך נים ז י י ע ר שולד; און אז עס נעהמט א לאנגע, לאנגע צייט, ביז מענשען ווערען אויפגעקלערט; און אז די יוניאן מיט איהר בעסטען ווילען אויפצוקלערען אלעמען, קען זי אבער נים אויפקלערען די, וועלכע ווילען נים ווערען אויפגעקלערט. בילדונג, אויפקלערונג איז נים עפּעס, וואס קען אויף איטיצען ארויפגעצוואונגען ווערען. אנגענומען דעם פאל, אז דאס, וואס איהר האט מיט יאהרען צוריק געזעהן פארקומען אויף א יוניאן־מיטינג, איז נים געווען עפּעס, וואס זאל קענען איינעם באגייסטערען. אבער דאס אליין איז דער בעסטער באווייז, אז עס נעהמט לאנג, זעהר לאנג, ביז מענשען קומען צו זייער ריכטיגען שכל. בקיצור, צו זאגען, אז שולדיג אין אלץ זיינען נים די סאב־מאנופעקטשורער, נים די דזשאבער, נאר די ארבייטער אליין, הייסט גארנים געזאגט. און דערפאר איז זעהר נאאיוו אייער רפואה, וואס איהר שלאגט פאר: די בלענקס מיט די פראגען און ענטפערס. וואס קען עס העלפען? וואס וועט עס העלפען, אז מיר וועלען שוין האבען שווארץ אויף ווייס, אז חיים און בערעל געהען ארום אזוי פיל און אזוי פיל מאנאטען ליידיג, און אז זיי פארדינען אזוי פיל און אזוי פיל, ווען זיי ארבייטען? די יוניאן ווייס דאס איצט אויך זעהר גוט, זי ווייס וואו די ארבייטער פארדינען מעהר און וואו וועניגער. געוויס איז דא אין אייער גאנץ לאנגען בריף פילעס מיט וואס מיר זיינען איינפארשטאנען, אבער דער בריף, אלס גאנצעס, ווייזט, אז איהר האט זיך זעהר ווייניג אריינגעטראכט אין דער איצטיגער לאגע, און אייער קריטיק מיט אייערע פארגעשלאגענע מיטלען זיינען אין דעם איצטיגען מאמענט, ווען די באטראכטונג פון דער לאגע מוז זיין א טיפע, א גרינדליכע, און די מיטלען אמת הערצאישע, פון א גאנץ קנאפּען ווערט.

ברודער יוניאן־מאן און אלטער גוטער יוניאן־מאן. — פרעזידענט זיגמאן האט אונז איבערגעגעבען אייער בריף, בעטענדיג אונז אייך צו ענטפערען אויף זיי. איז, ערשטענס, ווילען מיר אייך זאגען, אז עס איז זעהר נים שעהן פון אייך, וואס איהר גיט נים אן אייערע נעמען. איהר ווענדעט זיך צו איהם מיט די ווערטער „ברודער פרעזידענט״, און פאר אייער ב ר ו ד ע ר באהאלט איהר אייערע נעמען! דאס איז זעהר נים שעהן. דאס קען אויסגעטייטשט ווערען אויף צוויי אופנים: אדער איהר האט געוויסע אורזאכען צו שעהמען זיך מיט אייערע נעמען, אדער איהר האט נים דעם נויטיגען צוטרוי, וואס איהר דארפט פיהלען, צום פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל. צווייטענס, איז דאס, וואס איהר שרייבט אין אייערע בריף גארנים אזא שרעקליכער סוד. למשל, איהר שרייבט, אז פילע סאב־מאנופעקטשורערס באשעפטיגען נים אזוי פיל ארבייטער וויפיל זיי האבען נויטיג, נאר זיי טוען אליין א גרויסען טייל פון דער ארבייט, פארזיכערען מיר אייך, אז דאס איז נים קיין סוד, און די יוניאן טוט איהר בעסט ווי ווייט מעגליך צו מאכען א סוף צו דער דאזיגער פראקטיק. דאן אייער פארלאנג, אז מען זאל אויספיהרען אז די ארבייטער זאלען גאראנטירט ווערען מיט א באשטימטער צאהל ארבייטס־וואכען אין סיזאן איז אויך נים אזעלכעס, וואס איז אייער אריגינעלע אידעע און פון וועלכער דער פרעזידענט ווייס גארנים. מען רעדט שוין וועגען דעם פאר די לעצטע עטליכע יאהר. אין דער „גערעכטיגקייט״ איז פיל געשריבען געווארען וועגען דעם. די פראגע איז געוויס א זעהר וויכטיגע, אבער מען דארף זיך נים איינרעדען, אז זי קען אזוי לייכט פארענטפערט ווערען. ווייטער איז עס מילוויז אמת, אז די סאב־מאנופעקטשורער ערפילען נים ביז צו א גרויסען טייל דאס, וואס זיי האבען זיך פארפליכטעט דורך זייער אגרימענט מיט דער יוניאן. דער פרעזידענט נויטיגט זיך נים אין אייערע באווייזען. דער פאקט, דאס עס קומען פאר שטענדיגע סכסוכים צווישען דער יוניאן און די סאב־מאנופעקטשורער, און דאס די יוניאן פיהרט אוים צו קריגען זעהר אפט „בעק פעי״ פאר פילע ארבייטער און צו רעאינסטייטען פילע ארבייטער, וואס ווערען דיסטשארדזשד, איז דער בעסטער באווייז דערצו. דאס אלעס איז אן אפענער סוד. אבער נאך אמאל, פרעזידענט זיגמאן האט גאר נים דאנקען, וואס איהר שרייבט צו איהם. פארקעהרט, ער וואלט זעהר געוואלט, אז ווער עס האט נאר עפּעס צו זאגען, זאל זיך צו איהם ווענדען. אבער איהם פארדריסט, וואס איהר האט גאט־ווייס־פארוואס נים אונגעגעבען אייערע אמת'ע נעמען אין אייערע בריף, וועלכע, אגב אורחא, ווי עס זעהט אונז אוים, זיינען געשריבען פון איין האנד, ווייל דער אינהאלט פון די ביידע בריף איז איין און דערזעלבער.

צו דעם, וואס וויל נים אונטערשרייבען זיין נאמען, ווייל ער איז זיכער, אז דער בריף וועט נים פארעפענטליכט ווערען. — אויף דער בריף איז צוגעשיקט געווארען צו פּרעזידענט זיגמאן. כאטש די טענות פון דעם בריף שרייבער זיינען געגען דער „גערעכטיגקייט״. אויף דעם בריף־שרייבער האט פרעזידענט זיגמאן נים קיין פאראיבעל, וואס ער האט זיין נאמען נים אנגעגעבען, ווייל פון דעם גאנצען אינהאלט פון בריף איז קענטיג, אז זיין פארפאסער איז נים קיין ארבייטער, נאר א באס. פון איינינע עדיטאריעלס אין דער „גערעכטיגקייט״ שליסט דער דאזיגער אנאנימער שרייבער, אז אונזער גאנצער צוועק איז צו האלטען איטער די ארבייטער אין סטרייק. ווי אזוי ער האט עס אויסגעפונען, ווייס מען מיר נים. דאכט זיך, ביי יעדער געלעגענהייט האלטען מיר אין איין איבערזאגען, אז מיר גלויבען נים אין סטרייקס, אז א סטרייק איז נאר פאר אונז דער לעצטער מיטעל, וועלכען מיר געברויכען, אום אויסצופיהרען די גערעכטע פאדערונגען פאר די ארבייטער. ווייטער זעהט נים דער שרייבער די פעולה פון סטרייקס פאר העכערע ווידזשעס, ווייל נאך אלעמען, וואס מעהר דער ארבייטער קריגט אין ווידזשעס, דאס אלץ טייערער קאסטען איהם זיינע לעבענסמיטעל, קומט דאך אויס, אז ער סטרייקט אומזיסט. נו, וועגען דעם איז דא פיל צו ריידען. אבער דער שרייבער אליין גיט צו, אז דער ארבייטער לעבט איצט פיל בעסער, ווי אמאל. אויב דאס איז אזוי, איז עס דאך דער בעסטער באווייז, אז די סטרייקס האבען יא געהאלפען די ארבייטער.

זיין צווייטע טענה איז, ווארום מיר זיינען אזוי שטרענג און שרייבען אזוי שלעכט וועגען די מאנופעקטשורער און ארבייטסגעבער. איבערהויפּט איז ער זעהר אויפגעבראכט געגען דעם עדיטאריעל, וואס מיר האבען געשריבען וועגען דעם שיקאגער דרעס־מאנופעקטשורער, מר. מיטשעל, וואס האט ארויסגענומען אן אינדזשאנקשאן געגען דער אינטערנעשאנאל, זי זאל נים טארען ארגאניזירען די ארבייטער פון זיין שאפּ. ער מיינט, אז וויבאלד די ארבייטער האבען אונטערגעשריבען אן אגרימענט מיט דעם באס, איז עס א באווייז, אז זיי זיינען צופרידען. אויף דעם ווילען מיר ענטפערען דעם שרייבער, אז אויב די ארבייטער וואלטען געווען ווירקליך צופרידען, וואלט דער באס נים באדארפט מורא האבען פאר דער יוניאן, און ער וואלט פארשפּארט זיך די מיה ארויסצונעהמען אינדזשאנקשאנס. ווייטער פראטעסטירט דער שרייבער געגען דעם פארלאנג צו ארבייטען בלויז 40 שטונדען. ווי, פרעגט ער, קען עס מעגליך זיין? אויב ער וועט מעהר נים ארבייטען ווי 40 שטונדען, וועט דאך זיין ווייב אויך נים מעהר וועלען ארבייטען, ווי 40 שטונדען און דאן וועט די גאנצע הויז־ווירטשאפט זיין קאפּוט. די וועטשערע וועט בלייבען נים דערקאכט: די שטוב נים גערייניגט, די קינדער אונגעוואשען, ווייל 40 שטונדען א וואך איז צווועניג פאר דער הויז־פרוי. און האלטען א דינסט — דאס קען ער נים „אפארדען״. זיין ווייטערע טענה איז געגען די ארבייטער, וואס נעהמען צוגרויסע ווידזשעס, כאטש זיי פארדינען עס נים. איבערהויפּט איז ער אויפגעבראכט געגען די בריקלייערס. דער בריף־שרייבער איז זיכער, דאס די ארבייטער זיינען ארעם, ווייל זיי פארשפּענדען זייער געלט אין שכור'ען און געמבלען. וואלטען זיי נאר געלעבט שפּארעוודיג, וואלטען זיי געקאנט „סייווען״ א סאך, און זיי וואלטען געווען מיט לייטען גלייך. אין אלגעמיין איז דער שרייבער זיכער, אז די מאנופעקטשורער טוען דאס בעסטע פאר זייערע ארבייטער. יע דער בריף איז א קוריאז, און מיר וואלטען איהם זיכער פארעפענטליכט, ווען דער שרייבער גיט אן זיין נאמען און אדרעס. איצט קענען מיר איהם נים פארעפענטליכען, נים צוליב דעם, ווייל מיר האבען מורא, אז אונזערע לעזער זאלען אנהויבען אליין צו דענקען, ווי דער שרייבער פון בריף מיינט עס, נאר ווייל פילע וואלטען געמיינט, אז מיר האבען אליין פארפאסט אזא בריף, כדי אונזערע לעזער זאלען קענען האבען אביסעל שפּאס. אדרבה, זאל דער שרייבער אונז צושיקען זיין נאמען און מיר פארזיכערען איהם, דאס מיר וועלען פארעפענטליכען זיין בריף ווארט ביי ווארט, און נים מאכען דעם מינדסטען פירוש אויף איהם.

אינדזשאנקשאן־מגפה אין שיקאגא שלאגט זיך אן אן אפּהאלט

(שלוס פון זייט 1)

א הפקר־זאך. אט, ווי דעם דזשאדזש פארגלוסט זיך, אזוי פסק'ענט ער. זאגט איין דזשאדזש: כשר, זאגט דער צווייטער טריף. היינט נעה דערנעה א מאל אז די דאקטוירים אליין קענען צווישען זיך נים מושוה ווערען.

דער פארהער וועגען דעם מיטשעל־אינדזשאנקשאן האט באדארפט פארקומען לעצטען מיטוואך. בעת מיר שרייבען די שורות, ווייסען מיר נאך נים דעם רעזולטאט, צי דער אינדזשאנקשאן איז אראפּגענומען געווארען, אדער איז ער שטעטיגט געווארען, און בלייבט אין קראפט. עס ווייזט אבער אוים, אז די שטימונג אין שיקאגא אין באצוג צו דעם נייעם סארט אינדזשאנקשאן האט זיך שטארק געביטען. דער פאקט, אז דער סטייט־קאורט האט אפּגעגעבען פונקט פאַ׳קעהרטע אנטשיידונג, ווי די פון דער פעדעראל ריכטער קארפּענטער איז דער בעסטער באווייז פאר אונזער השערה.

עס קען גרייליך זיין, אז דער מאסס־מיטינג, איינגערופען פון דער שיקאגא פעדערייישאן אוו לייבאר, און אויך וועלכען גאמפּערס האט געהאלטען די הויפּט־רעדע, האט א שטיקעל שייכות מיט דער געענדערטער שטימונג. גאמפּערס'עס רעדע האט שטארק אויפגערייסעלט די גאנצע עפענטליכע מיינונג אין שיקאגא. די גאנצע פרעסע האט איבערגעדרוקט די וויכטיגסטע שטעלען פון זיין רעדע, דער עצם פון וועלכער איז געווען, דאס די ארבייטער דארפען נים פאלגען דעם אינדזשאנקשאן, וואס רויבט פון זיי אלע זייערע עלעמענטארע רעכטע און פרייהייטען. עס קען אויך זיין, אז עס איז געוועזען די עפענטליכע מיינונג, וועלכע האט באגעטראגען דערצו, אז דער סטייט־קאורט דזשאדזש זאל שיקען די 10 דרעס־מאנופעקטשורער אהיים מיט 10 לאנגע נעזער. דערפאר איז שווער צו זאגען, וואס עס וועט זיך אויסלאזען מיט דעם אינדזשאנקשאן, וואס מר. מיטשעל האט יא ארויסגעקראגען. איין זאך איז זיכער, דאס די יוניאן איז אנטשלאסען צו קעמפען אויף א ל ע פראנטען און מיט א ל ע מיטלען געגען דער אינדזשאנקשאן־פּעסט.

דעם דאנערשטאג וועט א קאמיטע פון דער יוניאן, צוזאמען מיט דעם וויס־פּרעזידענט פעלשטיין, דעם פיהרער פון דער ארגאניזיישאן קאמפּיין, וועלכער האט אזוי אויפגערודערט גאנץ שיקאגא, זיין ביים גאווערנאר פון אילינאיז, מר. סמאל. און דאס איז אויך צו פארדאנקען דאס מיטשעל מיט זיין אינדזשאנקשאן. דער טומעל איז געווארען אזוי גרוים, דאס אויך דער גאווערנאר האט זיך געמוזט שטארק פאראינטערעסירען. וואס פון דעם דאזיגען שמועס מיט דעם גאווערנאר וועט ארויסקומען, וועלען מיר ערשט קענען באריכטען נעקסטע וואך. אבער דאס אליין האלט דעם גאנצען קאמפּיין פון אונזער אינטערנעשאנאל אין סאמע פראנט פון דעם עפענטליכען לעבען אין שיקאגא.

עס פארשטעהט זיך, אז דאס אלעס האט נים פארפעהלט צו מאכען א גאנץ שטארקע ווירקונג אויף די ארבייטער פילע, וועלכע האבען ביז איצט גארנים געוואוסט פון א יוניאן, האבען זיך שטארק פאראינטערעסירט. און עס וועט זיין מאדנע, אויב די דאזיגע ערוואכונג פון די ארבייטער זאל נים ברענגען קיין זעהר גוטע רעזולטאטען פאר דער יוניאן. מען מעג דארום זאגען, אז מר. מיטשעל, דער דרעס־מאנופעקטשורער און זיין דזשאדזש קארפּענטער האבען אויפגעטאן א היבש ביסעל פראפּאגאנדע פאר דער יוניאן, כאטש געמיינט האבען זיי פונקט דאס פארקעהרטע.

אין דער זעלבער צייט, ווען די יוניאן קעמפט אזוי ענערגיש געגען די שונאים פון דרויסען, פארגעסט זי נים אויך די שונאים איהרע פון אינעווייניג, וועלכע טוען זייער ערגסטעס אום צו אונטערגראבען דעם סאמע פונדאמענט פון דער יוניאן. די וואך זיינען אויסגעשלאסען געווארען 7 מעמבערס פון דער יוניאן, נאכדעם ווי זיי האבען זיך אנטזאגט ארויסצוטרעטען פון דער טרייד־יוניאן עדיוקיישאנאל ליג.

קויפט איסשליסליך
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
וזהייט לילי טהעע

מיליאנען מענשען
פארמיידען קראנקהייט פון זייערע הייזער דורך דעם צייטיגען געברויך פון
עקס-לאַקס
דער באריהמטער מאַגען רעגולירער
אויב איהר זייט נים איינער פון יענע מיליאנען, קענט איהר לייכט אויסגעפינען פון די, וועלכע ברויכען עקס-לאקס, וואס עקס-לאקס באַדייט. איהר דארפט זיי לאנג נים זוכען, איהר קענט זיי געפינען אויף יעדער שריט און טריט. אויפ׳ן גאס, אין שאפּ. אין סקול, אין טעאטער, אדער וואו איהר וועט זיך נאַר קעהרען און ווענדען קענט איהר געפינען עקס-לאקס געברויכער, וואס וועלען אייך דערצעהלען וואס פאר א וואונדערבארער מיטעל עקס-לאקס איז פאר׳ן מאַגען.
אלע פּראגרעסיווע דראגיסטען פארקויפען עקס-לאקס אין 10, 25 און 50 סענט באקסעס.

וואס דער דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל טוט און דארף ניט טאן

פון מ. י. אשפיז.

איך מיין פראגע: וואס טוט דער דזשאינט באארד אף סאניטארי קאנ־טראל? איז דאקטאר פרייס ארויסגע־טראטען מיט אן ענטפער אין דער „גע־רעכטיגקייט" פון 10טען אויגוסט. אין מיין ארטיקעל האב איך זיך געהאלטען אין פרינציפיעלע ראמען. האב קיינעם ניט אנגעגריפען פערזענליך. דאגעגען איז דער ענטפער פון דר. פרייס פול מיט פערזענליכע אנגריפען און מיט אינסינואציאנען געגען מיין אויפריכ־טיגקייט אין דיזער פראגע. זעהט אויס דעם דר. פרייס איז הויפטזעכליך געלע־גען אין זינען אנצודרייען מיר די אויערן פאר מיין גרויסע חוצפה. ער האט דער־ווילע ניט באמערקט, דאס זיין ארטי־קעל איז ניט קיין צופרידענשטעלענדער ענטפער אויף מיינע טענות.

צו באווייזען די אומווירקזאמקייט פון דעם דזשאינט באארד אף סאניטארי קאנטראל, האב איך איבערגעגעבען א פאקט, דאס אן אינספעקטארין האט א־קיי׳ט א קעלער־שאפ און צו מיר גע־זאגט: „דאס איז ניט אזא שלעכטער שאפ". ענטפערט דארויף דר. פרייס, „אז דאס איז ווארשיינליך געטאן געווא־רען לויט די פארערונגען פון געזעץ". איך גלייב איהם. אבער מיין עצם פראגע בלייבט דאך ניט פארענטפערט. אויב אפילו א קעלער מוז נע׳כשר׳ט ווערען לויט׳ן געזעץ, טא וואס קאן די סאני־טארי קאנטראל אויפטאן צו פארבעסערען דעם סאניטארען צושטאנד אין אונזער אינדוסטריע? וואס טויגען און וואס האבען מיר פון די 35554 אינספעק־שאנס, וואס דר. פרייס באריכטעט, אז אפילו קעלער־שעפער, וואס דארפען אהן שום ספק אויסגעראטען ווערען, איז מען אויך געצוואונגען, לויט׳ן געזעץ, גוטצו־הייסען?

דר. פרייס באשולדיגט מיר אין ניט אויפריכטיגקייט, ווייל איך ווייס בעסער „אז עס זיינען דא א סך טיפע, גאנץ בא־שטימטע עקאנאמישע אורזאכען, וואס האבען געארבייט פאר די צושפליטערונג פון די גרויסע שעפער אויף קליינע". ער זאגט, אז איך זוך צו מאכען דעם דזשא־אינט באארד און סאניטארי קאנטראל פאר׳ן שעיר לעזאזל. אבער איך האב קיינמאל אויף איהם ניט געווארפען די גאנצע שולד. איך האלט אבער, אז דער סאניטארי קאנט־ראל האט א גרויסען חלק אין דער שולד.

ווען דר. פרייס דערמאנט די עקא־נאמישע אורזאכען, ערלויב איך זיך צו פרעגען: וואס זיינען דאס די עקאנא־מישע אורזאכען? דער ענטפער איז פשוט: אין קליינעם שאפ קאן די קלאוקס פראדוצירט ווערען פאר ביליגער ווי אין גרויסען שאפ. אין דער ער־פאלגרייכער קאנקורענץ פון דעם קליי־נעם שאפ געגען גרויסען, שפילט א באדייטענדע ראלע דער אונטערשיד פון די רענט. דער גרויסער שאפ מיט אלע מאדערנע סאניטארע איינריכטונגען איז, צוליב די גרויסע רענט וואס ער קאסט, ניט אומשטאנד צו קאנקורירען געגען דעם קליינעם „סי" און „די" שאפ. דער חילוק אין די רענט מוז ארויפגערעכענט ווערען אויף די גארמענטס. די קלאוקס וואס ווערען פראדוצירט אין סאניטארע שעפער, מוזען קאסטען טייערער ווי די וואס ווערען אויפגעמאכט אין אזא „כשרה" „סאניטארי" שאפ ווי יענער קעלער אין גלענמאר עוועניו. דער רע־זולטאט איז, אז צוליב אזעלכע קעלערס און די פילע אנדערע „סי" און „די" שעפער, ווערען די קלאס „איי" שעפער ביסלאכווייז, איינער נאכ׳ן אנדערען, ארויסגעשטויסען פון ביזנעס.

מעגליך, אז איך האב א טעות, אז דר. פרייס וועט מיר באווייזען, אז די אומסאניטארע שעפער זיינען ניט קיין טייל פון די „עקאנאמישע אורזאכען", וואס האבען מיטגעבראכט צום איצטי־גען צושטאנד. אבער פארלויפיג דענק איך, אז די אומסאניטארע שעפער האבען יע פיל ביינעטראגען צום איצטיגען צו־שטאנד. איך דענק עס אויפריכטיג, צו דר. פרייס וויל מיר יא גלויבען צו ניט.

פון דעם ענטפער פון דר. פרייס לערן איך, אז ער מאכט מיין גאנצע פראגע: וואס טוט דער דזשאינט באארד אף סאניטארי קאנטראל, צו קליינגעלט. טריענדיג צו באווייזען, אז עס זיינען ניטא אזוי פיל אומסאניטארע שעפער, ברענגט ער א ביסעל ציפערן און סטא־טיסטישע פראצענטען. דיזע ציפערען זיינען, אז אונזער קלאוק אינדוסטריע איז באצוג סאניטארע צושטענדע מיט 15 פראצענט ערגער אפ, ווי די דרעס אינדוסטריע. אין דער דרעס אינדוס־טריע זיינען פאראן 77 פראצענט קלאס „איי" און „בי" שעפער און אין דער קלאוק אינדוסטריע נאר 62 פראצענט. אבער איך וויל זיך דא ניט אריינלאזען אין ציפערען. ערשטענס בין איך אין אזעלכע פראגען ניט אין דערהיים. איך בין א פשוט׳ער ארבייטער וואס נעהט אין שעפער, און זעה מיינע שליסע ניט פון ציפערען, נאר פון פערזענליכער ער־פארונג. צווייטענס, ווען נאר עס מאכט זיך א שט־ייט צווישען סטאטיסטיקער, הערען מיר אפט, שוין צו אפט, די טענה, אז סטאטיסטישע ציפערען זיי־נען כחומר ביד היוצר, מען קען זיי צוזאמענשטעלען אזוי, אז מען זאל פון זיי הערען וואס נאר מען וויל...

באזוכענדיג יעדען סיזאן א גרויסע צאהל שעפער אין פארשידענע דיסטריק־טען ווארפט זיך מיר זעהר אין די אוי־גען די גרויסע צאהל פינסטערע שעפער, וואו אפרייטארס נעהען א גאנצען טאג ביי קינסטליכע באלייכטונג. איך זעה פארט אז אנשטאט די פילע גרויסע, ליכטיגע, לופטיגע שעפער — פון 1910 — 1911, האבען מיר היינט קליינע, שמוציגע פיצעלאנציקע בער־רומס, ווי די קלאוק־מאכער רופען עס. דר. פרייס גיט אן די צאהל שעפער פון „סי" און „די" קלאס אלס 627 אדער 38 פראצענט. דאס זיינען אבער בלויז יוניאן־שעפער. צו דיזע צאהל דארף אבער צוגערעכענט ווערען די בי־סעל נאן־יוניאן שעפער אין וועלכע, דר. פרייס זאגט, אז די דזשאינט באארד אף סאניטארי קאנטראל אינספעקטארס קאנען ניט אריינקומען. דער פראצענט שלעכטע שעפער אין אונזער אינדוס־טריע וועט דאן מסתמא זיין אביסעל מעהר ווי 38 פראצענט. איך קאן זיך בשום אופן ניט ערלויבען אזא לאגע צו מאכען צו קליינגעלט.

רעדענדיג וועגען די „עקאנאמישע אומשטענדען" דארף דערמאנט ווערען, אז עס זיינען א ח ץ רענט, פאראן נאך צוויי „אייטעמס" פון קאנקורענץ: דאס איז די „אווערהעד" אויסגאבען און ארבייטס־קאסטען. וועגען די אווערהעד אויסגאבען פאר די משרתים און יוצר־משרתים וואס זיינען דא אין גרויסען שאפ, קאן קיינער דעם באס קיין דעה ניט זאגען. די ארבייטס־קאסטען האט די יוניאן שוין יא צו זאגען. פיהרט טא־קע די יוניאן אן א כסדר׳דיגען הארט־נעקיגען קאמף געגען די ארבייטס־קאנ־קורענץ. אמת, די יוניאן איז ניט שטענ־דיג סוקסעספול, אבער קיינער קאן ניט זאגען, אז די יוניאן קעמפט ניט געגען די קלענערע פרייזען, סיי פון די יוניאן און סיי פון די ניט־יוניאן און קארפא־ריישאן שעפער. אנפאנגענדיג פון דער צייט פון נאך 1910, ווען די יוניאן האט געווינען איבערשטעלען פרייזען, ביז דעם קאמף פאר וואך ארבייט און די איצ־טיגע אנשטרענגונג פון דער יוניאן צו קאנטראלירען די ביכער פון דזשאבער, ער זאל ניט שיקען קיין ארבייט אין קיין ניט־יוניאן שעפער, איז דאס א כסדר׳דיגער קאמף געגען די קאנקורענץ פון קליינעם שאפ אין בעצוג דעם אר־בייטער קאסט.

וואס פאר א הילפע האט די יוניאן אין דיזען קאמף פון דער דזשאינט באארד אף סאניטארי קאנטראל? דר. פרייס פארענטפערט זיך, אז ווייניג פאר־טרעטער קאנען אין קיין ניט־יוניאן שאפ ניט אריינגעהן. אבער דא האנדעלט זיך ניט פון יא קאנען אדער ניט קאנען אריינגעהן אין דעם אדער יענעם שאפ. ערשטענס זיינען אפילו די שעפער, וואו דער סאניטארי פארטרעטער קען יא אריינגעהן, אויך אין א גרויסער צאהל ניט דאס וואס זיי דארפען סאניטאריש זיין. קיינער וועט דאך ניט באהויפטען, אז די „סי" און „די" שעפער זיינען סאניטאריש־אלרייט. צווייטענס, באשטרייט איך דעם פונקט, אז דער דזשאינט באארד אף סאניטארי קאנטראל איז אין גאנצען מאכטלאז געגען די ניט יוניאן שעפער וואו זייער א פארטרע־טער קאן ניט אריינגעהן.

דא דארפען מיר זיך פארשטעהן, וואס מיר ווילען דער דזשאינט באארד אף סאניטארי קאנטראל ז א ל ז י י ן און וואס ער איז איצט.

איך וויל זאגען אפען, אז מיר, קלאוקמאכער, האבען פיל תרעומות גע־גען די ארט און ווייזע ווי דער דזשאינט באארד אף סאניטארי קאנטראל ווערט איצט געפירט. עפעס קאנען מיר ניט פארשטעהן ווארום אמאל איז א קעלער אויך געזעצליך און מען מעג דארט אר־בייטען, און א צווייטען מאל איז א שאפ אויפ׳ן 6טען פלאר צו פינסטער. קומט עס צו א גענעראל־סטרייק און אונזער יוניאן טענה׳ט, אז די באסעס שיקען ארויס די ארבייט אין סוועט־שעפער, קומט דער „מעדיקעל סופערינ־טענדענט" פון דזשאינט באארד אף סאניטארי קאנטראל און לייקענט אפ אין דער פרעסע, אז עס זיינען דא סוועט שעפער. די בעלי־בתים זיינען די איינ־ציגע, וואס ציהען די נוצען פון אזעל־כע פעלע. דאך וויל איך ניט דערמיט באשטרייטען די אויפריכטיגקייט פון „מעדיקעל סופערינטענדענט". איך גלויב נאר אז זיין בליק אויף די ארבייט פון דעם דזשאינט באארד אף סאניטארי קאנטראל איז ניט קיין ריכטיגער.

אין קורצען, ווען איך רעד פון דער ראלע פון דעם דזשאינט באארד אף סאניטארי קאנטראל נעם איך אין אנ־באטראכט, אז דאס איז אן אינסטרו־מענט וואס איז געשאפען געווארען דורך דעם 1910 גענעראל סטרייק, צו זאר־גען פאר די סאניטארע צושטענדע אין די שעפער. מיר האלטען, אז דאס איז און דארף זיין אן אינסטיטוציע וואס, צו אלערערשטען מוז ער זיך זארגען פאר דעם בענעפיט פון די ארבייטער, זיין ארבייט דארף געטאן ווערען אין אנ־קלאנג מיט דיזען געדאנק.

נאטירליך, מיין איך דא ניט דווקא דעם מעדיקעל דירעקטאר, איך מיין אויך דער עקזעקוטיווע פון דעם סאניטארי קאנטראל. די עקזעקוטיווע איז צוזאמ־ענגעשטעלט פון פארטרעטער פון די באסעס, פון דער יוניאן און פון אלגע־מיינעם פובליקום. מילא די פארטרעטער פון די באסעס האבען פיליכט דעם סאניטארי קאנטראל אין גאנצען ניט געוואלט און ווען ער איז שוין יא דא, זיינען זיי צופרידען ער זאל זיין ווי א פאלשער דימענט וואס בליסטשעט פון ווייטען. אבער די אנדערע צדדים אין דער מעדיקאל דירעקטארי טארען ניט שווייגען, ווען זיי זעהען, אז די באסעס מאכען אינסייד שעהנע „שאו רומס" און שיקען ארויס די ארבייט אויסגעמאכט צו ווערען אין שעפער וואו די דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל קאן ניט אריינקומען. איך מיין, אז דער דזשאינט באארד און סאניטארי קאנט־ראל האט געדארפט זיין דער ערשטער צו פאדערען, און צו שאפען א שטימונג פאר אזא פאדערונג, אז קיין באס, מא־נופעקטשורער אדער דזשאבבער, זאל ניט קויפען קיין ארבייט פון א שאפ, וואס האט ניט קיין סערטיפיקיים פון דער סאניטארי קאנטראל. ווען די איניציא־טיווע זאל קומען פון דער סאניטארי קאנטראל, וועט פאר דער יוניאן זיין פיל לייכטער אויסצוקעמפען דאס ביי די בעלי בתים. אבער בעפאר דעם, דארף דער דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל אויסארבייטען א געוויסען סטענדארד פון סאניטארי קאנדישאנס, פון ליכט, לופט און אנדערע סאניטארע נויטווענדיגקייטען. יעצט, ווען אפילו א קעלער־שאפ איז כשר און געזעצליך, איז נאטירליך ניטא וואס צו ריידען פון אזא ארבייט.

מעגליך, אז עס איז דערצו נויטיג צו אמענדירען געוויסע געזעצען פון ניו יארק סטייט, מעגליך, אז עס דארף גע־שאפען ווערען א שטימונג און עס איז נויטיג אנצופאנגען אן עפענטליכען קאמ־פיין. אבער אויך דאס האבען מיר א רעכט צו פארלאנגען פון אונזערע פאר־טרעטער פון פובליקום. זיי, וואס קומען אונז זאגען דעות אין אונזערע קעמפע, וואס „ראטען" אונז איינגעהן אויף קאמ־פראמיסען, דארפען אויך קענען דורך פארשיידענע׳ערליי מיטלען, זאגען א דעה די באסעס, אפצוהיטען די סאניטא־רי קאנדישאנס אין די שעפער וואו זיי שיקען זייערע ראלס ווארע און „קויפען

(שלוס אויף זייט 14.)

עלים איילאנד

(סקיצע)

פון לעבעדיגען

אמעריקא ווייס ניט וואס צו טאן מיט׳ן אימיגראנט.

זי דארף איהם — אבער וויל איהם ניט.

זי קען איהם אויסנוצען — אבער זי האט פאר איהם מורא.

אמעריקא ווארפט זיך מיט׳ן אימי־גראנט, בכלל מיט׳ן פרעמדען, מיאוס און שענדליך.

אמעריקא, וועלכע איז געווארען דאס וואס זי איז פ ו ן אימיגראנטען, צ ו ל י ב אימיגראנטען, מ י ט ׳ ן כ ח פון אימיגראנטען — וויל ניט מעהר קיין אימיגראנטען. דער אימיגראנט פון נעכ־טען וויל ניט דעם אימיגראנט פון היינט.

קאמיש און טראגיש צוזאמען: פאר־וועניר־מעסיג...

איצט פלאנעוועט מען שוין אפצושא־פען עלים־איילענד.

די לעצטע „היים" פאר די אימיגראנ־טען.

און אט אזוי פארשווינדען ביסלאכ־ווייז אלע סימנים פון אמעריקא דאס אי־מיגראנטען לאנד.

ווייל עלים־איילאנד איז דאך אין כונה באשאפען געווארען אלס א מין „הכנסת־אורחים" פאר אימיגראנטען. די ערשטע סטאנציע פאר די פרעמדע איידער זיי באטרעטען זייער לאנג געגארטע נייע היים: אמעריקא.

אבער מיט דער צייט איז די כונה פון עלים איילענד אלס הכנסת־אורחים פאר־שוואונדען, ווי אלע גוטע כונות, און גע־בליבען איז — עלים־איילענד, דער טרע־רען־אינזעל. די אינקוויזיציע פאר אימי־גראנטען...

אבער מיט דעם אפשאפען פון עלים־איילאנד מיינט מען דא ניט צו אפשאפען דעם פלעק אויף אמעריקאנער פרייהייט— נאר מען מיינט דא נאך שענדליכער, נאך מיאוס׳ער צו באהאנדלען די פרעמדע. נאך מעהר צו פארפלעקען אמעריקא׳ס פרייהייטס־פנים.

ווייל, ווי עלים־איילענד איז ניט גע־ווען אן אינקוויזיציע איז עס דאך געווען אויפ׳ן בארדען פון אמעריקא און דער אי־מיגראנט האט געפיהלט, אז ער שטעהט שוין מיט איין פוס אין לאנד, און אויב מען וועט איהם פייניגען אבער סוף־כל־סוף וועט ער דאך זעהן דאס אמת׳ע לאנד.

אבער אהן עלים־איילאנד מיינט עס: מען וועט אונטערזוכען דעם אימיגראנט אויף יענער זייט ים. מען וועט אונטער־זוכען דעם אימיגראנט א ו י פ ׳ ן י ם — איז דאס מיינט שוין גאר אין גאנצען הפקר... הפקר ווי דער ווינט אויפ׳ן ים, הפקר ווי די כוואליעס...

עלים איילאנד פלאנעוועט מען אפצו־שאפען ניט נאר פון ליבשאפט און פיינ־קייט און מענשליכקייט, נאר אויס האס און אנטי־מענשליכקייט. און אויך כדי צו פארשפארען אויסצוהערען טענות.

ווייל צו וואס זאל אמעריקא אויסהע־רען טענות און פראטעסטען פון ענגלאנד און פון נארוועגיען, אז עלים איילאנד איז ערגער ווי דער גיהנום? אז עלים איי־לאנד איז נאך שענדליכער ווי די שיקא־גער „סטאק־יארדס"?

טאקע צו וואס? ווער איז דאס מחויב? אז מען וועט אפשאפען עלים איילאנד וועט ניט זיין צו וואס צו־טשעפען זיך, אויף וואס צו פראטעסטי־רען.

און איך געה נאך ווייטער:

פארוואס זאל אמעריקא אויך שוין ניט אפשאפען די סטאטוע פון פרייהייט? ווער דארף זי איצט?

אויך די „סטאטוע פון פרייהייט" ביים ברעג פון אמעריקא איז בלויז א וויץ אויף דער אמאליגער הכנסת־אורחים פון אמע־ריקא.

ווייל די „סטאטוע פון פרייהייט" האט מען דאך אויך לכתחילה אוועקגע־שטעלט אלס סמל פון גאסט־פריינדליכ־קייט: קומט צו אונז! באזעצט זיך דא, אלע געיאגטע און געקריוודעטע פון דער וועלט, — אמעריקא גיט אייך א היים!

און דער פאקעל אין האנט פון דער סטאטוע האט געלויכטען און גערופען און איינגעלאדען די פרעמדע....

אבער איצט איז עס ניט מעהר ווי חוזק. און פארוואס זאל מען עס ניט ארונטערנעהמען?

און איך געה נאך ווייטער און איך זעה די צוקונפטיגע באנעהמונג פון אמע־ריקא צו פרעמדע נאך אט־אזוי:

א שיף מיט אימיגראנטען וועט מען ערלויבען נאר לאנדען דריי מייל פון ברעג, און דארטען וועלען ארויף די היגע אינ־ספעקטארס און אונטערזוכען די אימיג־ראנטען, און א קליין צאהל וועט מען ער־לויבען צו לאנדען און די איבעריגע וועט מען גלייך ווארפען אין ים...

גרינג, גוט און אהן הוצאות.

און קיינער וועט ניט וויסען, און קיי־נער וועט ניט קענען פראטעסטירען און אפעלירען — א פארגעניגען.

ווייל פון די פראטעסטען איז ניט אויסצוהאלטען.

דערווייל פראטעסטירען בלויז „וואויל־טאג אימיגראנטען".

אבער וואס וועט זיין, אז די ריכטיגע, די היימלאזע אימיגראנטען, די אידען, וועלען אנהויבען פראטעסטירען — דאן וואלט געוועזען הימעל עפען זיך! דאן וואלט די וועלט ערשט דערזעהן דעם ריכ־טיגען פנים פון עלים איילאנד.

ווייל דער ענגלענדער איז בלויז קעג־נער ריח פון עלים איילאנד, עס שמעקט זיי ניט, — אט וואס.

אבער די אידען ליידען פון עפעס מעהר ווי ריח...

קלאוקמאכער ארגאניזיישאן קאמפיין אין לאס אנדזשעלעס אין פולען גאנג

(שלוס פון זייט 1.)

כאטש עס איז שוין זעהר לאנג, ווי א גרויסער מעמבער-מיטינג איז דארט אפגעהאלטען געווארען, אבער דאס מאל איז דער מיטינג געווען זעהר גוט באזוכט, און דער איינדרוק, וואס וויס-פרעז. לעפקאוויטש האט ארויסגעטראגען פון די ביידע מיטינגען, איז א זעהר גינסטיגער פאר לאס אנדזשעלעס. ער האט אויסגעפונען, אז דער זשענעראנטער פעסימיזם, מיט וועלכען פילע האבען זיך ארומגעטראגען, איז נאר געווען אן איבערפלעכליכער; אז די מעהרסטע קלאוקמאכער אין לאס אנדזשעלעס זיינען אין הארצען גוטע, איבערגעבענע יוניאן-לייט. אלע זיינען פערטיג צו קעמפען פאר דער יוניאן. עס איז נאר געווען נויטיג, אז עס זאל קומען איינער, און וועמען זיי האבען דעם פולסטען צוטרוי, אלס פיהרער און ראט-געבער. און פרעזידענט זיגמאנ'ס אויסוואהל פון ס. לעפקאוויטש איז, ווי עס ווייזט אויס, א זעהר געראטענע.

דער פאקט איז, אז כאטש ברודער לעפקאוויטש איז דאס ערשטע מאל אין לאס אנדזשעלעס, דאך די מעהרסטע קלאוקמאכער אין לאס אנדזשעלעס קענען איהם, האבען דעם גרעסטען צוטרוי אין זיינע פעהיגקייטען און איבערגעבענהייט, און דאס מאכט אלעמען פיהלען, אז דער ארגאניזאציאנס-קאמפיין פון די קלאוקמאכער אין לאס אנדזשעלעס איז דאס מאל ניט קיין קאמוואס און וועט זיין א גרויסער ערפאלג.

דערווייל איז שוין געשאפען געווארען אן ארגאניזיישאן-קאמיטע פון 35 מעמבערס, וועלכע זאלען ארבייטען אונטער דער פיהרערשאפט פון לעפקאוויטש'ן, און די ארבייט פון דיזער קאמיטע האט זיך מאקע באלד געלאזט פיהלען.

דינסטאג, דעם 14טען אויגוסט, איז איינבארופען געווארען א מאס-מיטינג, און נאך קיינמאל האט לאס אנדזשעלעס ניט געהאט אזא גרויסען קלאוקמאכער-מיטינג.

לעפקאוויטש האט אין א לענגערערע רעדע ערקלערט די פאליסי פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע איז, אז צוערשט מוז זיין די יוניאן ארגאניזירט, און דאן, אויב אנדערש איז ניט מעגליך, אויפנעהמען א קאמף נעגען די בעלי-בתים. ער האט דאס זיי דורכאויס גאנץ קלאר געמאכט, אז זיי זאלען זיך ניט איינריידען, אז ער איז געקומען ארויסצורופען א גענעראל-סטרייק, און ערשט דורך איהם צו ארגאניזירען די יוניאן. זיין רעדע איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס באגייסטערונג, און עס איז קיין פראגע ניט, דאס די דאזיגע ווערטער האבען געמאכט א טיפען איינדרוק אויף די קלאוקמאכער. איצט זיינען אלע קלאוקמאכער אין לאס אנדזשעלעס פאר דער יוניאן, אבער צי עס וועט קומען צו א דזשענעראל סטרייק צי ניט, דאס וועגדט זיך אין גאנצען אן די מאנופעקטשורער. די יוניאן קען מעהר ניט דולדען און שווייגען, ווייל די לאגע פון דעם קלאוקמאכער אין לאס אנדזשעלעס איז ווירקליך אן אומערטרעגליכע.

אום צו געבען א מעגליכקייט די לאס אנדזשעלעסער באלעבאטים צו קומען מיט דער יוניאן צו א פריידליכען אויסגלייך, האט די יוניאן, פאלגענדיג דער עצה פון וויס-פרעזידענט לעפקאוויטש, באשלאסען ארויסצושיקען בריף צו אלע קלאוק-מאנופעקטשורער, אין וועלכע זיי ווערען אויפגעפאדערט צו קומען צו א פארשטענדיגונג מיט דער יוניאן. די יוניאן גיט זיי צייט צו איבערלייגען זיך ביז דעם 3טען סעפטעמבער. און אויב ביז דאן וועלען די מאנופעקטשורער אדער גאר ניט ענטפערען, אדער ענטפערען, אז זיי האבען ניט ווענען וואס צו פארהאנדלען מיט דער יוניאן, ווי דאס ערלויבען זיך אמאל באסעס, וועלכע זיינען געשטראפט געבאך מיט בלינדקייט, און וויסען קיינמאל ניט, ווי שפעט עס איז, וועט די יוניאן ניט שפעטער ווי דעם 11טען סעפטעמבער רופען די קלאוקמאכער צו א גענעראל-סטרייק.

דער דאזיגער באשלוס איז פעסט, ער האט אויך די פולסטע צושטימונג פון פרעזידענט זיגמאן און פון אונזער גאנצען דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

ערשט ארויס פון דרוק!

קאמוניסטען וואס האבען אויפגעגעסען דעם קאמוניזם

פון דר. ב. האפמאן (צביון)

מיט פאלגענדען אינהאלט:

פארוואָרט; לינקע און רעכטע; קאמוניסטען און סאציאליסטען; קאמוניזם און יעזואיטיזם; פארטיי און קליקע; די רעוואלוציע פון דער שפאלטונג; דער פאראייניגטער פראנט; די באציאונג צו רוסלאנד; שלום-ווארט.

פרייז 30 סענט

צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען. הויפט-פארקויף ביי לידסקי, גורעוויטש'עס בוכהאנדלונג, 202 איסט בראדוויי, ניו יארק.

אינשורענס
פאר
קלאוקמאכער

לעבענס פארזיכערונג
20 יאהר ענדאומענט
20 יאהר פיימענט

פאול מעטץ
איצט מיט דער
ניו יארק לייף אינשורענס קאמפאניע
110 איסט 23טע סטריט
טעלעפאן: גראמערסי 4224.
הויז אדרעס: 2008 דיילי עוו., בראנקס, טעל.: פארדאם 7619.

ווילט איהר ווערען א סיטיזען?

מאכט ניט קיין שריט אהן דיזען ביכעל.

דער ניט-בירגער שטעלט זיך געווענליך פאר, אז צו ווערען א בירגער איז זעהר, זעהר שווער. ער ווייס, אז מען מוז קענען ענטפערען אויף געוויסע פראגען, שטעלט ער זיך פאר: א שווערער עקזאמען. און אזוי ווי צו שווערע זאכען כאפט מען זיך ניט, ווערט ער ניט קיין בירגער.

אין דער אמת'ן איז ניט שווער צו ווערען א בירגער.

נאטירליך, עס פאדערט זיך, אז מען זאל וויסען, ווי אזוי די אמעריקאנער רעגירונג ווערט נעפירט, ווי אזוי די געזעצען פון סטייט און שטאדט ווערען פארוואלטעט, אבער אום דאס צו וויסען דארף מען ניט ענדיגען א קאלעדזש.

פאר דיזען צוועק האט די נעטשוראליזיישאן אייד ליגע ארויסגעגעבען א גאנץ נייעם ביכעל, וועלכער הייסט „דער אמעריקאנער סיטיזען“. אין דיזען ביכעל איז אנגעגעבען אלעס וואס מען דארף וויסען צו ארויסנעהמען די ערשטע און צווייטע סיטיזען פייפערס. די נעטשוראליזיישאן געזעצען זיינען אין דיזען ביכעל ערקלערט אין א פארשטענדליכער אידישער שפראך און ניט א פאלשטענדיגען באגריף וועגען אלעס וואס אנבאלאנגט בירגערשאפט.

אויסער דעם ענטהאלט דיזער ביכעל די פראגען, וועלכע ווערען געשטעלט אין קאורט צו די יעניגע, וועלכע נעהמען ארויסצונעהמען סיטיזען פאפירען. די פראגען זיינען איבערגעגעבען אין ענגליש, אידיש און ענגליש מיט אידישע בוכשטאבען פאר די, וועלכע קענען ניט נעגוג די ענגלישע שפראך.

דאס איז דער בעסטער סיטיזען ביכעל אויף דער אידישער גאס. דער פרייז פון ביכער איז 15 סענט. די וואס ווילען עס האבען צוגעשיקט ביי מייל זאלען צושיקען פאר 17 סענט סטעמפס אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

NATURALIZATION AID LEAGUE, 175 East Broadway, New York, N. Y.

דעזיינערס פון

פרויען קליידער ווערען א סך פארלאנגט

א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען!

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באלדיגע פאזישאן און א גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקוהל און גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גרידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עצבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מעטאדען
בעסטע רעזולטאטען

פריוואט אונטערריכט. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציאן.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקול.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

15 WEST 37th STREET, NEW YORK

Phone: Fitz Roy 1674

אויגען עקזאמינירט מיט די נייעסטע אינסטרומענטען —

אין דר. בעקער'ס אפטיקעל אפיסעס נעהמט מען ניט קיין טשענסעס. דערפאר איז עס זיכער, אז דר. בעקער'ס ברילען זיינען אן אמת'ע הילף פארן אויג: זיי פארשטארקען די זעה-קראפט און באפרייען דאס אויג פון אנשטרענגונג.

אלע ארבייטען ווערען געמאן אונטער דר. בעקער'ס פערזענליכער אויפזיכט, מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט.

מאנהעטען:
213 איסט בראדוויי — 2313 זיבעטע עוו.
131 סעקאנד עוו. (קאר. 8טע סט) — (צווישען 135טע און 136טע סט.)
111 איסט 23טע סט. (נעבען 4טע עוו.) — 100 לענאקס עוועניו

בראנקס:
895 פראספעקט עוו. — 262 איסט פארדאם ראוד

ברוקלין:
1709 פיטקין עוועניו.

Dr. BARNETT L. BECKER
OPTOMETRIST OPTICIAN

פרעסער

מיר בעטען אייך, אז איהר זאלט לייענען דיזען לעטער מיט אפענע אויגען, ווארים מיר ווילען פארהיטען אייער געזונט.

איהר זאלט וויסען, דאס די ווייער-ברעטלאך צו פרעסען וועלוועט און ביליוויע וואס מיר האבען ביז יעצט געמאכט פאר די שעפער, זיינען געמאכט געווארען אזוי, דאס ווען די מאשינען זעצען אריין די ווייער באגיסט מען מיט א סך צעמענט און מען קלעפט צו מיט א לייוועגט, אום די ווייער זאל ניט ארויסקריכען צוריק.

דיזער צעמענט איז געמאכט פון א ברענענדע שטאף וואס באזיצט זעהר א שווערען גערוך, און ווען איהר פארעט דאס מיט וואסער און מיט הייסען אייזען, געהט אייך אריין דער גערוך אין הארצען, וואס דאס קען זיין שעדליך.

זאגאר פילע ארבייטער פון אונזער שאפ האבען זיך באקלאגט אויף א הארץ-שוואכקייט. אן אונטערזוכונג פון א דאקטאר האט געצייגט, דאס די שטארקייט פון דעם צעמענט שאדט דאס הארץ און די אויגען. אונזערע ארבייטער רופען דאס אן „קאנסאמפשאן-ברעטלאך“.

מיר האבען די לעצטע צייט גענומען צוקלאפען די ווייער-ברעטלאך אויף פראסטע שטיקער האלץ. נאר יעדע האלץ האט אין זיך א געוויסע צאהל פעך, און ווען איהר צעווארימט די צעמענט פון דער ווייער-ברעטעל און די האלץ, איז דער גערוך זעהר שעדליך פאר אייער געזונט! מיר האבען געאפערט שווערע געלט צו מעכאניקער זיי זאלען געפינען א מיטעל צו מאכען א ווייער-ברעטעל אהן צעמענט און אהן האלץ, אבער עס איז געווען זעהר שווער אויסצוארבייטען.

אבער יעצט קענען מיר אייך אנזאגען א גרויסע שמחה, דאס מיר האבען יעצט באקומען א נייעם פעטענט אויף א ווייער-ברעטעל, וואס קיין צעמענט און קיין האלץ ווערט ניט געבדויכט דערצו — מיר האבען ערפונדען אזא סארט לייווענט, וואס איז געמאכט פון קופער, און מיר האבען איינגעפיקסט מאשינען, וואס טשעפען-צו די ווייער ברעטעל צו די קופער-לייוועגט און עס קומט ארויס גוט און ציכטיג — א געזונט אין הארצען!

די ווייער-ברעטלאך זיינען ווייך און מען קען זיי בויגען ווי מען וויל, און די גרעסטע סייז וועגט נאר 2 פונט אנשטאט וואס די שטיקער האלץ וועגען 16 פונט. איהר וועט באוואונדערען די צופרידענהייט פון אונזער נייעם פעטענט, וועלכער איז א וואונדער פון דער צייט, און דערצו איז דאס אזוי שטארק, דאס עס קען איבערלעבען 10 ברעטלאך פון דעם אלטען סטייל. מיר געבען אייך אן עצה — ווארפט אראפ פון אייער ארבייטס-טיש די שווערע הילצערנע ברעטער. ווארפט אויך אראפ די שמוציגע, פארפעכטע לייוועגט, וועלכע עס עקעלט אין האנד צו נעמען. שרייט אין איין קול: „נידער מיט די האלץ! נידער מיט די נעפעכטע לייוועגט!“

אויב מען דארף ביי אייך אין שאפ א ווייער-ברעטעל צו פרעסען וועלוועט, פלאש אדער ביליוויע, קויפט אונזער נייעם פעטענט די קופערנע לייוועגט.

מיר לאדען איין אלע פרעסער און דעזיינערס, ווי אויך אייערע באסעס, זיי זאלען קומען זעהען אונזער נייעם וואונדערבארען פעטענט ווייער-ברעטעל, וועלכער וועט זיין א געזונט אין הארצען דעם פרעסער און געזונט אין פאקעט אייער באס, ווייל עס קאסט ניט טייערער פון די אלטע שמאטעס.

עס איז אנערקענט געווארען אין די גרעסטע שעפער פון ניו יארק פאר די בעסטע ברעטלאך, וואס איז ווען געווען.

צו באקומען ביי די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבאארד קאמפאני, 123 פינפטע עוועניו, ניו יארק. טעלעפאן אשלאנד 2220.

ביטע פריינדליך, גיט דיזען לעטער צו אייער באס. אדוו.

וואס אמאל אין א יוניאן קען פאסירען

פון ל. הײמאן, מענעדושער לאקאל 9.

מיר האבען א מיטבער, וועלכער פארשאפט אונז אהן א שיעור איבגאקוועמליכקייטען. ער'ט איינגאר אײפגעהויבען די הענט און טאקע אראפגעלאזט פײערדיגע פעטש אן ארבייטער פון שאפ וואו ער'ט געארבייט. אין אפיס האט ער שוין צוויי מאל צובראכען די ווינדאוס. פארשטעהט זיך, אז מיר האבען איהם ניט געגעבען קיין קניפ אין בעקער פאר זיין שעהנע אייפפירונג. די גריוועגס קאמיטע האט איהם ריכטיג שטענדעט. אבער דאס איז אזא איד, וואס קיין נעים שטראף יעט איהם בעסער ניט מאכען. רעטעט וואך האב איך ווידער געהאט טראבעל מיט דעם דאזיגען פארשוין. די מיטבעריטיש קאמיטע האט איהם געהייסען באצאהלען, ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי א הונדערטער פאר א נייעם ביכעל. געדענקט האבען זיי, אז ער וועט ניט וועלען באצאלען און מיר ווערען פטור ווערען פון איהם אינגאנצען. אבער ניין, דער איד איז געקומען און ווי באצאהלען. מילא, פארפאלען. ווי איך איהם שוין געבען דעם ביכעל, ווי ער אבער, אז איך זאל איהם געבען א וואירקינג קארד פאר דעם שאפ וואו ער'ט געארבייט לעצטען סיזאן. זאג איך איהם, אז דאס ניט! דארטען אין שאפ וועט איך דיר ניט ערלויבען צו ארבייטען — די ארבייטער פון דעם באטרעפענדען שאפ זיינען געגען דיר — און זיי ווילען מיט דיר ניט ארבייטען. דער איד האט גערעדט, געבעטען און געטענה'ט. עס האט ניט געהאלפען. איך האב איהם קיין וואירקינג קארד ניט געגעבען און ער איז אוועק.

אין א פאר טעג ארום, ער איז ווידער דא! קומט אריין צו מיר אין רום, רעדט אזוי שטיל, געלאסען, אזוי אינטערטענינג. איך האב געדענקט, אז ער הויבט אן צו ווערען א מענש אויף דער עלטער. פּלוצלינג דערלאנגט ער מיר א פּנאק מיט אן אמברעלא איבער'ן קאפ און נעמט שרייען מיט ווילדע קולות, אז איך שלאגט איהם! אויף זיינע קולות זיינען זיך אנגעלאפען הונדערטער מענשען, ס'איז געווען האלב נאך פינף אזייגער, און אלע, וועלכע זיינען געגאנגען פון דער ארבייט האבען זיך אפגעשטעלט און ארויפגעקוקט צו זעהן וואס עס קומט פאר. נאטירליך, האט אויך ניט געפעלט קיין „בראער ראק". ווען א פאליסמאן איז אריין אין אפיס אויסצוגעפינען וואס דא איז פארגעקומען, האב איך איהם געהייסען דעם אידיש ארעסטירען, וואס ער האט געטאן. אין קאורט האט דער דושאדוש איהם געפונען שולדיג, און אונזער לאָיער האט מיר געזאגט, אז ער קען איהם אוועקשיקען פאר 30 טעג אין „רושייל", נאר ברודער קאפלאוויץ איז געגען פארשיקען קלאוקמאכער אין רושייל. איך האב דעם לאיער ערקלערט, אז איך בין איינשטימיג מיט ברודער קאפלאוויץ'ן, אז עס פאסט ניט פאר'ן מענעדושער פון דער יוניאן צו פארשיקען א מעמבער אין „רושייל". אבער דיזער אויםוואורף, נאך דעם ווי ער האט מיר דערלאנגט מיט'ן אמברעלא, האט דאך געקומען שרייען: פאליס, מערדער! און ווען די פאליס זיינען געקומען, איז ווען איך ארעסטיר איהם ניט, וואלט ער דאך מיר ארעסטירט. (אגב: ער האט שוין מיט א יאהר צוריק צוגערופען א פאליסמאן און האט מיר געוואלט ארעסטירען, נאר דער פאליסמאן האט ניט איינגעזעהן פארוואס מיר קומט ארעסטירט צו ווערען. ער האט אויך גערופען א פאליסמאן צו ארעסטירען א טשערמאן פון א שאפ, ווייל יענער האט איהם ניט געוואלט לאזען ארבייטען אהן א וואירקינג קארד).

אפשר רעדענקט איהר, אז ער איז אן ארעמער קלאוקמאכער, מאכט איהר א טעות. דער איד איז אנגעשטאפט מיט געלט, האט א סטאר מיט א הויז אין ניו דושוירזי. ווען ער האט געוואלט באצאהלען פאר'ן ביכעל, האב איך געפרעגט, וואו ער נעמט אזייפיל געלט, אז ער געהט ארום ליידיג, האט ער מיר געוויזען טשעקס אויף אכט טויזענט דאלאר, א חוץ די קעש, וועלכע ער האט געהאט. ווי איהר זעהט, האבען מיר דא צו טאן ניט מיט קיין געוויינליכען קלאוקמאכער און איך בין געווען ברייט צו פארבייגען דעם פרינציפ אין דיזען פאל און געבען אזא פאסקודנאק א לעסאן. דער לאיער האט אבער ערקלערט, אז אהן קאפלאוויץ'ן קען ער אזא זאך ניט טאן. קאפלאוויץ איז געגען און „דאס'ס'אל". איצט ווען דער איד וועט ווידער קומען מיר בארערען וועגען א וואירקינג קארד, וויל איך איהם שיקען צו קאפלאוויץ'ן זאל ער זעהן ווי שווער עס איז צו האלטען זיך ביי א פרינציפ.

* * *

קומט אריין א יונגערמאן: — איהר קענט מיך אודאי ניט, אבער איך קען אייך יא. איך האב אייך נאך געהערט „ספּיטשען" אין 1912, און ווינט דאן הער איך אייך אפט, און הלואי וואלטען אלע געווען אזעלכע פיינע און גוטע מענשען ווי איהר זיינט, וואלטען מיר א גאנץ אנדער פנים געהאט. און ער צערעדט זיך אין א לויב געזאנג פאר מיר, ווייס איך שוין, אז מיין בחור האט שוין געמיוט אפטאן א מיאוסע שטיקעל ארבייט; ווייל געוויינטליך ווען א קלאוקמאכער קומט אריין מאכען א קאמפליימענט, רעדט ער גאנץ אנדערש.

— איהר זייט דאך זיכער — זאג איך — ניט געקומען מיר דערציילען מיינע מעלות, זאגט מיר בעסער וואס איהר פארלאנגט, ווייל איך האב קיין צייט ניט.

— יעס, — פאנגט דער יונגערמאן אן — איך בין שוין אן אלטער יוניאן מאן, נאר ניט אין אייער יוניאן, באלאנגען באלאנג איך צו דער אמאלגאמייטעד, פרעגט אויף מיר דעם־און־דעם.

און ער רעכענט מיר אויס א צעטעל מיט גדולים, וועלכע קאנען איהם פאר א פיינעם מאן, און ער איז געווען אקטיוו אין דער יוניאן, און ער צולאזט זיך מיר צו דערציילען די וואונדער וואס ער האט אויפגעטאן, ווער ווייסט ווי לאנג ער וואלט אזוי גערעדט וועגען זיך, וואס פאר א פיינער מאן ער איז, ווען איך וואלט איהם ניט אינטערבראכען, אז ער זאל מיר זאגען וואס ער פארלאנגט און אויפהערען מיר צו דערציילען זיין יחוס.

„מיט 2 יאהר צוריק בין איך ארויף ארבייטען ביי קלאוקס אין דעם שאפ וואו איך ארבייט איצט. ביי מענער ארבייט איז געווען סלעק, און איך האב ניט געקאנט קריגען קיין דושאב, ארויסגענומען א ביכעל. האט מען ביי מיר גענעמען א סך געלט, האט דער פארמאן מיר געזאגט, אז איך דארף ניט געבען, ער'ט מיר קריגען א ביכעל אהן א סענט געלד... און ער האט טאקע מיר געגעבען א ביכעל — א צווייטען ארבייטער'ס ביכעל. איך האב געצאהלט דיוס און אסעסמענטס אויף דיזען ביכעל די גאנצע צייט, און האב זיך גערופען אין שאפ נאכ'ן נאמען פון ביכעל.

„איך מוז אייך זאגען, אז אזוי ווי איך בין אן ארענטליכער מענש, האט מיר מיין געוויסען געפלאגט, וואס איך דארף ארבייטען מיט א גע'גנב'עטען ביכעל און האב זיך געקליבען צו קומען צו אייך און דערצעהלען דעם אמת, נאר איך האב מורא געהאט, אז איך וועל פארלירען דעם דושאב דורכדעם. יעצט האט א ביזנעס־אײדושענט אויסגעפונען, אז דער ביכעל איז ניט מיינער און ער האט מיר געסטאפט פון דער ארבייט, בין איך צופרידען וואס די זאך איז ענטדעקט געווארען. וואו איז אבער די גערעכטיגקייט? איך האב דאך געצאהלט די גאנצע צוויי יאהר דיוס און אסעסמענטס. איך בין וויליג צו נעהמען א ביכעל און ווייטער צאהלען דיוס, אבי מען זאל מיר לאזען ארבייטען, און איך פארלאנג, אז איהר זאלט מיר ערלויבען צו ארבייטען און איך וועל ארויסנעהמען א ביכעל".

ווען איך האב דעם יוניאן־מאן ערקלעהרט, אז איך וועל איהם ניט ערלויבען צו ארבייטען און וועל איהם ניט געבען קיין ביכעל; ווען איך האב איהם געזאגט, ער זאל געהן צוריק צו מענער ארבייט, — האט איהר בעדארפט הערען ווי געשווינד ער האט געביטען די מיינונג וועגען מיר. איך בין געווארען אויס פיינער מאן, א דושאב־האלדער, א מערדער, אן אנגעפרעסענער פאליטישען, וועלכער גלויבט ניט א הונגעריגען ארבייטער, און וואס ניט?

נאר ס'האט איהם גארנישט געהאלפען. ער האט געמוזט ארונטער פון פלאר, און דער פארמאן, וועלכער האט איהם געגעבען דעם ביכעל, איז שטראפירט געווארען מיט 50 דאלאר.

* * *

ס'איז א שלעכטער סיזאן. פילע מעמבערס געהען ארום אהן ארבייט. מען איז צופרידען צו קריגען אירגענד וועלכען פלאץ — זאל זיין א טאג אדער צוויי אין א וואך ארבייט, אבי עפעס פארדינען. דאך זיינען פאראן שעפער, וואו מען ארבייט אווערטיים — נאטירליך, אהן דעם וויסען פון דער יוניאן. ווען די יוניאן דערוויסט זיך פון אזא פאל, סטאפט מען אפ דאס ארבייטען פון אווערטיים, סיידען עס ווערען באזעצט אלע פלעצער אין שאפ.

איידער די יוניאן דערוויסט זיך כאפט מען אריין עטליכע אווערטיימס, און דאס איז זיכער א פארברעכען. פאראן קלאוקמאכער, וועלכע טוען נאך ערגער. אט האב איך געקראגען א קאמפליינט, אז א מעמבער אתוערער, וועלכער ארבייט בייטאג אין א יוניאן־שאפ, נעהמט אריין צו פינישען ארבייט פון א סקעב־שאפ, און ער זיצט ביינאכט, מיט דער פרוי און קינדער, און פינישט קלאוקס. איך האב אין אוועק אונטערגעשיקט א מעמבער פון דער דושענעראל ארגאניזיישאן קאמיטע און ער האט געטראפען ביי דיזען פינישער אין הויז א גאנצע פעקטארי, א בארג קאוטס איז געלעגען אויפ'ן פלאר און מען האט געשמאק געארבייט. דער פינישער וועט, נאטירליך, גערופען ווערען פאר דער גריוועגס קאמיטע און ער וועט שוין קריגען זיין פארדינטע שטראף.

אבער דערמיט וואס מיר וועלען שטראפירען דיזען מעמבער און אפּשטאפען איהם פון נעהמען אהיים ארבייט וועלען מיר נאך קיין סך ניט אויסטאן צו סטאפען דעם איבעל אין אלגעמיין. מיר ווייסען זיכער, אז דיזער אידעל איז ניט דער איינציגער, וועלכער איז פעהיג צו באגעהן אזעלכע געמיינהייטען. צום באדויערען, זיינען פאראן גענוג אזעלכע, וואס פארטראטען די יוניאן־פרינציפען, און מיר מוזען שטענדיג זיין אויף דער וואך צו העלפען אויפפאסען, אז יוניאן־קאנדיציאנען זאלען אפגעהיט ווערען. האבען מיר געשאפען א דושענעראל ארגאניזיישאן קאמיטע, וועלכע טוט גוטע ארבייט. אבער די ארבייט, וואס איז געטאן געווארען ביז יעצט, איז ניט ווירקזאם גענוג. כדי די דושענעראל ארגאניזיישאן קאמיטע זאל קענען טאן די נויטיגע ארבייט, דארף זי פארגרעסערט ווערען אם ווענינגסטענס ביז 500. אונזער סלאגאן איז יעצט — אן ארגאניזיישאן קאמיטע פון 500 צו פארניכטען סקעב־שעפער און אויפהאלטען יוניאן־קאנדיציאנען. איך רעכנט ניט, אז דאס איז אונמעגליך. פון 7000 מעמבערס דארף מען קענען קריגען כאטש 500, וועלכע זאלען אנשטאט צו גראמבלען, אז ס'איז שלעכט, ווי עס טוען געוועהנליך אונזערע מעמבערס, זיך נעהמען בעסער צו דער ארבייט און טאן עפעס די לאגע צו פארבעסערען. ווען אונז וועט געלינגען צוזאמענצושטעלען א קאמיטע פון 500 און זי וועט טאן די ריכטיגע ארבייט, וועט עס זיכער האבען א ווירקונג אויף די איבעריגע לאקאלען אויך און זיי וועלען נאכטאן א גוטער ביישפיל. און דאן וועלען מיר אין די וואכענטעג, שבתים און זונטאגס, מאכען „אבלאוועס" אויף די שעפער, און מיר זיינען זיכער, אז אין גאר א קורצער צייט וועלען מיר אפגעוואוינען די קלאוקמאכער פון צו ארבייטען אונגעזעצליכע שטונדען און פון באגעהן אנדערע פארברעכענס געגען דער יוניאן.

זאל יעדער מעמבער פון אונזער לאקאל, וועלכער פיהלט זיך פעהיג צו טאן די ארבייט, זיך מעלדען אין אפיס, 228 צוועלפטע עוועניו, און זיך זעהן מיט'ן מענעדושער.

* * *

א גרופע מעמבערס פון אונזערע סעקשאנס האבען געגעבען א טעאטער־פארשטעלונג פאר דעם 14טען נאוועמבער אין אירווינג פלייס טעאטער. דער בענעפיט איז פאר ברודער בלעכער, אן אלטער מעמבער, וועלכער איז געווען אקטיוו אין דער יוניאן. ברודער בלעכער'ן האט געטראפען אן אומגליק; ער איז בלינד געווארען, און די דאָקטוירים זאגען, אז ער וועט שוין קיינמאל ניט זעהן. מען מוז דעריבער פאר איהם קויפען עפעס א שטיקעל ביזנעס, וועלכע זיין פרוי זאל קענען אטענדען און מאכען עפעס א לעבען פאר איהם מיט די קינדער. דער דושאינט באארד האט פארשפּראכען צו שטיצען און טאן אלעס צו העלפען, אז דיזע אונטערנעהמונג זאל זיין אן ערפאלג.

מיר אפעלירען צו די טשערליים, אז זיי זאלען העלפען פארקויפען די טיקעטס.

ווייסט איהר, אז

גלויבענדיג, דאס די פאליס אין די אידישע קווארטאלען, אום ריכטיג צו ערפילען זייער אויפגאבע, דארפען קענען די שפראך פון דער אידישער באפעלקערונג, האט די פוילישע רעגירונג בעלאזט באשטעלען א ביכעל צו לערנען אידיש פאר די פוילישע פאליציי אין ווארשע! ווייסט איהר, אז געוועהנליכע סיגארעטען ענטהאלטען געוועהנליכען טאבאק, אבער מיוראד סיגארעטס האבען דעם בעסטען טערקישען טאבאק. וואס וואקסט אין אריענט?

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 איסט 23טע סט., ניו יארק

א בעסערע צוקונפט פאר שניידער

אין דער וועלט האבען מיר צוויי סארטען מענשען: איינער שטרעבט צו בויען און מאכען דאס לעבען מעהר מענשליך, דער צווייטער זוכט צו פארניכטען. דאס זיינען די יעניגע, וועמעס גאנצער שטרעבען איז אויסצוגעפינען אלץ נייערע און מעהר שרעקליכערע פארניכטונגס־מיטלען, וועהרענד די אנדערע זוכען אימער אויסצוגלעטען א וועג פאר דעם מענשליכען ערפאלג מיט פרידליכע און פארנינפטיגע מיטלען. פראפעסאר אנגאסטין ד'אלעויא געהערט צו דער לעצטער קאטעגאריע. אין די 25 יאהר פון זיין ארבייט האט ער געזוכט צו מאכען לייכטער און צוגענגליכער פאר דעם שניידער די העכסטע טעכניק און קונסט פון זיין קלאס. ער האט אין דעם געהאט ערפאלג. ער האט געפונען א נייע מעטאדע פאר דער פראפעסיע, וואו די מאטעמאטישע אויסגערעכענטקייט און די עסטעטיק ווינען הארמאניש פאראייניגט. און אזוי האט ער דערגרייכט די העכסטע פאלקאמענהייט אין זיין ליין.

אונטער דעם סיסטעם זיינען גאנץ וועניג לעסאנס נויטיג, אום אויסצובילדען אן ערשטען קלאס קליידער־קאטער פאר מענער, פרויען און קינדער. און כדי צו איבערצייגען די, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אין דער מעגליכקייט פון פּראַפעסאר ד'אלעויא'ס מעטאדע, ווערט געגעבען א פרייער לעסאן צו אלע אפליקאנטען, אזוי, אז זיי זאלען קענען האבען א קלארע אידעע פון זיין סיסטעם און זיין ווירקזאמקייט.

דער פולער קורס איז פארהעלטניסמעסיג קורץ פון דעם שטאנדפונקט פון צייט, און ביים סוף פון קורס קריגט דער אפליקאנט א דיפלאם, אין וועלכען עס ווערט באשטעטיגט זיין פעהיגקייט אלס קאטער. דער דיפלאם פון דער ד'אלעויא־סקוהל איז אנערקענט אין יוראפ און אין אמעריקא, וואו די מעטאדע איז געזעצליך קאפּירייטעד און ווערט הויך געשעצט.

די מעטאדע פון ד'אלעויא גיט די מעגליכקייט דעם אויסשטודירטען צו פראקטיצירען זיין פראפעסיע, לויט דעם אמעריקאנער סיסטעם פון מעסטען; אדער, אויב ער ווינשט, קען ער זיך באנוצען מיט דעם איטאליענישען סיסטעם, וואס איז אביסעלע אנדערש.

יונגע מענער און פרויען דארפען זיך באנוצען מיט דער זעלטענער געלעגענהייט, איבערהויפט די, וואס דענקען וועגען זייער צוקונפט. דאס גליק שמייכעלט אימער נאר צו יענע, וואס האבען גענוג שכל צו זוכען די דירעקטע מיטלען צו פארבעסערען זייער לאגע אין לעבען, איידער צו פארשווענדען עס אין נארנים. דער געוועהנליכער לעבענס־וועג קען אויך געבען ברויט, אבער ער האט ניט קיינע גליקען סיידען נאר פאר די, וואס זיינען ספעציאליסטען. דער מוסר השכל דערפון איז: לערנט א ספעציאליטעט דורך די מעטאדע פון ד'אלעויא סקול. די סקול איז לעבען מס'אלפין האטעל, 44 וועסט 34טע סטרים.

אין דער ד'אלעויא אקאדעמיע זיינען דא סטודענטען פון יעדער ראסע און שפראך: אירען, דייטשען, אמעריקאנער, איטאליענער באנוצען זיך מיט דער ד'אלעויא־קונסט, וועלכע איז אוניווערסאל, און פאראייניגט די ראסען פון דער וועלט אין איין פאמיליע. פראפ. ד'אלעויא, וועלכער האט געלערנט אזוי פיל יאהרען מיט גרויסען ערפאלג, האט באמת פארדינט דעם דאנק און דעם גוטען ווילען פון הונדערטע מענער און פרויען, וועלכע שטעהען אין סאמע פראנט פון זייער פראפעסיע, א דאנק זייער מעטאדען און פערזענליכען אינטערעס. (ארוו.)

וואס דער דושאינט באארד און סאניטארי קאנטראל טוט ניט און דארף טאן.

(שלוס פון זייט 12)

צוריק" די פארטינע ארבייט, און אויך העלפען דער יוניאן צו קאנען באשטראפען די באסעס וואס זיינען עובר אויף דיזען פונקט.

דער דושאינט באארד און סאניטארי קאנטראל, דארף נאך מיין מיינונג זיין אן „אקזילערי אינסטיטושאן" צו העלפען דער יוניאן אין איהר קאמף געגען די פאסקודנע נים־יוניאן שעפער, צו העלפען דער יוניאן, אז די מענשליכע אוצרות, ווי אויגען, לונגען און אלגעמיינער געזונט זאל אפגעהיט ווערען. די מענשליכע אוצרות זיינען פונקט אזוי וויכטיג ווי די נאטירליכע אוצרות פון לאנד און די פארטרעטער פון פובּליקום דארפען ענערגיש קעמפען פאר דאס ערשטע, פונקט ווי זיי קעמפען כסדר פאר דאס לעצטע. נאר דאן וועט דער דושאינט באארד און סאניטארי קאנטראל ווירקליך ווערען דאס, וואס מען האט געהאפט ער זאל זיין, דאן ווען מען האט איהם געשאפען.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ״ז, ו.)

אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. V. No. 35. | New York, Friday, August 31, 1923. | פרייטאג, 31טען אויגוסט, 1923. | PRICE 3 CENTS

אינטערנאשאנאל זיעג טאג-געשפרעך אין שיקאגא

אין אונזערע נייעס פון לעצטער וואך וועגען די אינדזשאנקשאנס אין שיקאגא, האבען מיר געמאכט א קליינעם פעהלער דורך א מיספארשטענדניש פון א טעלעגראמע. דער סטייטקאורט האט זיך ניט ענטזאגט ארויסצוגעבען אין גאנצען אן אינדזשאנקשאן צו די 10 דרעס מאנופעקטשורערס, נאר זיין אינדזשאנקשאן איז געווען פיל מילדער ווי דער פעדעראל אינדזשאנקשאן. לויט דעם אינדזשאנקשאן מעג מען יע ריידען, נאטירליך פרידליך-מאנירליך, מיט אן ארבייטער וועגען ארייננטרעטען אין דער יוניאן.

און אין דעם זעלבען זין האט דזשאדזש קליף, פאר וועמען עס איז פארגעקומען דער פארהער וועגען דעם פעדעראל אינדזשאנקשאן געענדערט דעם אינדזשאנקשאן פון דזשאדזש קארפענטער. לויט דעם נייעם נוסח פון דעם אינדזשאנקשאן וועט באס מיטשעל מוזען קענען פארטראגען אז יוניאן-לייט זאלען שטעהן ארום זיין שאפ און זאלען מעגען ריידען מיט זיינע אונטערטאנען, די ארבייטער. פראקטיש איז עס דאסזעלבע, אזוי ווי דער אינדזשאנקשאן וואלט איינגאנצען בטול געווארען, נאר דזשאדזש קליף האט מסתמא ניט געוואלט צו שטארק ערגערען זיין קאלעגע, דזשאדזש קארפענטער, האט ער איבערגעלאזען בלויז די שאלעכץ פון אינדזשאנקשאן, און ארויסגענומען פון איהם זיין גאנצע גיפטיגע יאדרע.

עס איז אלזא קלאר, אז די אינטערנעשאנאל האט אויסגעפירט. זי האט צו איהר קרעדיט, דאס מיט איהר קאמף געגען דעם אינדזשאנקשאן האט זי ממש גאראנטעוועט דאס רעכט פון פרייער רעדע און פרייער פארזאמלונג און דאס רעכט צו ארגאניזירען די ארבייטער אין א יוניאן.

א גרויסער טייל פון דעם קרעדיט אין דעם קאמף קומט גאמפערס'ען. מיר האבען שוין באריכטעט וועגען דעם ערשטען

(שלוס אויף זייט 13.)

פרעזידענט זיגמאן'ס באזוך אין שיקאגא מאכט א טיפע ווירקונג

דער הויפט-ציל פון פרעז. זיגמאן'ס פארצען באזוך אין שיקאגא איז פולשטענדיג דערגרייכט געווארען. ער האט קלאר געמאכט פאר אלעמען סיי שריפטליך, דורך דעם שיקאגא'ער „פארווערטס", און סיי מינדליך אויף פארשיידענע מיטינגען, אז וויס-פרעזידענט פערלשטיין האנדעלט אין פולשטענדיגען איינקלאנג מיט דעם באשלוס פון דזשענעראל אפיס פון דער אינטערנעשאנאל; אז ער איז ניט דער ריקטאטאר, ווי פאסטער און זיין חברה טרייען איהם אויסצומאלען, און אין וועמען זיי האבען געהאלטען אין איין שיסען זייערע פארגיפטעטע פיילען.

איצט ווייס יעדער, אז פערלשטיין ערפילט נאר זיין פליכט, אלס איינער פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל און ברודער פאסטער האט זיך געמאכט בלויז נאריש, ווען טרעפענדיג זיך מיט איהם אויף א מיטינג פון דער שיקאגא'ער פעדעריישאן אוו לייבאר, איז ער צוגעגאנגען צו איהם און געמאכט א מינע, אזוי ווי ער וואלט געווען פארטיג צו פארקאטשען די ארבעל און האבען א „פאיט" מיט פערלשטיין. נאטירליך, פאר פערלשטיין און פאר

(שלוס אויף זייט 13.)

„ניו יארק קאלל" ווערט דער אייגענטום פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט

דער פלאן פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל אוועקצושטעלען די „ניו יארק קאלל" אויף א געזונטען עקאנאמישען און גייסטיגען באדען, איז ענדליך אויסגעפיהרט געווארען.

פילע קאנפערענצען פון די פארשטעהער פון די פארשידענע יוניאנס, זיינען אפגעהאלטען געווארען, זייט דער ג. ע. ב. פון דער אינטערנעשאנאל האט אנגענומען זיין באשלוס. די התחלה איז געווען ניט אזא, וואס האט געקאנט איינעם געבען פיל מוט ווייטער אנצוגעהן מיט דער ארבייט. אבער פרעזידענט זיגמאן איז ניט פון די מענשען, וואס ווערען אזוי גיך ענטמוטיגט דורך פארשידענע שוועריגקייטען און שטערונגען, און איצט קענען מיר מיטטיילען, אז דער גאנצער פלאן פון דער אינטערנעשאנאל, אז די „קאלל" זאל ווערען דאס אייגענטום פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט אין ניו יארק און אויך קאנטראלירט פון איהר, איז א פאקט.

די ווירקליכע בעלי בתים פון דער „קאלל" זיינען איצט די איבער דריי הונדערט טויזענד יוניאן לייט, וואס געהערען צו די פארשידענע יוניאנס, וועלכע זיינען איצט די אייגענטימער פון דער מאיאריטעט סטאק פון דער „קאלל".

דער פריהעריגער אייגענטימער פון דער „קאלל", די „ווארקינגמענס קאאפעראטיוו פאבלישינג אסס'ן", האט בלויז 15 פראצענט פון סטאק. די איבעריגע 85 פראצענט זיינען דאס אייגענטום פון די יוניאנס, און, לויט דעם טשארטער, קען קיין אנדער ארגאניזאציע, ווי אן ארבייטער-יוניאן ניט האבען קיין „קאלל" סטאקס.

געווים איז נאך ניט אלעס פאלשטענדיג ארגאניזירט, אזוי, אז די צייטונג זאל אינערליך, ווי אויסערליך ארויסווייזען דעם געענדערטען כאראקטער איהרען. עס קען זיין, אז די „קאלל" וועט קריגען עטוואס אן אנדער נאמען, אזוי, אז מען זאל גלייך וויסען, אז זי איז דורך און דורך אן ארבייטער-צייטונג. מעגליך, אז עס וועט נויטיג זיין

(שלוס אויף זייט 16.)

קליוולענדער קלאוקמאכער דרעמלען ניט

דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און די בעלי בתים ענדיגט זיך אין דעצעמבער. די פארהאנדלונגען וועגען דעם נייעם אגרימענט וועלען זיך אנפאנגען אין אקטאבער. האט עס די קליוולענדער קלאוקמאכער יוניאן שטארק אין זינען, און זי הייבט זיך שוין אן פארבערייטען באצייטען. לעצטען פרייטאג איז איינבארופען געווארען א מאס-מיטינג, וועלכער איז אדרעסירט געווארען פון וויס-פרעזידענט פערלשטיין, קאטאווסקי און קריינדלער. די טשער איז געווען געפיהרט פון נייטען סאלאמאן, טשערמאן פון דזשאינט באארד, און דער מיטינג האט זיך אויסגעצייכענט מיט דעם העכסטען ענטוזיאזם.

ערשטענס איז צום מיטינג געקומען פון שיקאגא מ. פערלשטיין. שטארק פארנומען ווי ער איז אין שיקאגא, האט

(שלוס ואיף זייט 15.)

דרעסמאכער, אויפגעפאסט!

מיט אלע אייערע אנגעלעגענהייטען, קלאגען און אז. וו., מוזט איר זיך ווענדען צום דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן, 130 איסט 25טע סטריט, אויפ'ן פערטען פלאר. די אסס'ן דרעס שעפער שטייען אונטער דעם מענעדזשמענט פון ברודער י. הורוויץ; די אינדעפענדענט דרעס שעפער — פון ברודער ס. פריזאמט. אלע איטאליענישע דרעסמאכער זאלען קומען מיט זייערע יוניאן-אנגעלעגענהייטען צו מיס קאמפאנעלא, אויף דעמזעלבען פלאר.

לעבעדיגער ארגאניזיישאן-קאמפיין פון די קלאוקמאכער אין מאנטרעאל

דער קאמפיין פאר א שטארקע קלאוקמאכער יוניאן, פאר א קאמפעטענטע יוניאן איז איצט אין פולען גאנג.

די ברידער: מ. דעסמאנד, ד. לעוויט, דזש. קוביטץ און דזש. שובערט צוזאמען מיט בר. ס. גאלדבערג, וועלכער איז דירעקט אנגעשטעלט געווארען פון דער אינטערנעשאנאל צו העלפען אנפירען דיזען קאמפיין, האבען זיך ארייננגעווארפען אין דער ארבייט מיט דער גאנצער ענערגיע.

שעפער ווערען באזוכט יעדען טאג אין דער פריה, מיטאג און אווענד; מעמבערס, ספעציעל די „געוועזענע", ווערען באזוכט און מיט פארשידענע ארגומענטען איבערצייגט צוריקצוקומען אין דער יוניאן.

לעצטען דאנערשטאג האבען מיר געהאט א מאס-מיטינג. דער מיטינג איז געווען אויסערגעוויינליך גוט באזוכט, און דער ענטוזיאזם, וואס האט געהערשט איז געווען א זעלטענער. די רעזולטאטען זעהט מען שוין. — מעמבערס קומען אריין פון פארשידענע שעפער, און דער פראנצויזישער עלעמענט, וועלכער האט געבראכט א היבש ביסעל צרות, ערשטענס אונז, און דאן זיך אליין, קומען אויך אריין אין דער יוניאן. אראנדזשמענטס

(שלוס אויף זייט 16.)

לייבאר דעי קאנצערט אין יוניטי הויז, פארעסט פארק, פא.

אלע אראנדזשמענטס זיינען שוין געמאכט געווארען פאר דער פייערונג פון לייבאר דעי אין דער יוניטי הויז, פארעסט פארק, פא.

עס ווערט פאראנשטעלט ביי דיזער געלעגענהייט אן אויסערגעוויינליכער קאנצערט אין וועלכען עס וועלען זיך באטייליגען די פאלגענדע פראמינענטע קרעפטען:

מאקסימיליען ראוז, וויאלאניסט.
מרס. קיען, סאפראנא.
דייוויד שאפירא, פיאניסט.

די פראגראם איז אן אויסערגעוויינליכע און אלע באזוכער פון יוניטי הויז וועלען האבען אן אמת גייסטיגען גענוס.

א ספעציעלער טריין וועט אפפארען פון לאקאוואנא ריילראוד סטיישאן, פרייטאג דעם 31טען אויגוסט, אום 6.30 פארנאכט (דעי-לייט סייווינג צייט) און וועט פארען דירעקט קיין בושקיל, וואו די יוניטי „באסעס" וועלען אפווארטען די געסט און וועלען זיי אפפירען קיין יוניטי הויז.

רעדזשיסטריישאנס ווערען אנגענומען יעדען טאג אין אונזער אפיס, 16 וועסט 21טע סטריט, פון 10 אין דער פריה ביז 6.20 פארנאכט. פארפעלט ניט די געלעגענהייט און רעדזשיסטרירט זיך באלד.

עס ווערען אויך אנגענומען רעדזשיסטריישאנס פאר ראש השנה.

נעקסטער-מאנטאג איז א ליגעל האלידעי

קלאוקמאכער און דרעסמאכער! נעקסטען מאנטאג, לייבאר דעי, טאר קיינער פון אייך ניט ארבייטען. — קאמיטעס וועלען באזוכען די שעפער, און אין פאל זיי וועלען געפינען אימיצען ביי דער ארבייט, וועט ער שטרענג באשטראפט ווערען.

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 35.

זייט 2. די וואך — מ. ד. דעניש. ביי די סאמפעל-מאכער און קלאוק-שניידער, לאקאל 3. — ד. רובין.
זייט 3. לעצטער באריכט צום וו. און דרעס-מאכער דזש. באארד — דזשוליוס האכמאן. אינט. קאלענדאר — ה. סקולמאן.
זייט 4. עדיטאריעלע נאטיצען. ווילט איהר פארגרעסערען אייער וואג — פ. ל. א. ס.
זייט 5. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער.
זייט 6. ביי די לאקאלס אין באסטאן — א באאבאכטער. שיקאגאער דזש. ב. נייע באאמטע, ליידיס טיילארס לאקאל 28. — ב. דרייזין, סעקר.
זייט 7. חתנים (סקיצע) — אברהם רייזען. לייבאר דיי (פאעמע) — דזש. העלקען. לידער — נפתלי גראס.
זייט 8. פון דעם רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 9. די קלאוק און דרעס אינדוסטריע. — בערנארד אקערמאן.
זייט 10. מלאך המות-פאליטיק — א. זעלדין. קורץ און שארף — י. ב. ב.
זייט 11. וואס דער דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל קום און זאל טאן — דר. דזשארדזש מ. פרייס. דער סאבאטאזש פון די לינקע און דער פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן — מ. ראדיק.
זייט 12. דער פאנאגראף — ל. [illegible].
זייט 13. קורצע שמועסען. שלוסען פון ערשטען זייט.
זייט 14. לאקאל אדרעסען.
זייט 15. נאך אן אינדזשאנקשאן געגען ל. 62.
זייט 16. שלוס פון ערשטען זייט.

לעצטער באריכט צום דושאינט באארד דרעס און ווייסטמאכערס יוניאן

פון דושוליס האכמאן, מענעדושער.

איצטער, ווען אונזער יוניאן האט זיך אנגעשלאסען אן דעם דושוינט באארד פון די קלאוקמאכער און די לעבענס־געשיכטע פון דעם דושוינט באארד פון די ווייסט און דרעסמייקערס מיט זיין ווירקונג, קעמפע און דערגרייכונגען איז געענדיגט, דענק איך, אז עס וועט ניט זיין איבעריג צו געבען אן אלגעמיינעם איבערבליק אויף די וויכטיגסטע מאמענטען אין דער געשיכטע פון אונזער יוניאן.

אום צו קענען ריכטיג אפשאצען די אויפגעטאנענע ארבייט פאר אונזער יוניאן אין דער פארגאנגענהייט, מוז מען האלטען אין אויג דעם פאקט, אז אונזער יוניאן איז הויפטזעכליך א פרויען־ארגאניזאציע. די לעצטע ציפערען ווייזען, אז אין אונזער אינדוסטריע ווינען באשעפטיגט 77 פראצענט פרויען און נאר 23 פראצענט מענער. מיט איינינע יאהר צוריק איז דער פראצענט פרויען געווען נאך פיל גרעסער. לויט דר. סטאון'ס טאבעלען איז אין 1916 געווען גאנצע 85 פראצענט פרויען אין די ווייסט און דרעס טריידס און נאר 15 פראצענט מענער.

עס איז א פאקט, אז פרויען, אלס ארבייטערינס, ווינען ניט קיין באשטענדיגער עלעמענט אין דער אינדוסטריע. עס ווערט געשאצט, אז יעדע פינף יאהר בייטען זיך פאלשטענדיג די מיטגלידער פון אונזער יוניאן. דאס ווערט נאך מעהר ווי באשטעטיגט פון די לעצטע אונטערזוכונגען אין אונזערע לאקאלען.

לאקאל 22 האט היינט צו טאג א מעמבערשיפ פון אומגעפעהר ניין טויזענט. פאקטיש דיזעלבע צאהל מיטגלידער ווי מיט א יאהר צוריק. דאך האבען דריי טויזענט פון דיזער צאהל זיך אנגעשלאסען אן דער יוניאן דורכ'ן פארגאנגענעם יאהר. דאס זעלבע האט פאסירט אין לאקאל 89. דאס באווייזט, אז אומגעפעהר א דריטעל פון אונזערע מעמבערס בייטען זיך יעדען יאהר, ארער די גאנצע מיטגלידערשאפט בייט זיך יעדע דריי יאהר.

איך דערמאן דא דעם פאקט, כדי מיר זאלען קענען בעסער אפשאצען די קאלאסאלע ארבייט, וואס איז אויפגעטאן געווארען אין די לעצטע 15 יאהר. דורך דיזער צייט איז אויפגעבויט געווארען די גרעסטע פרויען־יוניאן אין דער וועלט.

עס איז געווען אין דעם 16־וואכיגען גענעראל־סטרייק פון 1909, ווען 13 טויזענט ווייסטמאכער האבען צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דעם ארבייטער־קאמף רעוואלטירט קעגען דער אונטערדריקונג פון זייערע בעלי־בתים, קעגען די שענדליכע קאנדיציאנען וואס האבען דאן עקזיסטירט אין די ווייסט־שעפער.

דער גלארדייכער קאמף האט ארויסגערופען דעם גרעסטען אינטערעס, סימפאטיע און באוואונדערונג ביי די ארבייטער און דעם אלגעמיינעם פובליקום ניט נאר אין אמעריקא, נאר אין דער גאנצער וועלט. עס וועט זיין ניט איבערטריבען צו זאגען, אז קיין ארבייטער־קאמף ביז דאן און נאך דעם האט ניט געציינען אזוי פיל אויפמערקזאמקייט, ווי יענער גענעראל־סטרייק פון די ווייסטמאכער.

אלס אן אינטערעסאנטע עפיזאד פון יענעם סטרייק איז ווערט צו דערמאנען, אז אן אסאסיאיישאן פון בעלי־בתים האט זיך דאן ארגאניזירט און האט געוואלט סעטלען מיט דער יוניאן קאלעקטיוו. די יוניאן האט זיך אבער דערפון אנטזאגט, ניט גלויבענדיג אין די ראטזאמקייט צו האנדלען מיט אן אסאסיאיישאן פון פאבריקאנטען.

דער סטרייק האט זיך געענדיגט. קאנטראקטען זיינען אונטערגעשריבען געווארען מיט ארום צוויי הונדערט פאבריקאנטען. די ארבייטער האבען געוואונען א 54־שטונדיגע ארבייטס־וואך און געוויסע עלעמענטארע רעכטע אין די שעפער. באלד נאכ'ן סטרייק האט די יוניאן געהאט ארום 10,000 מיטגלידער.

דיזע מיטגלידערשאפט האט זיך אבער לאנג ניט געהאלטען, ווייל די גרעסערע פאבריקען, אזוינע ווי „שער בראס." א. א., וועלכע זיינען געווען געצוואונגען צו סעטלען מיט דער יוניאן, האבען געבראכען דעם אגרימענט אזוי שנעל, ווי דער סטרייק איז געווען פאראיבער. און די מיטגלידערשאפט האט זיך שטארק פארקלענערט אין צאהל.

.1913

אין יאנואר, 1913, איז אונטערגעשריבען געווארען דער ערשטער קאלעקטיווער אפמאך אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע, צווישען דער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25 און די דרעס און ווייסט מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן. די הויפט־פונקטען פון דעם אפמאך זיינען געווען: ערשטענס, שטענדיגער פרידען אין דער אינדוסטריע; צווייטענס, א 50־שטונדיגע ארבייטס־וואך, און, דריטענס, אן אומפארטייאישער טריבונאל צו שליכטען אלע סכסוכים צווישען ארבייטער און ארבייטס־געבער, ווי אויך צווישען דער יוניאן און דער אסס'ן. עס איז אויך איינגעשטימט געווארען צווישען ביידע צדדים אפצושטעלען די גאנצע אינדוסטריע אויף א וואך צייט, כדי צו געבען דער יוניאן א געלעגענהייט צו ארגאניזירען די ניט־יוניאן שעפער. אלס א רעזולטאט פון דעם סטרייק האט די יוניאן ארייגגעקראגען טויזענדע מיטגלידער און פארשטארקט איהר איינפלוס אין דער אינדוסטריע.

.1916

אין אנהויב 1916 האט די יוניאן געשטעלט די באלעבאטים א צאהל נייע פארדערונגען, נעמליך: א העכערונג אין שכירות, ווייניגער ארבייטס־שטונדען און אן אלגעמיינע אויסבעסערונג אין דעם אגרימענט אום צו פארזיכערען די רעכטע פון די ארבייטער אין די שעפער. נאך פילע וואכען פון פארהאנדלונגען צווישען ביידע צדדים, זיינען די אלע פארערונגען איבערגעגעבען געווארען צו א באארד און ארביטריישאן, וועמעס אורטייל ביידע צדדים האבען זיך פארפליכטעט אויסצופאלגען. די באארד און ארביטריישאן האט נאך א גרינדליכער בארטאטונג ארויסגעגעבען די פאלגענדע ענטשיידונג: ערשטענס, אז די ארבייטער זאלען קריגען א העכערונג אין לוין פון 10 פראצענט; צווייטענס, אז די ארבייטס־וואך זאל באשטעהן פון 49 שטונדען; דריטענס, אז די מינימום סקיילס זאלען געהעכערט ווערען אויף 10 פראצענט. דערצו זיינען פילע פונקטען אין דעם אגרימענט באדייטענד אויסגעבעסערט געווארען. אונזער יוניאן איז געווען די ערשטע, וועלכע האט איינגעפיהרט די 49־שטונדיגע ארבייטס־וואך אין דער נאדעל־אינדוסטריע.

דער יאהר 1916 איז פאקטיש געווען דער לעצטער, ווען די באארד און ארביטריישאן האט געדינט אלס א מיטעל צו פארמיידען א גענעראל־סטרייק.

דער אגרימענט פון 1916 האט געבראכט מיט זיך פרידען, דאס איז אבער ניט געווען דער פרידען, וועלכער האט געהערשט אין די פארגאנגענע יאהרען. די ארמיניסטראציעס אין דער אסס'ן האבען זיך אנגעהויבען אפט צו בייטען. צו דער זעלבער צייט האט די ווייסט־אינדוסטריע אנגעהויבען פאלען. א גרויסע צאהל מיטגלידער פון דער אסס'ן האבען אויפגעעפענט גרויסע שעפער אין די דערבייאינע שטעטלאך ארום ניו יארק כדי דערמיט צו פארקלענערען די ארבייטס־קאסטען און אויך אום אויסצומיידען די פארפליכטונגען, וועלכע זיי האבען געדארפט נאכקומען לויט דעם אגרימענט. די אסס'ן, אנשטאט צו דיסציפלינירען איהרע מיטגלידער פאר ניט נאכקומען די פונקטען פון דעם אגרימענט, האט זיי געהאלפען מיט אלע מעגליכקייטען אונטערצוגראבען די פונדאמענטאלע פרינציפען פון דעם פראטאקאל. דאס האט געפיהרט צו שארפע קאנפליקטען צווישען דער יוניאן מיט דער אסס'ן.

בילדונג און די יוניטי הויז.

אין דעם זעלבען יאהר, גלייך נאכדעם ווי דער אגרימענט איז אונטערגעשריבען געווארען, האט דער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25 גענומען באטראכטען וועגען און מיטלען ווי אזוי אנצוהאלטען דעם אינטערעס פון די מיטגלידער אין דער יוניאן און צו מאכען די מיטגלידער פיהלען, אז די יוניאן איז ניט נאר א מיטעל פאר אויסקעמפען בעסערע ארבייטס־באדינגונגען, נאר אז עס איז אויך א פלאץ פאר גייסטיגער און פיזישער אנטוויקלונג. מיר מענען שמאלצירען מיט דעם, וואס אונזער יוניאן איז געווען די ערשטע ארבייטער־ארגאניזאציע אין לאנד, וועלכע האט געפונען פאר נויטיג צו עטאבלירען א בילדונגס־אינסטיטוציע, וואו די מיטגלידער זאלען האבען די געלעגענהייט זיך צו אנטוויקלען און ערציהען אונטער דער פיהרערשאפט פון דער יוניאן.

אין 1916 איז אויך עטאבלירט געווארען אונזער ערשטע יוניטי הויז, אין פיין היל, נ. י., אונטער דער פיהרערשאפט פון מיסס דושוליעט סטוארט פאינטץ, וועלכע אונזער יוניאן האט אנגאזשירט אלס אונזער בילדונגס־דירעקטאר, צוזאמען מיט א קאמיטע פון דעם עקזעקוטיוו באארד.

ביידע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען איינגעפיהרט געווארען אין דעם זעלבען יאהר, זיינען פארבליבען ביז היינט און אנדערע ארגאניזאציעס האבען נאכגעפאלגט אונזער ביישפיל און האבען אויך געעפענט יוניטי הייזער. אונזער בילדונגס־אינסטיטוציע איז געוואקסען און האט זיך אנטוויקעלט צו אזא שטופע פון פראמינענץ, אז אונזער אינטערנעשאנאל האט געפונען פאר נויטיג דאס איבערצונעהמען און איינפיהרען עס אלס איינעם פון איהרע וויכטיגסטע דעפארטמענטס.

די יוניטי־הויז־אידעע און דער אופן, ווי אזוי זי איז געוואקסען און זיך אנטוויקעלט פון דעם קליינעם פלאץ אין פיין היל צו דעם גרעסערען פלאץ אין בער מאונטענס, דעם נאך גרעסערען פלאץ אין אווערלוק מאונטענס און לעצטענס צום יעצטיגען פראכטפולען רייכען פלאץ אין פארעסט פארק, פא., צוזאמען מיט אונזער איטאליענישער יוניטי הויז אין סטעטען איילאנד, זיינען זאכען, וועלכע זיינען אלעמען באוואוסט און מיר געפינען פאר איבעריג איבער דעם זיך צו פארשפרייטען.

.1919

צום ערשטען מאל זינט דעם יאהר 1909 האבען זיך די באלעבאטים פאראמאסטען מיט אונז אין כחות און מיר זיינען געווען געצוואונגען ארויסצוגעהן אין א גענעראל־סטרייק. דער הויפט שטרייט־פונקט אין יענער סיטואציע האט זיך אנטוויקעלט פון אונזער פארדערונג איינצופיהרען א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך.

דאס איז געשעהן גלייך נאכדעם, ווי די וועלט־מלחמה איז פאראיבער. די לאגע אין דער אינדוסטריע איז געווען זעהר א גינסטיגע. די אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס איז צו יענער צייט געווען די איינציגע יוניאן, וועלכע האט איינגעפיהרט אין איהר טרייד די 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך. אונזער אגרימענט מיט די באלעבאטים איז אויסגעגאנגען. א קורצע צייט נאכדעם האט אונזער עקזעקוטיוו באארד באשלאסען צו פארערען די איינפיהרונג פון דער 44־שטונדיגער ארבייטס־וואך אין אונזער אינדוסטריע, און אויך א 15־פראצענטיגע העכערונג אין לוין.

די דרעס און ווייסט מאנופעקטשורערס אסס'ן האט זיך אנטשידען אנטזאגט נאכצוגעבען אונזערע פארערונגען, און זי האט נאך דערצו ארויסגעשטעלט פאלגענדע געגען־פארערונגען: ערשטענס, דאס פולע און אומבאגרעניצטע רעכט אפצוזאגען ארבייטער; צווייטענס, דאס רעכט צו רעארגאניזירען דעם שאפ צוויי מאל א יאהר, און, דריטענס, אפשאפען די גלייכע צוטיילונג פון ארבייט צווישען די ארבייטער אין צייט פון סלעקסיזאן.

פון דיזע געגען־פארערונגען איז געווען קלאר, אז די אסאסיאיישאן זוכט אונטערצוגראבען דעם צוטרויען פון די ארבייטער צו זייער ארגאניזאציע און אזוי ארום צוברעכען די יוניאן. דיזע שטעלונג פון דער אסס'ן האט געפיהרט צו א גענעראל סטרייק, וועלכער איז ארויסגערופען געווארען דעם 21טען יאנואר, 1919, און נאך 11 וואכען ביטערען און ענערגישען קאמף איז אונז געלונגען צו שליסען אן אפמאך, לויט וועלכען עס איז איינגעפיהרט געווארען די 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך און אונזערע מיטגלידער האבען זיך אומגעקערט צו דער ארבייט זיגרייך און מיט דעם באוואוסטזיין, אז אונזער יוניאן איז געווען די ערשטע, וואס האט איינגעפיהרט די 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך אין דער לעידיס גארמענט אינדוסטריע.

קאנטראקטארס אסאסיאיישאן.

דער וויכטיגער רעזולטאט פון דיזען סטרייק איז דאס, וואס מיר האבען אנגעהויבען צו באגרייפען, צום ערשטען מאל, אז מיר האבען ניט מעהר קיין ווייסט־אינדוסטריע. די ווייסט־אינדוסטריע איז פאקטיש פארשוואונדען געווארען, און אנשטאט איהר איז אויסגעוואקסען א נייע, דרעס־אינדוסטריע. צוזאמען מיט דעם פארשווינדען פון דער ווייסט־אינדוסטריע זיינען אויך פארשוואונדען די גרויסע שעפער. די ווייסט־אינדוסטריע איז אנגעפיהרט געווארען כמעט אויסשליסליך אויף דעם מאנופעקטשורינג באזיס, און אין דער צייט פון איהר העכסטער אנטוויקלונג האבען זיך געפונען שעפער, וועלכע האבען באשעפטיגט ארום 1800 ארבייטער אונטער איין דאך.

(פארטזעצונג פאלגט)

קלאוק, סקוירט און דרעס פרעסערס
יוניאן לאקאל 35
א ספעציעלע מיטינג
פון אלע ניו יארקער פרעסערס
וועט אפגעהאלטען ווערען
מאנטאג, דעם 27טען אויגוסט
אום 8 אוהר
אין פארווערטס האלל
175 איסט בראדוויי

מיט'ן צוועק פארטצוזעצען די דיסקוסיאן פון לעצטען מיטינג וועגען די יעצטיגע אלגעמיינע לאגע אין טרייד.

קומט אין מאסען און מאכט דיזען מיטינג א סוקסעס, ווייל דאס איז איינער פון די וויכטיגסטע מיטינגען פאר דעם לעבען פון אונזערע מעמבערס.

עקז. באארד לאקאל 35
דזש. בראסלאו, סעק.־מענעדזשער.

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

דער סטרייק פון די שיקאגא'ער קלאוקמאכער קעגען דער פירמע פערסיוועל ב. פאלמער האלט נאך אן אין פולען גאנג. די ארבייטער זיינען פעסט ענטשלאסען אנצופיהרען דעם קאמף ביז צו א זיג.

* * *

ווייסט און דרעס מאכער יוניאן ערקלערט א סטרייק געגען דער פירמע עקזעל און קא. פון 60 וועסט 15טע סטריט, דערפאר ווייל די פירמע וויל איינפיהרען אין „אפען שאפ". פאליס און גיינגס באוואכען דעם שאפ.

* * *

דער סטרייק אין קליוולאנד נעהמט נאך אן אין פולען גאנג. די ארבייטער פון לאנדעסמאן האלטען א מיטינג און באשליסען צו שטעהן אין סטרייק ביז צום לעצטען מאמענט און די קליוולענדער ענגלישע צייטונג „די פרעס", שלאגט פאר ארביטריישאן. קליוולענדער ביזנעס לייטע פיהרען איין סטעמפס פאר די סטרייקער. באסטאנער און פילאדעלפיער קלאוקמאכער טיילען זיך מיט 5 פראצענט פון זייערע שכירות. סקעבס פון די סאנשיין קלאוק קא. סטרייקען פאר העכערע ווידושעס.

* * *

דער סטרייק ביי פלעשבערג און גלעקסעל ווערט ענדליך געסעטעלט. אלע פארערונגען פון די ארבייטער ווערען נאכגעגעבען און די יוניאן קריגט א פאלשטענדיגען זיג.